STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06544

GEZANGEN FUN FRONT

Jose Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

[illegible] 21-XI-58

געזאַנגען פון פראָנט

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג איקוף מיט דער
מיטהילף פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

JOSE GOLDBERG

Canciones del Frente

POEMAS

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Copyright by — EDITORIAL ICUF
Impreso en la Argentina - Printed in Argentine

EDITORIAL ICUF
VALENTIN GOMEZ 3247
BUENOS AIRES
1 9 5 8

יאָסל גאָלדבערג

געזאַנגען פון פראָנט

איקוף פֿאַרלאַג
בוענאָס איירעס
1958

KANTOR
1958

דער דיכטער פון קאַמף

יאָסל גאָלדבערג ווידמעט זיין גאַנץ לעבן איין גרויסן ציל — דעם קאַמף וואָס די פּראָגרעסיווע מענטשהייט פירט קעגן דער רעאַקציע און פאַר שאָלעם און סאָציאַליזם.

דעם דאָזיקן קאַמף גיט ער אָפּ, זינט זיין פריסטער יוגנט, אַלע זיינע גייסטיקע און אויך פיזישע קויכעס, זיין האַרץ און זיין מויעד, זיין פרייע צייט און זיין פען. ער האָט דערפאַר ברייט געגאָסן פון פּאָליציייִשע רעדיפעס, און אין די בוענאָס־איירעסער טפיסע־קאַמערן איז געבאָרן געוואָרן ניט איינס פון זיינע לידער.

ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון ברייטן פאַרנעם. געפינענדיק זיך אַף פירנדיקע פּאָזיציעס פון דער יידישער פּראָגרעסיווער טעטיקייט אין אַרגענטינע, האָט ער אַ גרויסן ביילעק אין די גרויסע אויפטועז פון אונדזער יישעוו. עטלעכע און דרייסיק יאָר לעבט ער ביי די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ און עס וואָלט געווען שווער אָנצורופן אַ פּראָגרעסיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו אין וועלכער יאָסל גאָלדבערג איז ניט געווען באַטייליקט. די איצטיקע פּרעכטיקע איקוף־שולן האָבן אין אים אַן אַלטן פּיאָנער, וואָס האָט אין די שווערע צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן געלייגט זייערע ערשטע ציגל. אין דער פּראָגרעסיווער יידישער פּרעסע איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער איז געווען מיטגרינדער און מיט־באַטייליקטער אין יידישע זשורנאַלן, צייטונגען און אויסגאַבעס, וואָס צוליב זייער דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיוון אינהאַלט זיינען זיי אומגע־בראַכט געוואָרן אין די ביטערע צייטן פון ווילקיר מיצאַד די רעאַקציאָנערע מאַכט־אָרגאַנען.

און טאַקע מיט זיין פּעדער האָט ער דאָס גרעסטע דערגרייכט. ווייל יאָסל גאָלדבערג איז קוידעם קאָל און איבער אַלץ אַ שרייבער, אַ קעמפנדיקער שרייבער, אַ קריגערישער שרייבער. ווי אַ זשורנאַליסט — אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען — איז ער אָנגרייפעריש, מיליטאַנטיש. ער שאַנעוועט ניט דעם קעגנער, כאָטש ער קען זיין צאַרט און אַפילע ליריש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זאַכן און מענטשן וואָס זיינען אונדז אַלעמען ליב און טייער. ער שיסט די שאַרפסטע פיילן אין דעם לאַגער פון זיין אידעיִשן סוינע, ער איז מאַמעש צאָרנדיק, וואָס דאָס נעמט זיך ביי אים פון דער אַבסאָלוטער זיכערקייט אין דעם עמעס וועלכן ער דינט זיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן.

אָבער האַגאַם יאָסל גאָלדבערג גיט אָפּ זייער פיל צייט דער פּאָליטישער זשורנאַליסטיק, איז ער אין גרונט און קוידעמקאָל אַ דיכטער. ווען די באַדינגונגען וואָלטן געווען אַנדערע, ווען עס וואָלט ניט נייטיק געווען

צו שטיין אין טאָג־טעגלעכן זשורנאַליסטישן קאַמף, ווען מען וואָלט ניט געדאַרפט קעסיידער אָנגרײַפן, ווען מען וואָלט געקענט געניסן פון דעם לוקסוס פון שרײַבן בלויז לידער, וואָלט יאָסל גאָלדבערג זיך מיסטאָמע איבערגעגעבן אין גאַנצן זײַן געליבטער געטין, וואָס הייסט פּאָעזיע. ער וואָלט געשריבן אַזעלכע שיינע סטראָפעס, ווי „פרילינג":

„קום לאָמיר גיין אַנטקעגן די ווינטן —
די ווינטן צעבינדן די הימלען די בלויע,
עס שמעקט שוין מיט פרילינג ,עס שמעקט שוין מיט גרינסן,
סיפאַרשווינדן אין ערגעץ די מאָרגנס, די גרויע;
קום לאָמיר גיין און שפּאַנען אַנטקעגן
דעם פרילינג דעם נײַעם, וואָס גייט אָף די וועגן".
אָדער ער וואָלט געזונגען אַזוי ווי ער האָט געזונגען צום יאַם:
„איך בין בײַם יאַם ,די כוואַליעס שוימען און רייסן זיך צום ברעג,
צום ברעג מיט רויש, ווי כײַעס און מיט צײַן פאַרקריצטע;
אַט הייבט זיך איינע אויף און לויפט אַ שוימיקע צום וועג,
מיט שטורעם, און פון צאָרן־קאַס — אַן אָנגעהיצטע;
פאַרפלייצן דעם אַספאַלט וועט זי באַלד, זיך אַ יאָג טאָן איבער גאַסן
און גיי און ווייס — מיט כוואַליעס מאַכט מען ניט קיין שפּאַסן".

אָבער איצטער האָט יאָסל גאָלדבערג ניט קיין צײַט און ניט קיין סאַד געמיט פאַר אַזעלכע נאַטור־לידער. זיי זײַנען דאָ אין זײַן שאַפן, אָבער ניט אין קיין גרויסער צאָל. אויך אין דער פּאָעזיע איז ער אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם גרויסן סאָציאַלן געראַנגל פון אונדזערע טעג, ווו ניט דער יאַם, ניט דער פרילינג, ניט די נאַטור אין אַלגעמיין איז דער הויפּט־עלעמענט, נאָר דער מענטש, דער מענטש מיט זיינע שלאַכטן און מיט זײַן גאַנג צו אַ בעסערן מאָרגן. אין אָט דעם סאָציאַלן געראַנגל האָט דער פּאָעט זיך געשטעלט אַ פּראָגראַם פאַר זײַן האַרץ:

„מײַן האַרץ, זײַ שטאַרק ווי דער שטאָלענער שטאַנג,
וואָס ווערט אין אַ העלישן פײַער געשמעלצט,
פון מעכטיקע צוואַנגען נאָך דעם פאַרקלעמט,
און געהאַמערט פון פעסטע, פון אײַזערנע הענט".
„...מײַן האַרץ, זײַ ווי אַ שטיין אַ קאַלטער אין פעלד
ערגעץ פאַרוואָרפן אין עלנט און פרעמד;
ווי אַ שטיין אַ פאַרשטיינערטס, וואָס שווײַגט און איז טויב,
זײַ קאַלט און זײַ פרעמד צו רויבער און רויב"
„...מײַן האַרץ, זײַ ווי דאָס זײַד אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט,
פון מיידלשע טרוימען געגלעט און געגאַרט,
„...מײַן האַרץ, זײַ ווי דאָס זײַד אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט,
ווי דאָס זײַד פון דער פאָן אָף וועלכער מען וואַכט, —
וואָס וועט פלאַטערן העכער פון יעדן פאַרלאַנג,
וואָס טרוימער זי האָבן געוועבט מיט געזאַנג".

מיט אַזאַ דרייפאַכיקער האַרץ־פּראָגראַם האָט דער דיכטער אָנגע־

הויבן זיין שאַפונגסוועג מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק. ער האָט אויסגע־שטאַלט זײַן האַרץ, ער האָט עס געמאַכט האַרט ווי קיזלשטיין, און גלײַכ־צײַטיק איז ער געבליבן צאַרט, גלאַט און ווייך ווי זײַד. ווי מיליאָנען אַנדערע, איז ער געוואָרן אַ שמידער פון אַ נײַער וועלט:

„די וועלט איז אַ קוזשניע און מיר זײַנען שמידן,
מיר שמידן די פרײַהײַט, מיר שמידן דעם פרידן,
מיר שווייסן דעם גלמעס, מיר דערלאַנגען צו רוימען,
מיר גיסן אַרײַן שטאָל אין די טרוימען;
מיר הייבן די האַמערס, ווי זיגער די פענער,
ווי שטערן — די פונקען, זיי גלײַען נאָך שענער;
פײַער דאָס אײַזן, נאָך הייסער דער ציגל
וואָס איז פון אַקטאָבער ווי אַ לאָווע צעגליט".

דער מאָטיוו פון שמידן כאַזערט זיך קעסיידער איבער אין יאָסל גאָלדבערגס לידער. שטורעמען דאָס אַלטע און בויען, שמידן דאָס נײַע — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון אַלץ וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט:

„לאָמיר רױשן ווי כוואַליעס אין יאַמען,
אַף פליגלען פון שטורעם און ווינט
לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, צוזאַמען
שמידן אַ מעכטיקן באַגין!
פאָרויס די פאָן, פאַרטיזאַנער!
די שטאָלצע שטרענגע זין, —
וואָס האָבן דעם קיום, אין ווונדן,
געראַטעוועט פון רוין".

אָדער

„זינגער, ניט אַ שפּאַציר איז איצט דער גרויסער גאַנג,
וואָס ווערט באַגלייט פון לידער הייסע נאַכט און טאָג.
שמיד אויס אַ ליד, אַ שטאָליקן געזאַנג
און זינג אים אויס אַף יעדן ראָג.
זינגער, זינג און פיר די גרויסע שלאַכט
אָן צווינג אַרויף דײַן ליד אַף נאַכט.
זינגער — וועב! זינגער — שמיד! זינגער — וואַך!
און העך פון אַלע הויכן, דער סוינע פאַלט און קראַכט".

אָדער גאָר, ווען ער זינגט „צו די יונגע לאַמפּן־צינדער", די טאָל־מידים, וואָס האָבן געענדיקט אַ ייִדישע מיטלשול אָפּן נאָמען פון י. ל. פּערעץ:

„זײַט דרײַסטער ווי ווינטן
אין כמאַריקע טעג.
זײַט ברויזיק ווי כוואַליעס,
ווען סישטורעמט סיגעיעג;
זײַט העכער ווי סאָטנעס.

וועו מידארף וואד זיין און זען,
און זייט ווי טרומייטן,
ווען פרייהייט ווערט באדראט און געקייטלט אין קייטן:
זייט די שמידער פון טרוימען,
וואס מיר האבן געשמידט,
און שמידט שטארקער און העכער אונדזער ליד".

ווען מען זאל וועלן איינטיילן יאסל גאלדבערגס פאעטישע שאפונג טעמאטיש, וואלט געווען גאנץ שווער. פאקטיש איז ביי אים פאראן איין טעמע — אפילע אן וואריאציעס. אבער דאך זיינען דא בייטעמעס. קוידעם קאל איז דער דיכטער פארבונדן מיט ארגענטינע און מיט די קאמפן אין זיין נייעם היימלאנד. אפן גרונט פון זיינע לידער וואלט מען אפילע געקענט צונויפשטעלן סכעמאטיש די געשיכטע פון דער יידישער אימיגראנטישער מאסע זינט די 20ער יארן. מיר זעען ווי אזוי די דאזיקע מאסע ווערט דא פראלעטאריזירט, ווי אזוי זי גייט אריין אין די פאבריקן און ווארשטאטן, ווי אזוי זי ווערט ארגאניזירט, ווי אזוי זי קעמפט, אין איינעם מיט די פראלעטאריער פון אנדערע נאציאנאליטעטן. די סעריע לידער גאלדבערגס פון יענע יארן איז אויטאביאגראפיש, דער מעכאבער גופע איז געווען א פראלעטאריער, פארבונדן דורך קולטורעלער און סינדיקאלער טעטיקייט מיט פלייש־פאבריקן, אין איינעם מיט איטאליענער, בולגארן, פאליאקן, ארגענטינער. אויב אין די דאזיקע ערשטע לידער איז נאך דא צו מערקן היפשע פאעטישע אומרייפקייט און אנפאנגערישקייט, זיינען זיי אבער שטארק אוממיטלבאר און זיי ווירקן מיט זייער טמימעסדיקער אויפריכטיקייט. אין לויף פון די וויטערדיקע יארן איז גאלדבערג דיכטעריש רייף געווארן. דערווייל זיינען פארגעקומען טיפע ענדערונגען אין דער געשטאלטיקונג פון יידישן יישעוו. אין מיטן פון די דרייסיקער האט ייד דער פראלעטאריזאציע־פראצעס פון דער יידישער מאסע אפגעשטעלט. עס זיינען אבער אויפגעקומען נייע מאטיוון פון קאמף, נייע פראבלעמען. דער קאמף קעגן פאשיזם און נאציזם, קעגן דעם לויערנדיקן קריג, און שפעטער, אין די יארן פון דער אנטיהיטלעריסטישער מילכאמע — דער קאמף פון די סאלדאטן אף די פראנטן, פון די פארטיזאנער אין די וועלדער, פון די יידן אין די געטאס קעגן די נאציסטישע רויב־חייעס, וואס האבן מיט בלוט פארגאסן א האלבע וועלט און אומגעבראכט צענדליקער מיליאנען מענטשן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען זעקס מיליאנען אומשולדיקע יידישע ברידער און שוועסטער — דאס אלץ האט געפונען א דירעקטן אפקלאנג אין יאסל גאלדבערגס שאפונג. אויב ווי א זשורנאליסט האט ער אין דער טאג־ציייטונג אדער אין דעם וואכן־זשורנאל רעאגירט אף יעדער וויכטיקער געשעעניש, האט ער דאס זעלבע געטאן, נאר מיט פאעטישע מיטלען, אין זיינע לידער. אט פאלט א העלדישער ייד, מייער ליסט, אין שלאכט, ערגעץ אף די שפאנישע קאמפספעלדער. ער האט באצאלט מיט זיין לעבן פאר דער גרויסער זאך וועלכער ער האט געדינט. ס'איז גאלדבערגס א פערזענלעכער כאווער. צוזאמען האבן זיי דורכגעמאכט טורמע און דעפארטאציע. הייליקט אים דער דיכטער ווייטיקדיקע

שורעס, אָנגעזאָפּטע מיטן טיפן גלויבן, אַז דאָס בלוט זײַנס וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דער שפּאַנישער ערד וועט ניט גיין פאַרלוירן:

„אין סאַמע ברען פון גרעסטן הייליקן קאַמף האָט אַ קויל
צעלעכערט דײַן מאָרד.
כאַווער! „ווער ס'איז געקעכט פאַרלירט קיין מאָל נישט
קיין שלאַכט"!
איך שרײַ דײַן וואָרט איצט אויס, מיטן גרעסטן קויעך
פון מײַן קאָל,
ווײַל ס'פּלאַטערט הע́כער אונדזער פאָן, און מיר זײַנען
שטאַרקער נאָך געוואָרן מיליאָנען מאָל".

און ווען צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין דער ווײַט־נאָענטער גוואַטע־מאַלאַ, האָט אַ סאָלדאַט אַ קעמפער, וואַסקעז סאַנטשעז, אַוועקגעלייגט דעם בלוטיקן דיקטאַטאָר קאַסטיזשאָ אַרמאַס, און דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן, זעט אין אים דער דיכטער אַ צווייטן הירש לעקערט, דעם העלדישן זון פון די ווילנער יידישע אַרבעטער:

„כ'האָב דײַן פּאָנים קיין מאָל ניט געזען,
נאָר אין אויגן דײַנע געהעלט האָט דער פלאַם פון הירשקע
ל'עקערט,
ווי לעקערט האָסטו געפּרעגט: פאַרוואָס מענטש ווערט
געפּייניקט און פאַרשעמט?
ווי ער, שווײַגן ניט געקענט, ווײַל ס'איז שוין פול דער בעכער".

אַלץ וואָס קומט פאָר אַף אונדזער ערד גייט ניט דורך אומבאַמערקט פאַרן פּאָעט. אין ליד „מײַ 1955 אין פיר פונקטן פון דער וועלט", נעמט דער דיכטער אַרום מיט זיין בליק די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, כינע און בוענאָס־איירעס. ער זעט די פינצטערניש און דאָס ליכט, אָבער —

„אויך דאָרט, וווּ ס'איז פינצטער — העלט,
און ס'וועט ליכטיק און ליכטיקער ווערן".

עס קומען אָבער אין דער וועלט פאָר ניט בלויז פינצטערע זאַכן, ניט בלויז בלוטיקע שלאַכטן און העראָאישע קאַמפן, וווּ עס פאַלן מענטשן. עס געשעען וווּנדערזאַכן, מערקווירדיקע אויפטוען פון מענטשלעכן גײַסט. עס ווערן רעאַליזירט וויסנשאַפטלעכע טרוימען פון יאָרהונדערטער. אין אָקטאָבער 1957 ווערט געבאָרן די ערשטע קינסטלעכע לעוואָנע, אַ פאַר־טראַכטע דורך מענטשלעכע מוֹיכעס און אַ רעאַליזירטע דורך מענטשלעכע הענט. זי איז אַ פּראָדוקט פון דעם גרעסטן וווּנדער פון אונדזער יאָרהונ־דערט און עפּשער פון אַלע צײַטן — פון דעם לענינישן אָקטאָבער־טאָט פון 1917. אַזאַ פּאַסירונג פון קאָסמישן כאַראַקטער, וואָס האָט אויפגע־רודערט די גאַנצע מענטשהייט, האָט אויך אויפגעשטורעמט דאָס האַרץ פון דעם ייִדישן דיכטער פון בוענאָס־איירעס:

„זי פליט די קינסטלעכע לעוואַטע,
פערצן מאָל אין טאָג, איבער דער ערד,
זי איז געשטאַלט פון לענינס כאָכמע,
פון דער מי פון די בלעכערס,
געשטויסן פון דער קראַפט פון 1917.
זי ברענגט די צוימען פון די רוימען,
אַ נײַע עראַ גייט אויף,
אַ ליכטיקע זי העלט ווי די זון,
אויב ניט נאָך העכער.
ווי די זון פלוס פרייז,
ווי די זון פלוס פרײַהײַט,
זי איז אַ רינג פון די גרויסע מענטשלעכע זיגן,
פון דעם אויפגייענדיקן און זיגערישן סאָציאַליזם".

עטלעכע שאַפונגען גאָלדבערגס וואָלט מען געקענט פאַררעכענען צו אַ מין מישפּאָכע־טעמאַטיק. ער גרייסט זיך מיט זיין פּראָלעטאַרישן יִכעס, מיט זײַן זיידן דעם בלעכער, מיט זײַן טאַטן שלוימע דעם סטאָליער, מיט זײַן מאַמען, דער נייטאָרין. נאָך מער גרייסט ער זיך מיט זײַן יִידישן פאָלקסאָפּשטאַם. ער איז פּאַשעט שטאָלץ וואָס ער איז אַ ייִד און וואָס זײַן שפּראַך איז ייִדיש. ער האָט זייער ליב אונדזער מאַמע־לאָשן. איינע פון זײַנע גרעסטע שאַפונגען טראָגט טאַקע דעם נאָמען „ייִדיש”:

„סיהאָט זשאַרגאָן אָרײַנגעטאָטעמט ווערטער,
וואָס האָבן זיך צעקלונגען פריש און נײַ,
ס׳איז געווען אַ רוף צו ברידער און צו שוועסטער:
צערײַסט די קייטן און לאָמיר ווערן פרײַ!"
אָבער ייִדיש איז ניט בלויז זשאַרגאָן:
„סיהאָט די וויסנשאַפט אָף ייִדיש זיך צערעדט
און טיפע כאָכמע־קוואַלן געוואָרן זײַנען אָפן;
מען האָט זיך דערלאַנגט צו איינשטיינס רעאַליטיוויטעט,
צו מאַרקסן און צו לענינען געטראָפן,
ס׳איז די שפּראַך געוואָרן ווי אַ בוים מיט צווײַגן,
געוואָרן איז די שפּראַך אַ זאַפטיק פרישער קוואַל,
און ניט געקוקט אָף אַלע פריערדיקע לײַדן
קויכעס נײַע זיך צעוועקט האָבן מיט פּראַל".

יאָסל גאָלדבערג איז, פאַרשטייט זיך, אַ דיכטער אַן אָפּטימיסט, פאַר קיין מאָרעשכוירע איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין זײַן וועלט־אָנשויונג:

„פאַרשטומט איז שוין איצט דאָס וואָיען פון וועלף,
וואָס האָבן געשראָקן מיט טויט און רעציכע,
דער יאָרהונדערט פון סאָציאַליזם האָט זיך צעהעלט,
סיהאָט יעדער פון אונדז זײַן אייגענע שליכעס.
ס׳ווערן ברייטער די וועגן, ס׳ווערט מונטער גאַנג,
ס׳קרישלען זיך די ווענט פון שמער און טעראָר;

אויב אַרבעט — איז געאַרבעט, אויב זינגען — דערלאַנג!
לאָמיר זינגען און בויען אין אַ מעכטיקן כאָר!"

און אויב דער פּאָעט איז פול מיט אַזוי פיל גלויבן אין לעבן, איז ער בעמיילע שטאַרק פאַרגלויבט אין דעם קויעד פון זיין אייגענעם שטאַרק־סטן געווער, פון זיין וואָרט:

„אונדזער וואָרט איז טוי און אונדזער וואָרט איז רעגן,
וואָס זאַפּטיקט, שטאַרקט און וועקט צום לעבן.
אונדזער וואָרט — ווי אַ שטראָם, עס שפּאַרט דורך צוימען
און דורך שטיינער,
עס רוישט אין טיפעניש פון דער ערד און איז פון הימל ריינער".

מען קען זייער אַ סאַך לידער פון ברויזיקן אָפּטימיזם טרעפן ביי יאָסל גאָלדבערגן. אָט אַ שטייגער דאָס שיינע ליד, „ס'גייט, ס'גייט אויף דער ליכטיקער מאָרגן":

„קאַיאָר שניידט לאַנגזאַם זיך אַריין אין פאַרוואָלקנטן הימל,
ווי אַ וואַסערשטראָם אין כוואַליקן פליסן ביי אַ רויקן ברעג;
ער וועקט די ביימער און די פייגל, פאַרטייעטע אין דרימל,
אין שויבן ער העלט אַריין און ביַיסט זיך איין יעדן וועג;
ווי אַ שטאַפּעט וואָס נידערט אַראָפּ פון בהמג, מיט בסורעס
באַלאָדן,
גייט אויף פאַר דער גאַנצער וועלט דער ליכטיקער מאָרגן".

יאָסל גאָלדבערג איז איינער פון דער גרויסער מאַכנע, וואָס העלפט ברענגען דעם קאַיאָר און דעם דאָזיקן ליכטיקן מאָרגן. ער באַטייליקט זיך דערין מיט איינעם פון די איידלסטע קלייזייען, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן — מיט דעם פערז, מיט דער דיכטונג. און די יידיש־לייע־נענדיקע מאַסן זיינען אים זיכער דאַנקבאַר פאַר זיין שיינער פּאָעטישער שאַפונג.

אין דעם איצטיקן בוך גייט אַריין בלויז אַ טייל פון דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער איז מעכאַבער פון דערציילונגען, פון קינדער־לידער — וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין יידישע צייטונגען און קינדער־זשורנאַלן אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער — און פון נאָך פיל לידער פאַר „גרויס און קליין", וואָס זיינען ווערט פאַרעפנטלעכט צו ווערן אין בוך־פאָרעם.

צו זיין איצטיקן ערשטלינג ווינטשן מיר דעם מעכאַבער, ער זאָל קעסיידער זיין שעפעריש, ער זאָל אָנשרייבן פיל אַזעלכע־פּרעכטיקע סטראָפעס, ווי:

„די וועלט איז אַ שיינע, און מיר זיינען טרוימער,
מיר ווילן זי מאַכן אי גרעסער, אי גרוימער;
מיר ווילן די הימלען פאַרשיטן מיט שטערן,
העכער ווי די זון די פרייהייט וועט ווערן" . . .

מ. זאַקין

אָנקום

אַ כוואַליענדיקער שטורעם האָט מײַן שיף געטראָגן
איצט האָט זי פאַראַנקערט באַם פרעמדן ברעג,
אָ, וואַנדערשיף פון מײַנע נעכט און טעג,
ווי ווײַט, ווי ווײַט האָסטו מיך פאַרטראָגן.

אַ פרעמדע נאַכט פאַרטוליעט גיך אַ קלאַנג אין ציטער,
מידע כוואַליעס פאַרוויגן אים אַף לאַנג,
מײַן בענקשאַפט ווערט צעטראָטן אין געדראַנג,
כ׳בין אין גאַסן רווישיקע, פון ערגעץ־ווו אַ שפּליטער.

אַ שטאָט פון ליכט, פון דערוואַרטונג און פון וואָר,
אַ בלויע נעכט, פאַרבענקטע און אין צאַפּל,
וואָס פאַרטרויען סוידעם דאָ אַף יעדן ראָג;
איך קוק צו דיר מיט אויגן אָפענע און קלאָר,
מײַן ערשטן טראָט, כ׳פאַרוואַנדל אין אַ שטאַפּל,
אַ דרייסטער כ׳שפּאַן אַצינד צום נײַעם טאָג.

ערשטע טריט

.. אונדזער טאָג

אינדערפרי

כאַפּן מיר זיך אויף אינדערפרי,
ניט טויט, ניט לעבעדיק,
אַהאָ!
שוין שפּעט!
און אַ וואָרט ניט ריידנדיק,
טוען מיר זיך אָן,
וואַשן זיך האַסטיק אַרום
און לויפן גיך אַוועק.

שטייען מיר, אַ כאַלאַסטרע,
בײַ אַ ראָג פון אַ גאַס און וואַרטן.
קעגנאיבער אונדז אַ צווייטע,
אַ דריטע,
אַ פערטע;
פון פענעמער שוואַרצע,
שטאַרצן אויגן אָנגעשטרענגטע,
און זוכן אין דער ווײַט פון גאַסן:
ער גייט נאָך ניט?

אומגעדולדיקע הענט וואַרפן זיך,
פים שפּאַנען,
מײַלער מורמלען —
שפּעט!

לויפט אַ טראַמווײַ פאַרבײַ,
אָנגעזעצט מיט אַזעלכע ווי מיר; —
הענגען מיר זיך אָן
אַף די טרעפּלעך,
אַף די ווענט,
אַף עמעצנס הענט —
און טראָגן זיך פאַרצאַפּלטע אַוועק.

באַטאָג

נאָכמיטאָג פאַלן מיר מיד,
מ'שלאָפט אײַן, צעוואָרפן די אָרעמס,
אַפן וואַרשטאַט, אַף דער ערד,
ווי געפאַלענע הארוגים
און שווער.

איינער אָטעמט מיד, אַ צווייטער קרעכצט,
און ווער עס ציט זײַן האַנט אויס —
אַ געבײַלטע פויסט,
און צאָרנט,
און מיט האַלבע ניט דערזאָגטע ווערטער
ער פרעגט:
פאַרוואָס?...
פאַרוואָס?...
ביז ווען?...
עס שטומען די וואַרשטאַטן און מאַשינען.

אַ באָכער, וואָס פאַרזיצט זײַן רו־שאָ אין שענק,
רײַסט זיך אַרײַן:
העי! שוין צײַט!
און אַ קלונג:
איינס, צוויי, דרײַ!
זײַנען מיר אַלע באַלד אַף די פיס,
מידע, אײַנגעהאָרבעטע,
ווי אַ סטאַדע בעהיימעס, אין אַ הייסן זומער־טאָג,
ווען זיי דערהערן דעם פײַף,
פון פאַסטעכס בײַטש.

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט, פאַרנאַכט,
פרײַ פון דער מאַכט —
באַלעבאָס!

הערט זיך דער לעצטער קלאַפּ
פון לעצטן מאָל אַראָפּלאָזן די הענט —
טראַך!
פאַרשטומט דער לעצטער רויש פון מאַשינען —
שאַ־אַ־אַ!
גלײַכן מיר זיך אויס,
אָפּציִענדיק דעם אָטעם:
שווער, שווער!
און מיר צעגייען זיך
באַזונדער און צוזאַמען,
אַהיים,
צו אייגענע פיר גרויע ווענט,
און צום שמייכלענדיקן שוועל...

ברומט פון אײַלעניש די גאַס:
גיכער, גיכער!
דעם וועג לאָז פרײַ
פאַר די וואָס שפּאַצירן דאָ
העל און גרינג — — —
נאָר מיר פּלאָנטערן זיך לאַנזאַם,
ווי מידע פערד ציִענדיק אַ שווערע מאַסע,
שפּאַנען מיר טראָט נאָך טראָט.

אין די אָוונטן

אין די אָוונטן,
אָפּגעפּרישטע פון שאָען רו,
שמידן מיר פון אונדזער האַס און זאָרג
דאָס געווער
פון שאַרפן וואָרט און האַרטן פויסט,
קעגן סאָנים, אונטערדריקער,
קעגן פייַנט
פון אונדזער גרויען נעכטן
און פון אונדזער שווערן הײַנט.

אין סינדיקאַטן,
אין אַרבעטער־היימען,
וועבן מיר,
שמידן מיר דעם ניצאָכן,
וואָס וועט אויפגיין ווי די זון,
און וועט קיינמאָל מער פאַרגיין.

מײַן זוניק לאַנד

אין די גאַסן אָרעמע פון מײַן זוניק לאַנד
נעסטיקט זיך די נויט בײַ יעדער טיר און וואַנט.

ניטאָ קיין ברויט, קיין אַרבעט און קיין העמד
און כאַטש נעם און וואַרף אַוועק די הענט.

פון שטאָט צו שטאָט, פון גאַס צו גאַס, דער זעלבער ווינט,
אין מיסטן נאַר צו שאַרן, ראַיען ווי די הינט.

פיצלעך קינדער גייען אום, פאַרקויפן זייער ברוסט,
ווי אַ זייגער, צוועלף קלאַפּט אויס דער הוסט...

דער לעצטער הוסט, דערנאָך איז שטיל, דערנאָך איז שאַ,
מאַמעס אויגן רינען אויס פאַר וויי און שאַנד...

אַ טאַטע

איז געגאַנגען אַ טאַטע דורך גאַסן פאַרטאַיעט אין טרויער,
מיט בלײַאיקע טריט זיך געוואַקלט, און שווער זיך געשלעפּט,
זיך געשלעפּט, געקוקט און געפרעגט און מיט זיך גערעדט,
און געבליבן שטיין בײַ יעטוועדן ניט פאַרענדיקטן מויער.

די לאַסט איז אַזוי ליב און די לאַסט איז אַזוי שווער,
פינף בלאָנדע קעפּלעך וואַרטן לעבן טיר,
וואָלט גוט געוועזן פאַרדינען כאָטש אַ פּעזעם פיר,
און פון טאַטנס אויגן קײַקלט זיך אַ טרער.

נאָר שווערער רויש מאַשיניקער איז שוין לאַנג אין גאַנג,
און ס'לאָזן האַמערס זיך אַראָפּ פון פעסטע הענט,
גייט אַ טאַטע אום פון גאַס צו גאַס פאַרקלעמט,
פאַרבענקט נאָך ברויט און האַמערשן געקלאַנג.

איז געגאַנגען אַ טאַטע אין גאַסן פאַרטאַיעט אין טרויער,
און אין האַרץ און אין בלוטן האָט שטיל זיך דער הונגער געוויגט,
האָט טאַטע געפלאָכטן פון יאָרן פאַרהונגערטע אַ שטריק
און האָט זי אין שלייפן פאַרוואָרפן, אַף העלדזער פון וועלטן,
פון גרויע.

בעריסאָ

.1

איז אויסגעוואַקסן דאָ אַ שטעטל אינעם פעלד,
מיט גאַסן און מיט מענטשן און מיט קראָמען און מיט נויט
און מיט סירענעס מעכטיקע, וואָס רײַסן אויף ווי שרויט —
און רעווען לאַנג, און רעווען ווײַט.

פיבערט שטעטל אינדערפרי, ציטערט טראָט, און ס׳ציטערט שטיין,
אײַלן פלייצעס, אײַלן פיס און אײַלן הענט,
און קאַלט און בייז זיך קוקן אום די גרויע ווענט, —
און שלינגען אײַן אין זיך אַלץ מער און מער.

נאָר וויפל בלײַבן שטיין אַזוי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ —
די טויערן געשלאָסן שווין און רעדער שווינדלען גיך אין רויש
און מיט ברייטע טריט, גייט שמייכלענדיק די זון אַרויס —
און ציט זיך אויס.

וואַקלען פיס זיך איבער גאַסן און איבער סקווער,
זיצט מען אָנגעשפּאַרט אַף בענק און שווײַגנדיק ווי שטיינער —
בולגאַרן, יידן, רוסן, איטאַליענער,
מיט פרישן שטויב נאָך פון די נאָענט-ווײַטע לענדער.

.2

מיט נאַכטישע טריט, אין גראָען באַגין
געאײַלט האָבן די אַרבעטער זיך גיכער,
צו שווערע טויערן פון פריגאַריפיקע,
וואָס קוקן אַזוי שטײַף און אַזוי זיכער.

געשטאַנען זײַנען זיי אַלע און געוואַרט,
מיט גרייטע הענט צו טראָגן און צו דרייען,
ביז טויער האָט געעפנט זיך מיט האסט —
און געהייסן האָט מען שטעלן זיך אין רייען.

ס'האָט אַ שמאַלציק מענטשל אַ ווײַל געקוקט,
געקוקט, געציילט און הארב געשוויגן —
ס'האָט ברייטע פלייצעס טויער צוגענומען
און שמאָלע זײַנען אָפּגעבליבן.

דערנאָך האָט מען דערקלערט: „וויסן זאָלט איר, ז'אָ דאַרף מען אַרבעטן,
ניט טומלען און ניט זײַן קיין פּראָפּאַגאַנדיסט,
ווײַל — מיר זײַנען דאָ אַ נאָרד־אַמעריקאַנער קאָמפּאַני
און האָבן פײַנט אַזעלכע שטיק".

.3

און כאַטש סע ווערן גלידער אויסגעמאַטערט דאָ
פון האַרעווען די טעג,
און יעדער מאָרגן איז מיט אַרבעט דאָ ניט זיכער —
האָט מען געקלערט, געטראַכט, — מען דאַרף אַ קלוב
און ס'איז נייטיק אויך אַ שאַפע ביכער!

געווען איז עס אין אָוונט-צײַט אין רעסטאָראַן,
מען איז געזעסן בײַ די טישלעך און געגעסן,
איז אַרײַן אַ באָכער מיט אַ פּעקל צײַטונגען אין האַנט,
געזוכט, ווי ער וואָלט עפּעס דאָ פאַרגעסן.

האָט איינער אים אַ ווונק געטאָן צו דער וואַנט,
און אַ צווייטער האָט גערופן אַ כאַווער,
מען האָט גערעדט שטייענדיק באַנאַנד,
און דערנאָך איז מען געזעסן לאַנג צוזאַמען.

מען האָט באַשטימט צו עפענען אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק,
אַ היים פאַר אַרבעטער פון אַלע לענדער,
און בויען זי און פאַרהיטן זי, וועט
אַ פאַרוואַלטונג פון בולגאַרן, רוסן, יידן, איטאַליענער.

.4

אַ ווינטל איבער גאַסן לויפט, אַ ווינטל שטיפט,
און הײַזער שטייען זיך פאַרנורעטע און שווײַגן;
אַרײַן אין נאַכט אין שטאָט מיט ביידע פיס
און זיך אויסגעשפּרייט אַף דעכער און אַף גאַסן און אַף צווײַגן.

נאָר ערגעץ אין אַ זײַט זיך, שפּאַרט אַ ליכט פון פענצטער,
רופט און בליצט און וואַרפט אַ העלע שײַן,
עס איז אַ יאַנטעוו הײַנט, מען עפנט אונדזער קלוב —
גוט-יאַנטעוו און גוט-יאָנטעוו, קומט אַרײַן!

כ׳בין געגאַנגען איבער שטעטל הײַנט אַזויפיל שאָען,
מיט האַרטע טריט דורך געסעלעך און גאַסן.
זאָלן זײַן געזונט אָט די וואָס העלפן בויען,
זאָלן זײַן געזונט אָט די וואָס ליבן און וואָס האַסן.

ס׳וועט ווי אַ ווינט זיך דורכיאָגן פאַרדאָפּלטער באַפעל —
און פון אומעטום קאָלאָנען וועלן שפּאַנען;
און אַף יעדן רוף: — זײַט גרייט! זײַט גרייט!
מיליאָנען וועלן ענטפערן — מיר זײַנען שוין פאַראַנען!

עס לײַכטן דאָ באַ אַלעמען די פּענעמער פאַר פרייד
ס׳איז יעדע גראָבע פּוס — אַ זינגענדיקער שפּאַן.
איז ווי געפעלט אײַך אונדזער קלוב און אונדזער ביבליאָטעק? —
גוט-יאַנטעוו און גוט-יאָנטעוו און קומט אַרײַן!

.5

ס׳האָט דער פאָרזיצער זיך אויפגעשטעלט,
אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:
כאַוויירים! זעצט זיך אוים, דער אָוונט איז דערעפנט! —

און האַסטיק האָט צעקלונגען זיך דער „אינטערנאַציאָנאַל״,
עס האָט אַ גאַס זיך אויפגעוועקט פון שטראָמיקן געזאַנג,
זיך אויפגעוועקט און ראַשיקע געקומען,
מיט אויגן בליציקע,
שטיל זיי האָבן מיטגעזונגען,
דעם ניגן פון אינטערנאַציאָנאַלן כאָר...

און געזונגען האָבן ברידער —
לידער
אַף שפּראַכן פיר,
לידער פון קאַמף, פון קלעם און זיג,
און אַז פאַרפעלט האָט באַ אַ כאַוועך אַ בולגאַר אַ וואָרט,
אַרויסגעהאָלפן האָט דער ייִד;
עס איז איין ליד,

און יעדערער איז אין קאַמף אַ רינג —
געזונגען האָבן ברידער
לידער אָן אַ שיר,
אַף שפּראַכן פיר.
און נאָכדעם האָט גערעדט דער ברוינער מעטאַפּוני,
און ס׳האָבן ליפּן זײַנע אויסגעקרימט זיך
גאַליק שאַרף:

כאַוויירים!
אומעטום ווו מען איז פאַראַן,

שטיין דאַרף מען אַף דער וואַך.
און אַ גרוס די ברידער איטאַליענער,
אין די טפיסעס
פון פאַרפייניקטער איטאַליע.

און ס'האָבן נאָך גערעדט:
דער כאַוועך גאָלוב און כאַוועך שמועל,
וועגן פריגאָריפּיקע
און קלוב און ביבליאָטעק, —
ס'איז קיינער ניט פון יענעם אָוונט סטאַם אַזוי אַוועק;
ס'האָט אַלעמען ווי אַ רויטער פאָדעם דורכגענומען,
ווי איבער גאַסן ציט מען דורך אַן עלעקטרע־דראָט,
און אַז מען דאַרף —
אַ דריק —
און ליכטיק ווערט אין שטאָט...

.6

מען האָט געטרונקען ביר און געגעסן שוואַרצן ברויט מיט הערינג,
ס׳האָט אַ כאַוועד פאַרגעלייענט און אַ כאַוועד האָט גערעדט,
שטראָמען פרייד געשלאָגן האָבן דאָ מיט קראַפט,
ווי עס שלאָגן מיט ראַכוועס,
פאַרצוויבערטע אין הימלבלוי,
כוואַליעס אין אַ זומער-נאַכט.

ס׳האָט דערנאָך זיך אויפגעשטעלט אַן אַרבעטער אַן אַלטער,
אַלט שוין אין פאַבריק, נאָר פרעמד דאָ נאָך אין קלוב.
„כאַוויירים! ס׳איז נאָך קיינמאָל, קיינמאָל ניט געווען מיר אַזוי גוט
און כאָטש איך בין שוין ניט יונג און מיד שוין זײַנען הענט,
דערלויבט מיר דאָך צו ווערן דאָ — אַ ציגל אין די ווענט!“

ס׳האָט לאַנג געהילכט די בראַוואָ-פּאַטשערײַ
לענגער נאָך האָט דער אַלטיטשקער געשוויגן;
געפילט האָט ער אַז ער האָט הויך געשטיגן —
נאָר אַ שאָד, אַ שאָד וואָס יאָרן זײַנען שוין פאַרבײַ...

7

דער וואָכעדיקער טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער
און בייז אַרײַן און האַרט געבליבן שטיין.
פון אים
געברומט האָט רויש
פון העק און האַמערס און מאַשינען
און געגרוילט
האָט שקלאַפערישער טאָג
מיט ציניש מויל.

מען האָט זיך אויפגעשטעלט,
געזונגען לידער,
מען האָט געזעגנט זיך מיט כּאַווערלעכער פרייד,
און געווונטשן זיך —
אַז וואַקסן זאָל
און זיך צעוואַקסן ברייט —
דאָס קערנדל
וואָס מע האָט דאָ פאַרזייט!

און ס׳האָבן לידער זיך געראַנגלט
מיטן וואָכעדיקן טאָג,
ווי טאָג מיט נאַכט,
ווי דער מאָרגנשטערן קעגן וואָלקנס בלײַאיקע
וואָס יאָגן אָן —
פאַרלענגערן די נאַכט!
פאַרהאַלטן דעם טאָג!...

.8

סירענעס האָבן זיך צעהודעט, סירענעס האָבן זיך צערווישט,
און אַ ווינטל האָט צעלופּטערט שוואַרצע צונגען רויך.

מידע גופים גייען זיך, וואַקלענדיק אַ היים —
צו שטיבעלעך, צו נידעריקע, הײַזקעלעך פון ליים.

ס׳שאָרכן צווײַגן שטיל, עס שושקעט בלעטל זיך מיט אַ בלעטל,
ווי נאָך אַ געבורט זי פּילט זיך איצט דאָס מאַמע-שטעטל...

— פרעגט אַ כאַווער נײַם פון סינדיקאַט, פרעגט אַ צווייטער
וועגן ביכער:
מירן שאַפן נאָך און בויען דאָ, מיר זײַנען זיכער!

און כאַווירים אין בוענאָס-אײַרעס אַלעמען דאָרט גריסט,
זאָגט: מירן העלפן אונדזער צײַטונג ווי ביז איצט.

און האַגאַם מיר זײַנען דאָ מיט אַרבעט גאַנץ ניט זיכער,
זײַנען מיר דאָך אַרבעטער און דאַרפן קאַמף און ביכער!

סירענעס האָבן זיך צעהודעט, סירענעס האָבן זיך צערווישט,
און אַ ווינטל האָט צעלופּטערט שוואַרצע קנוילן רויך.

.1929

זיי . . .

זיי ווייסן, אַז מיר וואַקסן ווי אַ כמאַרע איבער קעפּ,
געלאָדן שאַרף מיט האָגל און מיט שטורעם.
דאָך לאַכן זיי, ווי זיבערע פון שרעק,
ווי אַלץ וואָלט ניט געווען און וועט ניט קומען.

אין נעכט, ווען מידע ליגן מיר מיט צאָרן אין געמיט,
שיקערן זיי דאַן אונדזער זאַפטיק בלוט און וויין,
אַז מאַכנעס שווערע הענט פאַרפלעכטן זיך ווי רינגען אין אַ קייט,
און גרייט צו פאַר זיי — אַ טויט.

פאַרטאָג, ווען מיר צעזייען זיך שטום איבער שטאָט,
פילן זיי דעם טאַקט פון פרײַהייטס-ליד אין אונדזער טראָט,
און זשלאָקענדיק פון לעצטן קאָס, דאַן מורמלען זיי:
„— ניט העלפן וועט אַפילע גאָט!"

דאָך לאַכן זיי, ווי זיבערע פון שרעק,
ווי אַלץ וואָלט ניט געווען און וועט ניט קומען.
ביז וואַנען עס וועט ניט ליכטיק ווערן אונדזער וועג,
וועט שווארצן איבער שטאָט זיך זייער נאָמען.

איז געקומען אַ מענטש

איז געקומען אַ מענטש טיף פון סטעפּ און פון נאַכט,
און ער האָט שטיל געזאָגט: „איך האָב אַ פֿײַער געבראַכט”!

דער מענטש האָט געזאָגט און דער מענטש האָט געוועקט, —
זײַנען אומרו און שרעק אַף די גאַסן אַוועק.

האָבן שטערן פֿאַר מוירע, באַהאַלטן דעם שײַן,
איז געגאַנגען די נאַכט מיט געוויטער און פּײַן...

איז פֿאַרגאַנגען די נאַכט און אַ צווייטע און נאָך... —
אין הערצער מיט בראַנד און מיט גלוטיקן יאָך.

און דערנאָך האָט פון וואַלד-טיף ביז גאָלדענע טרעפּ —
אומעטום, אומעטום האָט אַ פֿײַער געברענט!

און אַן אויג פֿאַר אַן אויג און אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ! —
ס'האָט געוועגן אַ וואָג — אַרויף און אַראָפּ...

און ברידער פֿאַרשטאָלטע אין פּײַן און אין נויט,
געפֿאַרבט האָבן נאַכטישע שוואַרצקייט אַף רויט.

איז געקומען אַ מענטש טיף פון סטעפּ און פון נאַכט —
און אַ פֿאַקל פון פֿלאַמיקע בסורעס געבראַכט.

דעמאָנסטראַציע

פּלאַטערט, פלאַטערט, צעוויקלטע פאָנען!
און פויקן — פויקט,
אַז פיבערן זאָל הויט:
עס איז אַרוים אַ מאַסע מאַנען —
ברויט!

נאַכט.
אין וויפל שטעט מיר האָבן היינט געבראַכט
קאָרבאָנעס —
צעהאַקטע קעפּ, פאַרבאַנדאַזשירטע הענט,
און אָנגעפילטע טפיסע־ווענט,
ס׳טראָגט זיך, ס׳טראָגט
אַ שטורעם —
וועלכער וועט דערוועקן,
דעם גליאיקן האַס,
דעם ניט־דערברענטן.

פלאַטערט, פלאַטערט, צעוויקלטע פאָנען,
און פויקן פויקט —
אַז פיבערן זאָל הויט,
ס׳איז אַרוים אַ מאַסע מאַנען —
ברויט!

ס׳איז אַרוים אַ מאַסע מאַנען
מיט הונגעריקע טריט,
ס׳האָט גיפטיקער צאָרן
זיך געטראָגן
פון הייזעריקע העלדזער
און אויפגעוועקט די שטיינער

און אָנגעקלאַפּט אין ווענט,
און מאַעמס מיט קינדער אַף די הענט,
מאַמעס בלייכע — אַקסל שפּיציקע,
און מיידלעך מיט טריט מיט גיכערע
און ברוסטן איַינגעפאַלענע.

אין וואַרשע, אין פּאַריז, אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק
און נאָך און נאָך שטעט
אָן נאָמען און אָן צאָל, —
פון אומעטום דאָס זעלבע קאָל,
און אומעטום דער זעלבער רים
און אומעטום טראָגן רײַטער אַ באַפעל —
צעשיסט!
אויך מיר
זײַנען היַינט אַרוים אַ מעסט טאָן אונדזער קראַפט,
און הער ווי סע קלינגען אונדזער וואָרט און
אונדזער טראָט —
פאָרויס — און שפּאַן נאָך שפּאַן!

אַזוי —
מיר ראַנגלען זיך מיט דיר
און גראָבן אונטער טיף דײַן פונדאַמענט.
הער, הער —
דעם קראַך פון דײַנע ווענט, —
אין וואַרשע, אין בערלין, אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק
און נאָך און נאָך שטעט
אָן נאָמען און אָן צאָל —
פון אומעטום דאָס זעלבע קאָל,
און אומעטום —
צום גרויסן זיג!

.1930

טיפער ווערט די נאַכט

טיפער ווערט די נאַכט און שאָטנס שפּאַנען אום,
און לעשן אויס די לויטערקייט וואָס רײַסט זיך פון אַרום,
עס כאָרכלט עמעצער און עמעץ לאַכט, —
און טיפער ווערט די נאַכט ווי די שטילקייט פאַר אַ שלאַכט.

עס אָרעמט זיך די פינצטערניש מיט שרעק,
און העק פאַרבלוטיקטע פאַרמעסטן זיך אַף קעפּ,
וואָס שטײַגן דרייסט אַרויס פון פלאַמען — — —

טיפער ווערט די נאַכט ווי די שטילקייט פאַר אַ שלאַכט,
און קייטן קלינגען און זיי רינגלען זיך מיט אַ געוויין;
נאָר פון די ווײַטן שפּאַנט אַ מאַסע שאַרף,
שפּאַנט אַ מאַסע שאַרף, מיט קריצנדיקע ציין.

עס ווערן ברייטער מײַנע פּלייצעס

מיט יעדן טאָג ווערט שפּיציקער די נויט און שאַרפער ווערט
דער האַס,
און ס׳טראָגט זיך אומרו אום צעוויכערט שטורעמדיק פון שטוב
צו שטוב, פון גאַס צו גאַס,
און טראָגט און וועקט און שטופּט פאָרויס, צום קאַמף פאָרויס!
און מיליאָנען הענט אין הונגער־קראַמף, פאַרפויסטיקטע,
זיך שטרעקן אויס.

ווי פאַרשעמטע הענגען הענט אַראָפּ, פאַרקלאַמערטע אין
אייגענעם געביין,
און זיי טײַנען צו די פּיס: ווי לאַנג נאָך וועט איר אַזוי שטיין?
צינדן מײַלער זיך אין פלאַמען, רײַסן מײַלער אויף ווי שרויט —
ווערסט אונדז ניט פאַרצאַמען! און אין פאַרפּוצטע גאַסן האָגלען
שטיינער, קוילן — טויט.

ס׳ווערן ברייטער מײַנע פּלייצעס אין אָט דער צײַט, און
פעסטער ווערט מײַן אָרעם,
ווען גרוילן וואַקסן זיך אַרײַן אין טעג, און ווי שווימענדיקע
שיפן אין אַ שטורעם
זיך וואַקלען אַלטע שטעט, צעטרייסלען זיך יאָרהונדערטער
געשיכטע, און אַף יעדן וועג
ראַנגלט זיך אונדזער אויסגעשטאָלט וואָרט מיט אַלטע
אָפּגייענדיקע טעג.

ס׳װערן ברייטער מײַנע פּלייצעס אין אָט די טעג, װען ס׳בלוטיקן
די ברידער פֿון מײַן קלאַס,
נאַ, זאָג איך: — לייג אַרויף אַף מיר נאָך מער, כ׳גיי אַנטקעגן
ביקסן-קנאַל און שװערדן-בליאַסק,
און אויב איך פֿאַל, איז גאָרניט, פֿרײַנט, ס׳גייען מיט און
ס׳קומען טויזנטער, מיליאָנען,
װאָס װעלן פֿאַר אונדזער בלוט מאָנען! מאָנען! מאָנען!

1932

אין רויש פון טעג

אַספּאַלט, ליכט און אויסגעקרימטע שיך

(באַלאַדע)

אַף אַ גאַס, ווו ס׳בלאַסקעט דער אַספּאַלט און ס׳שפּרינגען
האַפערדיק שורעס ליכט,
האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער אויסגעקרימטע פּאָר שיך

אויסגעקרימטע, אײַנגעדאַרטע, מיט לעכער אין אַלע זײַטן,
— וואָס קומען זיי? וואָס דאַרפן זיי? ס׳איז אַ כאַרפּע דאָך
פאַר לײַטן.

אַף ראָגן ווו ס׳גלאַנצן שטענדיק גאָמינירטע קעפּלעך, ליפּן
געפאַרבטע,
קריכן אַרום, פאַרשוואַרצטע קינדער, אָפּגעריסענע, אײַנגעדאַרטע.

ניט קיין צײַטונגען פאַרקויפן זיי, ניט זיי פּוצן שיך — — —
אַ היים גייט, טראָגט זיך אָפּ פונדאַנען און אַף גיך!

גייט אײַך, האָט געבעטן אַ שוי-פענצטער פון פריזור, ס׳פעלן
אַנדערע ראָגן?
איך קען דאָס ניט, כ׳בין ניט געוווינט, איך קען עס ניט פאַרטראָגן.

ס׳האָט געקוקט מיט שרעק דאָס גאָלד-געשעפט, געציטערט
אַ געשעפט פון געשיר,
וואָס ווילן זיי? וואָס דאַרפן זיי? נו, וויפל איז דער שיר? . . .

אַוועק, אַוועק, האָט אַ געשעפט פון ספּאָרט-מאַלבושים זיך
געבייזערט,
געקנייטשט האָבן זיך פון פאַרדראָס זײַדענע קליידער.

— ס'איז גענוג פאַר אונדז די כּאַרפּע אין די אינדערפרִיען,
ווען איינער קומט פון אײַך וואַשן די וויטרינעס.

נאָר די שיך, די אויסגעדאַרטע, די אויסגעקרימטע שיך,
האָבן מיט פאַרביטערונג געגטפּערט אַף גיך:

מיר זוכן ניט קיין זײַדנס, מיר דאַרפן ניט קיין גאָלד,
דער עמעס אונדזערער, פון הערצער ז'אויסגעשטאָלט.

מיר זײַנען דאָ געקומען, נו, שטשירעט ניט די ציין — — — —
ס'קענען אונדז די גאַסן, יעדער מויער, יעדער שטיין.

(ס'געדענקען די ציגל, די געזימסן, דער טינק,
ווען געלאָפן איבער רעשטאָוואַניעס האָבן די שיך אַזוי פלינק)

נאָר פלוצלינג האָט אַ קאָל, אַ בריל-געטאָן ווי אַ סירענע:
16 יאָר ראַטנלאַנד... זיבעטער נאָוועמבער...

דערנאָך קוילעס, אויסגעשרייען, לויטערע און פעסטע:
נידער מיט אונטערדריקער, זאָלן לעבן די סאָוועטן!

די גאַס וואָס האָט געגלאַנצט, געבלאַסקעט אין קאָלירן,
איז פאַרגליווערט באַלד געוואָרן און ניט געקאָנט זיך רירן.

וואָס קומט דאָ פאָר, וואָס איז געשען, גאָט, גרויסער גאָט!
מ'זאָגט: עס ברענט! אַ שטורעם, זאָגט מען, אַ האָגל איבער שטאָט!

וואָס איז געשען? ס'איז געווען דאָך אַזוי לויטער, שטיל,
זײַדענע טעכטער, פון שרעק האָבן ספּאַזמירט.

ס'האָבן זיך געטוליעט פינגערלעך צו זייגערס, אוירינגלעך
צו בריליאַנטן:
דאָס ליכט לעשט אויס! אַוועק מאַריִאַ, ווו ווועט מען זיך באַהאַלטן?

אַ שאָס, אַ קנאַל, עמעץ קרעכצט און פאַלט אַוועק,
רייַטער און מאָטאָציקלען האָבן פאַרצאַמט דעם וועג.

מען וועט זיי געבן הייַנט, מיט שטעקנס און שטיקער אייַזן;
„זעכצן יאָר ראַטנפאַרבאַנד וועט מען זיי באַווייַזן”...

„אַזעלכע אויסוווּרפן, אַזעלכע שרעקלעכע באַנדיטן,
קומען שטערן דאָ די רו, צוליב נאָוועמבער דעם זיבעטן”.

צעשטערער פון אייגנטום, פון היים און פון גאָט,
גייען גאָר פאַרזאַמלען זיך אַף הויפּט-גאַס פון דער שטאָט.

פון יענעם טאָג, ווערן ראָגן באַוואַכט דורך הענקער מיט ביקס
און שווערד,
און אין קלויסטערס בעט מען: גאָט, די אומגלויביקע — פאַרשעלט!

1933

צו אַלעמען

די טעג, זיי גיסן זיך מיט אומרו אָן, מיט ציטער,
פרימאָרגנס רויכערן זיך מיט רויך פון ערעוו-סרייפעס,
און אַט און אָט, ס'וועט אויסברעכן פאַרביטערט
און אַט וועט אויפרײַסן און ס'וועט צעטרייסלען.

פון אומעטום קוקן פענעמער פאַרצאַרנט און פאַרגליוועט,
און ס'ציט אַ הונגער-קייט זיך פון פאָרט ביז אַלע עקן שטאָט.
אין גאַנצן לאַנד, אין יעדן דערפעלע און דאָרף,
הונגעריקע אַף גאַסן, אין שווערן הונגער-טראָט.

ניטאָ קיין אַרבעט. ניטאָ. וועט מאָרגן זײַן?
ניטאָ קיין ברויט, קיין קלייד, קיין געלעגער;
פריצים-סאָציאַליסטן ריידן קלוימערשט אײַן...
נאָר אין דער שטיל זיי גרייטן — מילכאָמע-פּלענער.

טורמעס זײַנען פול. בלוט אין קאַזעמאַטן,
בלוט פון אַרבעטער, טריפּט און פליסט;
ווי וואַנצן קריכן אום סאָציאַליסטישע פאַרעטער —
הינטער זיי שפּאַנט — דער בלוטיקער פאַשיסט.

רוף איך איצטער הויך, די לאָזונג פון פאַרטיי,
וואָס האָט זיך שוין אין לאַנד צעברויזט און צעשטראָמט:
צו אַלעמען! און ווו איר גייט און שטייט,
קעגן פאַשיזם שמידט, אַ פאַרייניקטן פראָנט.

1933

אין די טשאַקאָ־זומפּן

אין די זומפּן פון טשאַקאָ פאַלן קעפּ פאַרבלוטיקטע, הייסע,
פון זומפּן פון טשאַקאָ וועלן טויזנטער זין ניט קומען צוריק,
באַ ליימענע שטיבלעך וואַרטן פרויען פאַרבענקטע, פאַרוויינטע,
און יעדע פון זיי, דערטרינקט אין הימלען, אין ווײַטע, איר
דאָרשטיקן בליק.

קאַנאָנען דונערן אַף זין באָליוויאַנער, פּאַראַגוויַיער,
ס׳ברייטערט זיך מילכאָמע אוים אין דער שטיל,
אַף אַלע גרענעצן צעפלאַקערט מען אַ פיַיער —
ס׳גרייט אַרגענטינע זיך, טשילע און בראַזיל.

מילכאָמע שפּאַנט, פאַרוויקלט אין שלאַכטן בלוטיקע,
די הימלען ברענען טעג גאַנצע און נעכט;
פאַר בלוט פאַר אונדזערע, וועט אין וואָלסטריט פולער ווערן
זעק מיט גאָלד, מיט רויב און נײַע מערק.

אַף אויסגעקרימטע וועגן, ווו באַנען לויפן, וויינען קינדער,
באַנען לויפן גיך, וואָס גייט זיי קינדער הונגעריקע אָן,
נאָר אָט דערזעען זיי, אין שמאַטעס קריכט הינקעדיק, אַ בלינדער,
דער טאַטע? האַ? פאַרגאַפּט זיי בלײַבן, וואָס קען מען איצטער טאָן?
1932

אַ רעגן

אַ רעגן פאַלט, אַ רעגן גיסט, אַ רעגן פליוכעט,
ווי גוט וואָלט איצט געווען אַ בעט און ליגן אײַנגעניורעט,
און אָפּרוען דעם מידן קאָפּ, אַ וואַרעם טאָן די גלידער,
כאָטש נעם און פאַל אַף קאַלטן שטיין און צי זיך אויס אַ מידער.

מײַן ווינונג ווערט איצט שטרענג באַוואַכט, זיי וואַרטן איך
זאָל קומען,
מיט פויסטן וואָלט מען מיך געהאָגלט, געפּאַסעוועט מיט גומעס.
כ׳גיי פון גאַס צו גאַס, כ׳וואָלט אַף וועגט מײַן צאַר אויסקריצן,
כ׳דונערט ערגעץ ווײַט און מײַנע אויגן בליצן...

כ׳זע דעם אויפגייענדיקן מאָרגן, עס וועט לויטער זײַן און העל,
און די שרעק וועט פאַרשווינדן פון מײַן העלן שוועל,
דאָס וואָרט וואָס כ׳טראָג באַהאַלטן, גרינען וועט ווי פרילינג-גראָז,
ניין, ס׳איז ניט שווער דעם יאָך צו שלעפּן, ווען מען ווייס פאַרוואָס.

וואָס וועט זײַן?

וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?
אַלץ וואָס מיר האָבן געבויט און פאַרהיט,
האָט דער סוינע צעשטערט, האָט דער סוינע פאַרוויסט;
אין טפיסעס, אין קאַרצערס מען וואַרפט אונדז אַרײַן,
די נעכט זײַנען אַ קייט פון יעסורים און פּײַן,
מען פרעגט און מען פאַרשט און דער פאַרברעכן באַשטייט —
פאַרוואָס דו האָסט ליכטיקע געדאַנקען פאַרשפּרייט?
מען פרעגט און מען פאַרשט. עס וואַקסן די וווּנדיקע צייכנס,
נאָר דעם עמעס זיי קענען קיינמאָל ניט פאַרבלייכן.

וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?
ווי בייזע מעשוגענע הינט,
זיך יאָגן די שטורעמס און ברומען;
עס שיפּעט און וואָיעט דער ווינט,
ער וויל רײַסן די צונג פונעם גומען,
דערשטיקן דאָס ליכט און ווערן זאָל פינצטער,
פון קיינעם מ׳זאָל הערן אַ וואָרט ניט דעם מינדסטן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?
— האַרטער פון שטאָל מיר דאַרפן איצט זײַן!
דאָס גליק פון די פעלקער שמידט אונדזער דאָר,
און כאָטש עס איז פינצטער, שפּאַנט דער קאַיאָר...

1934

צו אַ כאַווער

גערענקסט: דאָ ניט לאַנג, אין די נעכט, אין די שפּעטע,
מיר פֿלעגן וועבן און שמידן יעדן פֿאַרזאָג;
הייליק געווען איז ס'וואָרט, דאָס אָפּגערעדטע,
און פֿול מיט דערוואַרטונג געווען איז דער טאָג.
פֿול מיט דערוואַרטונג איז געווען יעדער צייכן,
וואָס פֿלעגט זיך אַ שנייַד טאָן פֿון דייַן פּאָנעם דעם בלייכן.

געדענקסט ווי מיר פֿלעגן אין די נעכט, אין די טיפֿע,
באַוואַכן און היטן אונדזער לינאָטיפּ,
כאָטש שווער און צעבראָכן פֿון די טעג, פֿון די מידע;
עס האָט זיך געדאַכט מיר הערן מוזיק.
דאָס רוישן און שיפּען איז ליב געווען און נייַ,
און צערטלעך גלעטן מיר פֿלעגן יעדע שורעלע בלייַ.

ווי אַן אָדלער, וואָס טראָגט אין די נעגל זייַן רויב,
מען האָט דיך פֿאַרטראָגן אין קאַזעמאַט;
ניט געוואַקלט האָט דיך, ניט די פּייַן, ניט דער טויט,
און דו האָסט ניט די ליכטיקע שטרעבונג פֿאַרשעמט.
און אַלץ, וואָס דו האָסט מיט מי דאָ פֿאַראַקערט,
גייט אויף און גרינט און פֿאַרוואָרצלט זיך שטאַרקער.

1934

* *
*

1.

שורעם מײַנע שורעם, ווערטער מײַנע קלאָרע,
שטאָל און שאַרף פון שווערד, און ווי האַמערם שווערע.

שורעם מײַנע שורעם — מיט קאָל אַף וועגן ווײַטע,
אָט גיי איך טראָט באַ טראָט, אָט פלי איך ווי אַ רײַטער.

ווערטער דאַרפן איצטער, האָגלען ווי מיט שטיינער,
איך שטיי אין מיטן שטאָט און בין דאָ אויך ניט איינער;

יונגען ווי די ריזן, פעסט און שטײַף און זיכער —
נאָר עס איז אַלץ ווינציק, באַגעגענען דעם סוינע,

נאָר עס איז אַלץ ווינציק, באַגעגענען דעם סוינע
מיט לידעלעך און מײַסעלעך, געמאָסטענע און שיינע.

ווען פאַרייניקט האָט פאַשיזם, פאַרעטער מיִעסע און סאָנים,
דערלאַנג מיט פראָסטע שטיינער, וועסט צאַצקען זיך דערנאָכדעם.

.2

אין נעכט אין שפּעטע, שטומע, איך שלעף זיך אָפּט אַ מידער,
אַף זיצונגען, פאַרזאַמלונגען שרײַב איך מײַנע לידער.

שוין יאָרן זעקס אַריבער, יאָרן פון מײַן יוגנט,
אַז פאַרטיי האָט מיך געשוויסיקט, געהאַמערט און גענומען.

איצטער ווערט מײַן קאָל פון טאָג צו טאָג אַלץ שאַרפער,
אַזוי פאָדערט די פאַרטיי, מײַן קלאַס — די פּראָלעטאַריער.

טייל איך אויפרופן אין גאַסן, טייל איך אין פאַבריקן,
אַז מען דאַרף: שרײַב איך לידער, צירקולאַרן און אַרטיקלען.

רײַס איך שטיינער פון די גאַסן, וועל איך ביקס נאָך נעמען,
פאַרטיי, מײַן פאַרטיי! מיט דיר אַף אַלע וועגן.

3

האָב איך ניט קיין היים, האָב איך ניט קיין בעט,
כ׳בין אַ גאַסט אַן אָפּטער, אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

נאָר וואָס מיר טורמעס פינצטערע, וואָס מיר נאַסער קאַרצער,
סײַדן נאָר אַ קויל וועט צעלעכערן מײַן האַרץ.

כ׳בין ריזיק, גיבערדיק און שטאַרק, כ׳וועל עס נאָך דערלעבן,
נעקאָמע פאַר מײַן טאַטן, פאַר מײַן קלאַס נאָך נעמען.

אָ, איך וועל עס נאָך דערלעבן, אָ, איך וועל עס נאָך זען,
ווי ס׳וועט קאָרטשען זיך פלאָרידאַ פאַר אונדזערס אַ באַפעל.

די פאַרזאַמלונג פון מײַן געגנט באַגריסט די פופצן נאָוועמבערס,
פאַר נײַע אין פּאַרטיי, פאַר נײַע פופצן הונדערט.

נאָוועמבער, 1933.

מײַ

ערגעץ טוליעט זיך פרימאָרגן,
ווי אַ יונג־פרוי צו איר ערשט געבוירן קינד,
און מיט גרינער פרייד,
ער נעמט אַרום די בלומען,
קושט די שוואַרצע ערד,
און זינגט,
און זינגט — — —

באַ אונדז איז האַרבסט אַצינד,
די בלעטער אַף די ביימער זײַנען געל,
פאַרשוואַרצט,
זיי פאַלן, פאַלן,
ס'יאָגט זיי אין די נאָרעס דער ווינט,
ווי אַ פאַסטעך, די בעהיימעס אין די שטאַלן,
אַ דין רעגנדל טאַנצט אין די לוזשעס,
אַ וואָלקן ציט זיך אויס,
ווי אַ מעכוטן מיט אַ שוואַרצער באָרד,
אַ דונער האָט דאָס וואָרט.

נאָר ס'איז מײַ,
ערשטער מײַ אַף דער גאַנצער, גרויסער וועלט.
אַלצאיינס:
צי ס'איז פרילינג,
צי האַרבסט,
סאָציאַליזם איז אין פולן מאַרש;
ער גייט זינגענדיק:
ווי מעכטיקע, צעשטורעמטע קרִיעס אַף טײַכן,
ווי צעברויזטע כוואַליעס אינעם יאַם;

ער גייט אַ באָרוועסער, מיט פאַרוווּנדעטע פּיס,
ער גייט גיבערדיק ווי אַ ריז;
ער גייט מיט בלומען און מיט ברויט,
ווּ ער קומט,
טאָפּאָלן און פּאַלמען גייען אויף
און אַף אייביק דער טויט אַנטלויפט.

אין גאַסן אָרעמע

אין גאַסן אָרעמע פון מײַן זוניק לאַנד,
נעסטיקט זיך די נויט בײַ יעדער טיר און וואַנט.

ניטאָ קיין ברויט, קיין אַרבעט און קיין העמד,
כאַטש נעם און וואַרף אַוועק די הענט.

פון הויז צו הויז, פון גאַס צו גאַס, דער זעלבער ווינט,
אין מיסטן נאָר צו שאַרן, ראָיען ווי די הינט.

פיצלעך קינדער גייען אום, פאַרקויפן זייער ברוסט,
ווי אַ זייגער, צוועלף קלאַפּט אויס דער הוסט.

דער לעצטער הוסט, פאַרגליווערט שווײַגט ווי אַ שטומע וואַנט,
מאַמעס אויגן רינען אויס פאַר וויי און שאַנד.

נאָר פון קרומע געסלעך, אַ רוף וואָס וואָרנט — הילכט,
מיט קאַבלען שטראָמיקע פאַרבינדט ער זיך...

אַ בריוו צו דער מאַמען

דו שרײַבסט:

„...אַט קומט שוין באַלד דער ווינטער אָן,
די גוטע ערד וועט ווערן האַרט,
אײַנגעקלעמט ווי אין אַ צוואַנג, אין אײַז און שניי.
ס'איז שוין אַ יאָר צוויי,
אַז דער טאַטע האָט ניט וואָס וואָס צו טאָן,
ער וואַרט,
ער דאַרט,
גייט ער אום שטאַרק פאַרזאָרגט,
נו,
וויפל קען מען נעמען נאָך אַף באָרג?
ס'ציִען זיך די טעג ווי וואָלקנס שווערע,
אין פּריצישן פּוילן ווערט אַלץ ערגער, ערגער.

באַ אונדז איז איצט אַזוי,
אַז שלעסער דאַרפן הענגען אַפן מויל...
די העצעס שטעכן אונדז ווי שפּיזן,
צוזאַמען מיטן בייזן ווינט,
בושעוועט אַנטיסעמיטיזם
ס'דאַכט זיך אָפט:
איבער גאַסן לויפן אום מעשוגענע הינט.
יאָ, ס'איז אונדז וויל...
אין דייטשלאַנד זאָגט מען איז דאָך גאָר אַ גרויל,
די גאַנצע וועלט איז איצט אַ קאָכעדיקער קעסל.

דו ווייסט... אַ מאַמעס האַרץ...
כאָטש מיר איז אַזוי גוט,
וואָס דו ביזט אַ סאָלדאַט,

אַ געטרייַער פון דייַן קלאַס,
נאַר...
היט זיך כאָטש איין,
ווי איז מיר, מען פּייַניקט דאָך אַזוי,
אַז דאָס בלוט פאַרגליווערט ווערט פון הערן.
מיילע איך,
איך וועל עס ניט דערלעבן,
אָבער דו,
פאַר אַזויפיל פּיין,
זאָלסטו כאָטש באַם גרויסן יאָנטעוו זיין..."

— קלאָר מאַמע, קלאָר.
מיר ווערט גרינג, מיר איז גוט,
דו זעסט מיט אויגן אָפענע, דעם פּלאַם פון מערידע.
ס'גייט צו קינד די וועלט,
אין ווייען און אין ליידן
אין פּיין און אין טרערן.
דער קאַיאָר פון סאָציאַליזם,
ראַנגלט זיך ווי אַ ריז קעגן אַ מאַכנע וועלף,
קעגן רויבער, פאַרעטער און שוואַרציאָרן;
ווי קאַיאָר פון טאָג,
שטייט ער אין געראַנגל קעגן וואָלקנס שווערע
כאָטש גרויס זיינען די יעסורים,
ברעכט ער די קייטן,
מיט געזאַנג און מיט שטורעם.

קלאָר מאַמע, קלאָר:
נאָר פאַרשטיי,
אַז דער וואָס האָט דעם פּלאַן און בויט,
זעט אויך דעם זיגערישן ציל
ליכטיק, אויסגעטאָקט,
אויב בויענדיק אַפילע
פון די רושטאָוואַניעס ער פאַלט אַראָפּ...

1934

מייער ליסט

כ׳געדענק, ווי מיר פלעגןביידע פלאַקאַטן קלעפּן אין די בלויע נעכט,
און גייענדיק, אַלץ באַוויזן, אַז נאָר מיר זײַנען גערעכט;
אַז אונדזער וועט דער זיג זײַן פון דער גרויסער שלאַכט,
און אונדזער וועט די וועלט זײַן, כאָטש ס׳איז טיפע נאַכט.

כ׳געדענק, ווי מיר פלעגן אַף זיצונגען זיך אַמפּערן שאָען לאַנג,
און ווי שניטערס אין באַגין, מיט קאָסעס און מיט סערפּן, אַוועק מיט
איין געזאַנג,
מיט איין גאַנג! מיט איין געזאַנג! מיט איין פאַרלאַנג!
צום גרויסן לענינשן זון-אויפגאַנג.

כ׳געדענק, ווען מען האָט אונדז ביידן איינמאָל דעפּאָרטירט אין
אַ גרויער נאַכט,
אין אַ ווינקל פון שיף געטראָפן האָסט מיך שטיין טרויעריק פאַרטראַכט,
ביזט צוגעגאַנגען און כאַוועריש הויך געלאַכט
און געזאָגט: „ווער ס׳איז גערעכט, פאַרלירט קיינמאָל ניט קיין שלאַכט”!

כ׳געדענק דײַן אומרו און דײַן בלאַסן פּאָנעם און די צווייטע
דעפּאָרטאַציע פונעם לאַנד.
כ׳בין געקומען זען דיך און דריקן לאַנג דײַן דאַרע האַנט,
און דערנאָך לעם טפיסע כ׳בין געשטאַנען לאַנג פאַרטראַכט:
— מייער! „ווער ס׳איז גערעכט, פאַרלירט קיינמאָל ניט קיין שלאַכט”!

אין סאַמע ברען פון גרעסטן הייליקן קאַמף האָט אַ קויל צעלעכערט
דײַן מאַרך.
כאַווער! „ווער ס׳איז גערעכט, פאַרלירט קיינמאָל ניט קיין שלאַכט!”
איך שרײַ דײַן וואָרט איצט אויס, מיטן גרעסטן קויעך פון מײַן קאָל,
ווײַל ס׳פלאַטערט העכער אונדזער פאָן און מיר זײַנען שטאַרקער
נאָך געוואָרן, מיליאָנען מאָל!

ראַמאָן בראַוואָ

אַז איך גיי אַמאָל דורך דעם סקווער„ לעם אָרט וווּ דייַן בלוט האָט געפלאָסן,
אַף דער טריבונע זע איך דיך שטיין, און אַרום אַ האַמוין, אין רייען געשלאָסן.

דו רעדסט. דייַן קאָל איז פון שטאָל, פלאַמיק און ליכטיק,
און די מאַסע — מיט קוילעס און הענט, זי דונערט: ס׳איז ריכטיק!

און נאָכדעם גייסטו אַראָפּ און שפּאַנסט מיט אונדז איבער גאַסן,
מיט דיר דייַן טרוים, דייַן זון — אַ קינד פון די מאַסן.

זאָגט ער צו דיר אינעם גאַנג, זינגענדיק מוטיק די לידער,
אויך איך בין, טאַטע, ווי דו, אַ קעמפער, אַ פרייַהייטס־שמידער.

שווייַגן זיי בײדע, זיי שווייַגן, דער טאַטע וויל זיך דערמאָנען,
און ס׳ריידן זיך דורך אין דער שטיל יאָנטעוודיקע און פאַרבלוטיקטע פאָנען...

זאָגט דער זון צום טאַטן: כ׳קען דיך נאָר טאַטע באַם נאָמען,
די מאַמע, ווען זי האָט מיך פאַרוויגט, געזונגען האָט זי פון נעקאָמע...

געקוקט האָט דער טאַטע אַפן זון און דער זון אַפן טאַטן,
און זיי האָבן זיך ביידע דערקענט, ווי קעמפער אין שלאַכטן.

שווייַגן זיי ביידע, זיי שווייַגן, דערמאָנונגען קומען, פאַרשווינדן,
און אין דימיען אין טאַטנס, די פראַגעס קלאַפּן און צינדן.

— ווער־זשע געזאָרגט האָט פאַר אייַך? — יינגעלע גוטער, —
— די מאַמע געוואַשן האָט וועש, איך בין געווען אַ שיךפּוצער.

און ווען איך בין געבליבן אַליין, אַ ביסעלע גרעסער געוואָרן,
האָב איך מיט צייַטונגען פּעק, זיך געיאָגט איבער גאַסן און ראָגן.

עס וואַקסן די רייען אין גאַנג, עס רופן און מאָנען פלאַקאַטן,
און געזיגט האָט דער זון, און געזיגט דער געהאַרגעטער טאַטע.

עס וואַקסן די רייען אין גאַנג און מעכטיקע לאָזונגען מאָנען, —
עס ריידן זיך דורך אין דער שטיל פאַרבלוטיקטע און יאָנטעוודיקע פאָנען.

מען פירט אונדז אין טפּיסע

מען פירט אונדז אין טפּיסע, באַוואַכט און פאַרשלאָסן,
אין קעמערלעך ענגע, פאַרקייטלט, פאַרקלעמט,
ס'איז אַ זונטיק־פרימאָרגן, די זון האָט באַגאָסן
די גאַסן, די ראָגן, די פענצטער, די ווענט;
עס טראָגט זיך אַן אויטאָ, אַ בייזער, אַ שטרענגער,
ווי אַ הונט אַ קודלאַטער, ער לויפט און ער בילט, —
און עס ווערן די גאַסן אַלץ ענגער און ענגער,
און דער טרוים פון פריי זיין, פאַרגייט און פאַרשווינדט.

מען פירט אונדז אין טפּיסע, אין קעמערלעך ענגע,
דורך שפּאַרונעס פון אויטאָ, די זון דרינגט אַריין,
און קוילעס פון קינדער, פרייליקע, ברענגען
גרוסן פון לעבן, וואָס הערט ניט אויף זיין;
דורך שפּאַרונעס פון אויטאָ, מיר קושן די קינדער:
קינדער מיר ווילן ס'זאָלן העל זיין די טעג;
און ס'ווערט אונדז דער קלעם אי לייכטער אי גרינגער,
און קירצער נאָך ווערט אונדז דער דאָנרדיקער וועג.

מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט

ס'האָט דער טײַוול געשניטן און געפּײַניקט מײַן גוף,
און איך האָב געשוויגן.
מיר איז גוט!
איך האָב דעם עמעס,
אַ לויטערן, אַ העלן
באַהאַלטן,
אין טרערן
און אין לײַדן שווערע.

אין די נעכט,
בין איך וואַך ווי אַ וועכטער.
איך וואַרט:
האַרט,
מיט אָפּענע אויגן,
מיט אַ פאַרשלאָסענעם מויל.
ס'וועט קיינער ניט טרעפן מיך דאָ
פאַרשלאָפן צערודערט,
און אַ וואָרט ווי אַ שפּאַרונע,
זאָל ווײַזן דעם וועג...

טריט.
זיי קומען צוגיין.
און איך בין אַליין...
אַ קייטל אַפן האַנט,
און דערנאָך מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט,
וועל איך שטיין אַזוי, שטיין,
און כאָטש ס'וועט דער שלעגער פאַרקריצן די ציין,
ווען ס'וועלן האָגלען קולאַקעס,
ווען מען וועט רײַסן די האָר,
און גיסן מיט וואַסער, מיט קאַלטע,
כ'וועל דעם עמעס באַהאַלטן,
אַ לויטערן, אַ העלן,
כ'וועל שווײַגן!
שווײַגן!

אין „סעקסיאָן עספּעסיאַל"*

ווער ביסטו? — האָט איינער געשפּרונגען צו מיר,
ווי אַ הונט אַ צערייצטער מיט גיפט און געוואַי,
די פייניק־מאַכשירים זיינען גרייט שוין פאַר דיר,
דו וועסט איבער נאַכט דאָ, ווערן פאַרגרויט;
ווער ביסטו? — האָט ער מיט די ציינער געקריצט,
פון אויגן פון זיינע, געשטאָכן האָט איימע;
ווער ביסטו? — האָט ער מיך מיט קלאָלעס געבריט,
צו שרייבן, און דרוקן ציטונגען געהיימע?

ווער בין איך? — איך האָב זיך מיט גוורע האַסטיק
אויפגעשטעלט:
מיט שטאָלץ בין איך אַ ברודער פון העלדישן הירש לעקערט.

ווער ביסטו? — ס'האָבן פויסטן געהאָגלט אַף מיין קאָפּ
און איך בין געפאַלן באַוווּסטלאָז, אין כאַלאָשעס.
צעברויזטע פון שיקרעס, זיי האָבן געדראָט,
מיר גרויליקע ליידן, רעציכע און רישעס;
ווער ביסטו? — האָבן זיי מיט די פים מיך געטראָטן,
צו רעדן קעגן הערשער אַזוי קלאָר, אַזוי אָפן?
ווער ביסטו? — ס'האָט די רעציכע אין זיי געקאָכט און געזאָטן,
און זיי האָבן מיך געבריט מיט עלעקטרישע דראָטן.

ווער בין איך? — איינער וואָס שמידט קעגן אייך דעם גזאַר־דין,
כ'בין אַ ברודער פון מאַרטיר נאַפּטאָלע באָטווין.

ווער בין איך? — עס האָט זיי געברענט מיין האַס,
און דאָס וואָס איך האָב אין מיין שווייגן דערשטיקט;
איך בין אַ זון אַ געטרייער פון אַרבעטער־קלאַס,
וואָס טראָגט אַף זיינע אַקסלען דעם קאַיאָר פון דעם זיג.
איך בין אַן אַנאָנים, פון דער מיליאַרדישער אַרמיי,
וואָס שפּאַנט פאַרוווּנדעט מיט ליכטיקע באַגערן;
איך בין פלאַם, איך בין שטורעם, איך בין שטאָל, איך בין **שטיין** —
אַ שטאַפּל, פון לעבנשן לייטער, צו דערלאַנגען די **שטערן**...

* די אַרגענטינער געשטאַפּאָ־פּאָליציי.

פון טפיסע

די טפיסע־ווענט זײַנען גראָב און קאַלט,
ווי דעם װעכטערס רייד און זײַן שווײַגן,
דורך אַ פענצטערל — אַ שטיקל הימל ווי אַ שוואַלב,
און ווײַטער נאָך — אַ ביימל־שפּיץ און דאַרע צווײַגן.
און גאָרניט מער: די גראָבע ווענט, ווערן גרעבער, דיקער,
ווי דעם װעכטערס קאָל, ווען ער קומט אַ ביסל שיקער.

ס׳איז שפּעט באַנאַכט, אין גאָרטן פונעם טפּיסע־הויף
האָט מען לאַנג שוין אויסגעשפּילט דעם ניגן פון פאַרן שלאָפן:
„זינדיקער! גיי אַרײַן, אַף דײַן געלעגער קריך אַרויף
און נעם אָן פאַר ליב פאַר דיר די שטראָף“.
און גאָרניט מער: דער װעכטער זידלט זיך און הייסט זײַן שטיל,—
„אויב ניט, איז טיר פון קאַרצער פאַר דיר אָפן, גריל!“

אָט הערט זיך דאָס געקלאַפּ פון טריט — טריט פון פערד,
דאָס היטן רײַטער־פּאָליציי די טויערן און פענצטערלעך פון טפּיסע,
כאָטש פאַרשלאָסן זײַנען דאָ די טירן, אַף שלאָס און אויג
און שווערד,
און פאַרזיגלט — מיט זידל און מיט ציין פאַרקריצטע,
נאָר די רײַטער פאָרן שטרענג, נאָר די רײַטער היטן אָפּ,
און אין טאַקט פון טריט דער באַפעל קלינגט אָפּ!

טראָט נאָך טראָט, ווי טריט פון פערד וואָס שלעפּן פויל
אַ מיסים־וואָגן,
ציִען זיך דאָ טעג און עס פוילן דאָ — כאַדאָשים, יאָרן,
דורך די קראַטן שפּאַרן זיי זיך ענג און באַ די ווענט — זיי
קלאָגן, קלאָגן,

און ערגעץ קלינגען האַמערס אָפּ און ערגעץ בליט דער קאָרן...
און ערגעץ קושט די זון די קאַלטע שטיינער פון דער גאַס,
און ערגעץ לאַכן קינדער און ערגעץ מאַכט מען שפּאַס...

מיד פון זאָרג כראָפּען מענטשן אין אַ כאָר:
זיי שעלטן דאַכט זיך, הויבן פויסטן אויף און דראָען;
זאָל זײַן, אַז מירן פוילן דאָ דאָס גאַנצע יאָר,
זאָל זײַן אַז מירן דאָ ווי הינט — וואָיען, וואָיען — — —
אין כאָלעם זעען זיי אַ מײַסעלע פון וואָר —
טויערן צעפּראַלטע און עס פלאַטערט אַ פאָן!...

דעפּאָרטאַציע

די שיף אַ מונטערע אַנקערט זיך אָפּ,
פון דעם גרוי־האַרטן שטיינערדיקן פּאָרט,
זי שווימט אַ ליכטיקע,
זי שוימט פאַר פרייד,
ווי אַ פויגל וואָס רײַסט זיך אַרוים פון אַ שטײַג,
ווי אַ פיש וואָס באַפרײַט זיך פון פישערס נעץ
און פאַרשווינדט אין דעם כוואַליקן געיעג.

דאָס געוויש פון דער מענטשן־מאַסע
וואָס פאָכעט,
וואָס ברויזט,
לעשט זיך אויס,
דער פּאָרט גלאָצט מיט פּוסטע אויגן.
ווי אַ פאַרלאָזענע עסטראַדע פון צימבלער און זינגער;
געבײַדעם מאַסיווע נורען זיך אין פאַרגליווערטן כאַלעל,
ווי שווערע כמאַרעס, —
זאָל זי וואַנדערן די שיף,
און זיי שלאָפן אײַן שווער און טיף.

כ'קוק צום ווײַטן ברעג:
שטאָט. כ'האָב מײַן יוגנט אין דיר אײַנגעוועבט,
זיך אײַנגעוואָרצלט ווי אַ בוים אין ערד,
פאַרוואָס זשע האָבן מענטשן מיט וועלפישע נעגל,
מיך אַרויסגעריסן,
מײַן היים צעשטערט,
ווי ס'ווערט צעשטערט אַ נעסט?
העפקערדיק, ווי האַרבסט־בלעטער,
האָט דער ווינט צעשפּרייט
האָפענונג און טרוימען.

שטאָט, האָסט געזען מיך אין פאַרטאָגן,
ברעטער שווערע אַף די אַקסלען טראָגן,
ציגל, זאַמד, זעקלעך צעמענט,
ווי אַף פליגלען פלעג איך נעמען;
האָסט געזען מיך הובלען,
האָסט געזען מיך זעגן,
האָסט געזען מיך זייען,
מוט אַף אַלע וועגן.

שטאָט, שטאָט דו, שיינע,
איך בין מיט דיר אויך איצט איניינעם;
אויך איצט אין שוואַרצן שטורעם,
וואַכט אַ וועכטער פון אַ טורעם,
שמידן שמידער דעם באַגער,
ס'זאָל זײַן פרײַהײַט אַף דײַן ערד,
און אַף אַלע, דײַנע וועגן,
געפלאַסטערט ווערט דאָס נײַע לעבן.

שטאָט, שטאָט דו שיינע,
דער פײַנט פון פאָלק איז אויך דײַן סוינע...

אַז ענטפּער אַ פּריַנט

דו זאָגסט: ס'איז פינצטער אַצינד, די טעג אין קאָשמאַרן פאַרוויקלט
ווי וועלן מיר גיין?
צי וועלן מיר קענען די קינדער פאַרהיטן?
עס דונערן געפאַרן,
סאַקאָנעס באַ די פענצטער בליצן,
דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דוירעס,
איז אונטער אַ דינעם גלעזערנעם דאַך...
דו זאָגסט: ס'איז נאַכט אין דער וועלט.
ס'איז עמעס אַז אין מיזרעך העלט,
און ס'איז דאָרט ליכטיק,
נאָר פאַר אונדז איז די העלקייט פאַרשטעלט.
שווער איז דער גאַנג,
און דער געראַנגל איז אַף לאַנג.

איך קוק אַף דיַנע שורעס פריַנט,
וואָס פאַר אַ בײַן־האַשמאָשעס וויקלט איַן דיַן הײַנט!
כ'עפן אויף די טיר פון הויז,
און שנײַד די גאַסן דורך
ווי אַ יאָגנדיקער שטראָם,
אָט בין איך שוין אין שוים פון שטאָטישן גערויש
בלויז דער הימל וואָס די פּאַלאַצן ער באַדעקט,
איז פאַרוואָלקנט מיט מוירע, איז פאַרויכערט פון שרעק!
נאָר דאָס פּאָנעם פון דער זון, וואָס הענגט
אַף אַן אַקסל פון אַן אויסגעטאָקטן מויער,
איז איַינגעטונקט אין טרויער,
איז צעקנייטשט און קרום
ווי דאָס פּאָנעם פון אַן אַלטן שיקער,
וואָס שלעפּט זיך היימלאָז אום;
בלויז פון זייער ראָג,

קוקט עמעץ שאַרף דיך אָן,
מיט גיפטיקע אויגן פון אַ הונגעריקן וואָלף,
און ער קריצט מיט די ציין,
און ער שיפּעט מיט האַס.

איך קוק אַף דײַנע שורעם פּרײַנט,
ניט אונדזער ביין־האַשמאָשעם איז הײַנט,
אַף אַלע הימלען פון דער וועלט,
דער מאָרגנשטערן העלט;
און די אַנגסטלעכע פּײַנען,
בײַ די טליִעם און עלעקטרישע מאָרד־שטולן,
זײַנען די לעצטע ווייען.
אַ נײַער טאָג ווערט געבוירן!
די זון פון סאָציאַליזם שפּאַנט,
זי בלײַבט ניט שטיין אין מיטן טאָג פאַרטראַכט,
זי גייט ניט אונטער אין פאַרנאַכט.
אירע פליגל,
פון מיליאָנען קאָלירנדיקע טויבן,
אײַנגעוועבטע,
שפּרייט זי אויס,
סנאָפּעס ליכט דערשײַנען אינעם רוים,
ווי יאָנטעוודיקע בלוי־רויטע פײַערווערק.
דער שאָלעם גרינט און בליט אַף יעדן ראָג און וועג.
די פרײַהייט איז דער באַנאַכטיקער און באַטאָגיקער
וועכטער —
שאָלעם אַף דער וועלט.

פרײַנט, עס העלט,
עס העלט, ניט נאָר דער מאָרגן, פרײַנט,
נאָר אונדזער איז שוין אויך דער הײַנט!

* * *

מען קען אַט איצט די טעג, די רווישיקע, די האַרבע,
ניט פאַרבײַגײַן שטיל און ציילן יעדער טראַט,
די צײַט האָט דאָ ווי גלאָז, אַ בראַזג געטאָן מיט שטורעם
און זיך אַדורכגעטראָגן איבער שטאָט.

מען קען אַט איצט די טעג, די שפּיציקע, די שאַרפע,
ניט פאַרווינגן זיי אין אומעט, ניט פאַרטאַיען דורך געזאַנג, —
דאָס בלוט פאַרגאָסענע פון דוירעס פּראָלעטאַריער,
האָט אויפגעשטראָמט פאַר יאָרן פּײַן.
רויכערט איצט די ערד, ווי ס׳וואָלט אַ נאַפט-קוואַל הינטער
איר געררוישט,
דערוואַרטן מעטראָפּאָליעס אַן אויפרײַס יעדע שאָ,
די צײַט האָט דאָ ווי גלאָז, אַ בראַזג געטאָן מיט שטורעם
און זיך אַדורכגעטראָגן איבער שטאָט.

כודע

דער כאַווער כודע איז שווער פאַרווּנדעט געוואָרן דעם 28סטן מאַרץ פון יאָר 1934. אַ פּאָליצײ־אָפיציר האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין קאָפּ מיט זײַן שווערד, אין אַ מאָמענט ווען ער האָט אַגיטירט די אַרבעטער פון אַ טעקסטיל־פאַבריק, צו אָנשליסן זיך אין דער־קלערטן גענעראַל־שטרייק אין סאָלידאַריטעט מיט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער.

אַפן צווייטן טאָג איז ער געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל. דעם טויטן גוף האָט די פּאָליצײ ניט אַרויסגעגעבן.

מיט ווּנטשן אַף די ליפּן און אַף די פּלייצעס, מיר לויפן אין שפּיטאָל צו זען אים,

כוואַליעס אומרו, ווילד־צעשוימטע, יאָגן האַסטיק זיך אין שטורעם.

אַט ווערט שטילער און עס דוכט זיך, כודע גייט אַראָפּ פון בעט,

עס איז ליכטיק און ער דערעפנט, דעם יאָנטעוו פון דער ביבליאָטעק.

פּלוצלינג, אַ וואַסער־באַרג גיט זיך אַ הייב און אַ כוואַליע האַסטיק לויפט אַראָפּ,

כודע ליגט באַוווּסטלאָז, די ווּנד צעברענט זיך אין זײַן קאָפּ;

ער קרעכצט, נאָר ער רעדט ניט אויס קיין איינציק וואָרט שוין מער,

פון זײַן קינדהייט און ביז איצטער, געווען איז אים שטענדיק שווער.

דעם וועבער־שטול, די פרײַהייט־קאַמפן, ער האָט דערקענט זיי אין באַלוט,

אין די קאַמפן, אין די שווערע, די האָפענונג האָט ווי אַ טויב גערוט.

מיר לויפן אין שפּיטאָל צו זען אים, די כמאַרעס ווי שיפלעך קליינע שווימען אום,

כ'איז גרוי די גאַס, זי ליגט פאַרגליווערט און לעם שפּיטאָל איז שטיל און שטום.

ווּ איז כודע? מיר קלאַפּן אָן אין טירן שווערע, זיי פאַרמאַכן זיך און שווײַגן,

בלויז די טירן פון דער מאָרגע זײַנען אָפן און זיי סוידען זיך מיט צווײַגן...

די גאַס איז גרוי, איינגעצוירעט ליגט זי, ווי אין פּאַרק אַן
אַרבעטלאָזער אַף אַ באַנק,
פון ערגעץ זיך טראָגט אַ טראַמוויי־הודעריי און עס רוישט
אַן אָמניבוס אין גאַנג.
אין דערוואַרטונג רויטלט זיך דער הימל, די זון וועט באַלד
אַ שפּאַן טאָן אַפן האָריזאָנט,
ווי שעפּסן אין אַ פאַרנאַכט, ציִען וואָלקנס זיך צוזאַמען און
פאַרשווינדן פּאַראַמאַל.
די גאַס איז גרוי, אַט זי וועקט זיך אויף און וואַרפט אַראָפּ פון
זיך איר פאַרלאַטעט נאַכט־העמד,
עפנט אויף די אויגן אירע, וואָס גלאַנצן מיט הונגער, מיט רייץ
מיט פוסטן און מיט זאַטקייט.
מיר שטייען אַף אַ ראָג פאַרקלעמטע און עס גריזשעט טיף דער
צאַר און צאָרן,
ווי זאָל מען זוכן כודען? און פאַרוואָס האָבן מיר כודען דאָ פאַרלאָרן?
פאַרוואָס האָט אַ פּאָליציי־אָפיציר דערהאַרגעט דעם מייסטער־
וועבער מיט זיין שווערד?
און פאַרוואָס האָט אונדז די פּאָליציי אים באַערדיקן פאַרווערט?

די שטילקייט צעקראַכט ווי שויבן פון אַ בראַזג און מיר שרייען
העכער:
ס'איז כודע פון סינדיקאַט דער פונדאַמענט און פון פאָלק דער
וועכטער;
ער האָט אַף אַרגענטינער ערד אונדז געבראַכט די מייסטערשאַפט
פון וועבן,
די יערושע פון קאַמפן האָט כודע געבראַכט, פאַר אַ העכערן לעבן;
ס'איז כודע געווען אַ ליכטיקער זייל, פאַר די וואָס זיינען
געוואָרן פאַרנאַרט,
און די פאַרגליווערטקייט האָט כודע מיט זיינע עלנבויגנס
צעשפּאַרט;
ס'איז כודע געגאַנגען אין שלאַכט, מיט אַ ציכטיק־ווייסער העמד,
און ער האָט זיין האַרץ אָנגעצונדן, מיט זיין פייער באַלויכטן
און באַהעלט.

מיר שטייען אַפן ראָג פאַרשטיינערט, בלויז עסטער האָט זיך
צעכליפּעט הויך,
עס סאַפּען אויטאָבוסן אין געיעג, פון פאַבריק־קוימענס שלענגלט
זיך שוין רויך.
עס פאָרן אַרבעטער אין פאַבריקן, מיט אויגן אײַנגעגראָבענע
אין נײַעסן פון לאַנד,
נאָר אין ערגעץ ניט דערמאָנט איז, אַז אַ מערדער האָט מיט
אַ שווערד אין האַנט,
לעם טעוּבאַלס פאַבריק, צעשמעטערט כודע דעם וועבערס קאָפּ —
ס'איז דאָס מויל פון דער פּרעסע, מיט פאַרשטונקענע שמאַטעס
פאַרשטאָפּט.

מיר שטייען אַפן ראָג פאַרשטיינערט, וווּהין זאָלן מיר לויפן אַצינד?
זאָל זײַן אַז דאָ איז דער קייווער, לאָמיר זינגען וועט ווערן
עפּשער גרינג.
ס'האָט ליב געהאַט כודע צו זינגען, אין שווערע מאָמענטן פון
שלאַכט,
לאָמיר שטיין דאָ פון גרויען פרימאָרגן, ביז עס וועט קומען
די נאַכט,
און זאָלן פאַרבײַגייער הערן, די געשיכטע פון אַ פּאַשעטן מענטש,
וואָס האָט גליק פאַרן פאָלק געקנאָטן, מיט זײַנע אייגענע,
ביינערדיקע הענט ;
וואָס האָט אין די טעג און אין די נעכט, קיינמאָל, קיינמאָל
ניט גערוט,
וואָס האָט די צוקונפט געפּלאַסטערט מיט זײַן שוויס און
מיט זײַן בלוט ;
וואָס האָט די ליבשאַפט געטראָגן אַף די שמאָלע אַקסלען
פון זײַן גוף,
מיט פרייד דעם עמעס פאַרזייט, ווי אַ סאָלדאַט דערפילט
יעדן רוף.

מיר שטייען אַפן ראָג פאַרשטיינערט, מיט אויגן שפּיציקע
ווי אָלן שאַרפע,
נאָר פלוצלינג צעזינגט זיך עמעץ און קלאַנגען גיסן זיך ווי
פון אַ האַרפע,

און שאַרפער און שטאַרקער ווערט דאָס געזאַנג, וואָס שטראָמט
ווי אַ קוואַל,
מען זינגט און מען זינגט, דאָס ליד פון ניצאָכן — דעם
אינטערנאַציאָנאַל.
און פון געזאַנג וואָס האָט ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן, הייבט
זיך אויף אַ פאָן,
אַ פאָן אַ רויטע, „באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַן"
און כודע אויבן־אָן.
ס'ווערט אַף גאַסן אַ געלויף, ס'ציטערן די ציטעריקע, די
ווילטעטיקע און ווילע יונגען —
די שרעק איז גרויס, ניטאָ קיין מוט באַ זיי, זיי וואָלטן איצט
פון די העכסטע שטאָקן אַראָגעשפּרונגען.
נאָר כודע שטייט, זײַן לענגלעך פּאָנעם איז ווי שטענדיק בלאַס,
און די ווונד פון קאָפּ — פאַרהיילט
און ער זאָגט: ס'איז אויפגעגאַנגען און ס'האָט זיך צעבליט, די
זריע וואָס מיר האָבן דאָ פאַרזייט.
איצטער וועלן מענטשן לעבן ווי ברידער און קיינמאָל מער, זיי
וועלן שוין ניט זײַן צעטיילט,
כאַווײירים, דער פרילינג פון די פעלקער איז געקומען און ער גייט!...

צום זוניקן מאָרגן

איך קוק צום זוניקן מאָרגן, ווי אַ פויגל פון אַ נעסט,
וואָס איז פון אַ צעשטורעמטן רעגן געוואָרן צעווייקט און צענעצט,
געטרייסלט געוואָרן פון צווייַג צו צווייַג, געווען אַפן ראַנד
פון רויִנע,

געהערט דאָס קרעכצן פון ביימער, פון באַנאַכט ביזן גרויען באַגינען;
געזען דערשטיקטע פון שטורעם מעכטיקע סאָסנעס אַף וועגן,
דעם הימל געזען פון בליצן צעקאַרבט, צעטרייסלט פון
דונערן דעם רוים,

שוימיקע טייַכן אין געלויף, פאַרפלייצן, פאַרשווענקען די ברעגן,
די נאַכט ווי פון צוואַנגען געריסן, אַ גויסעסדיקע געאָטעמט
האָט קוים.

איך קוק צום זוניקן מאָרגן, וואָס גייט אויף אַפן פאַרבלוטיקטן
האָריזאָנט,
די שיינקייט פון טויזנטער מייַלן ווערט צו דערלאַנגען מיטן האַנט
אַזוי נאָענט;
עס שמייכלען ווי קינדער די בלומען, עס בליִען ווי בלומען
די קינדער,

פעלקער געפלאָגטע פון סינע, גייען געאָרעמט ווי ברידער;
עס האָבן צעריסן די קייטן, די מעכטיקע, די זינגענדיקע טיטאַנען,
זיי ווערן באַגעגנט אַף וועגן פון פידלער, פלייטער, באַראַבאַנער;
די צוקונפט באַלאָדן מיט גוטס, ציט זיך אָן אויפהער ווי
קאַראַוואַנען,

איבער רוימען לויטערע און פרייַע, גריסן זיך טויבן מיט
עראָפּלאַנען...

צאַר און צאָרן

מיר גייען

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
גערעכטיקייט — מיר פלאַנצן, פרײַהייט — מיר פאַרזייען.

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
ניט דער ווילדסטער הוראַגאַן, וועט אונדזער טראָט פאַרווייען.

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
מיט געזאַנג מיר פאַרהילכן, די פײַנלעכע געשרייען.

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
און אין גאַנג מיר שווייסן און שטאָלן אָן די רייען.

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
די זריִע פון פרײַהייט מיט טרערן מיר פאַרזייען.

מיר גייען באַרג־אַרויף, כאָטש ס׳איז שווער, נאָר מיר גייען,
די זון פון מיזרעך גייט אויף, די וואָלקנס פון מײַרעוו — צעגייען.

די נעקאָמע פון לעצטן ייִד

(באַלאַדע)

דער לעצטער ייִד פונעם שטעטל, אַ צעבראָכן, צעפּליקטע צווײַג, —
אין אַ קעלער געלעגן באַהאַלטן. פאַרוווּנדעט, צעשניטן פון פּײַן.

פאַרוואַקסן, צעבראַסטעט, צעריסן, אין ווייטיק אין טיפן פאַרקלעמט,
ער האָט זיך דערפילט ווי שולדיק, ער האָט זיך דערפילט — פאַרשעמט.

ווי קען ער פאַרבלײַבן דאָ איצטער? — אַ געקווילעטע ליגט דאָ די שטאָט!
פאַרגליווערט אַף ביימער פאַרשפּיצטע — דער געבעט און די קלאָלע
צו גאָט.

ווי קען ער דאָ ליגן אָט איצטער — די איימע קלאַפּט אין די ווענט,
און דאָרט ווי געשאָכטענע רינדער — קינדער מיט אָפענע הענט.

איז ער אַרויס פונעם קעלער, געשאַרט זיך בײַ ווענט און בײַ צוימען,
צעטראָטן געלעגן ווי מיסט — די שענסטע, די הייליקסטע טרוימען.

צום געטאָ, צום געטאָ, געאײַלט זיך, איז דאָרטן ווער נאָך געבליבן?
אָדער איז ער אַליין דאָ — אַליין, פון אַן אײדע ייִדן?

גייט ער אַרײַן אין אַ הויז דאָרט, רופט ער אָן ייִדן בײַ נעמען,
אַ פּלוצלינג דערפילט ער אַ ווייטיק, וואָס הייבט אָן צו ברענען
און קלעמען.

גייט ער אַרײַן אין אַ צווייטן, קלאַפּט ער אין פענצטער צעזעצטע,
זאָגן צעלעכערטע שויבן: דער טויט האָט פאַרנומען די לעצטע.

שרײַען פאַרוווּנדעטע פענצטער, אָפענע מײַלער פון טירן:
מיר האָבן געזען ווי די מערדער האָבן די ייִדן געטריבן.

קינדער און טאַטעס און מאַמעס, מיט אייפּעלעך קליינע אַף הענט,
אויסגעצערטע פון הונגער — זיי האָבן געציטערט פון קעלט.

און זיי זײַנען געגאַנגען צוזאַמען, דעם לעצטן, דעם איינציקן גאַנג,
און הימלען פאַרשעמטע, פאַרשטעלטע, האָבן זיי נאָכגעקוקט לאַנג.

די נאַכט איז געוועזן דער איידעם פון דער לעצטער, דער גרויזאַמער שכיטע,
דערנאָך האָבן דײַטשן געשיקערט, ווי פאַרברעכער, ווי מערדער געניטע.

און פּלוצלינג דערזעט ער עס שטייען קינדערלעך צוויי אַפן ווינט,
בלייך און דערשראָקן פאַר מוירע, פאַר דײַטשישע מערדער און הינט.

נעמט ער זיי אָן פאַר די הענטלעך, כ׳בין דאָך איצל פון מארק!
דערקענט מיך קינדערלעך קליינע און ער דריקט זיי צו, צו זיך שטאַרק.

ווילן זיי וויינען אַ ביסל, קושט ער און בעט זיי זײַן שטיל,
און נעמט זיי אָן פאַר די הענטלעך און פירט זיי הינטער דער מיל.

שטיקט ער די טרערן די הייסע און קען זיי אַ וואָרט ניט זאָגן,
ער וויל אַצינדער גיכער ווי ווינטן זיך יאָגן.

ער ווײַזט מיטן האַנט צום וואַלד אָן — אַהין וועלן מיר גיין,
און מורמלט, אַז קיינער זאָל הערן — אַ מענטש איז שטאַרקער פון שטיין.

גייט ער מיט זיי אין וואַלד-טיף און בראָדזשעט אין זומפּן, אין גראָזן,
צו פּאַרטיזאַנער ער אײַלט זיך, איידער ס׳וועט אָנהייבן טאָגן.

ער מוז זיך יאָגן און יאָגן, עפּשער וועט ער זיי געפינען,
קעדיי די שעיירים האַפּלייטע, זאָל דעם קיעם האָומע שפּינען.

איז ער געגאַנגען, געגאַנגען, מיט קינדערלעך צוויי אַף דער פּלייצע,
ביז פּלוצלינג האָט איינער געזאָגט אים: שטיי! וווּהין דאָרט גייסטו?

דערפילט אין דער וואַרעמער שטימע, דעם קלאַנג און דאָס וואָרט פון באַפרײַער,
האָט איצל געזאָגט אים: כאַווער, היט זיי ווי אַ פאָטער אַ געטרײַער.

דער לעצטער ייִד פונעם שטעטל — און דאָס איז מײַן אײנציק פאַרמעג,
מיט אײַך, ביז טאָג פון באַפרײַונג, איז זײער אײנציקער װעג.

פאַר מיר? — כ׳בעט באַ אײַך גאָרניט, כ׳האָב נאָר אײן־אײנציקן ציל,
צו נעמען נעקאָמע אין מערדער, װיסן אַז כ׳האָב צװאָע דערפילט.

זײ גרײטן אַ באַל דאָרט אַ גרױסן, זײ גרײטן זיך טאַנצן ביז טאָג,
װײַל „יודען־רײן" איז שױן דאָס שטעטל, אַזױ האָט דער „פירער" געזאָגט.

מען האָט אים דערװאַרעמט דעם ייִדן, מיט װערטער, מיט הײסע
פון פרײַנט,
נאָר ער האָט געטײַנעט, ער מוז נאָך קומען אין שטעטל נאָך הײַנט.

מען האָט אים באַװאָפנט דעם ייִדן, געװאָלט האָט נאָך אײנער גײן,
און ער האָט געבעטן: פאַרשטײט מיך... לאָזט מיך, לאָזט מיך, אַלײן...

אין אָװנט צום טאַנץ־זאַל געקומען. מוזיק האָט װאַלסן געשפּילט,
און דײַטשן, מיט זױנעם צעהוליעט, האָבן די טײַװע געשטילט.

זײ האָבן געזױפט און געטאַנצט, זײ האָבן געלאַכט און געפרעסן,
אין דער נעקאָמע װאָס גליט, זײ האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן.

זײ האָבן פאַרגעסן, די יעקעס, זײ האָבן פאַרגעסן, די פריצן,
און פלוצלינג האָט אַ גראַנאַט, אַ פענצטער אַף שטיקלעך צעשניטן.

און באַלד האָט נאָך אים נאָך אַ צװײטער, — גרױס איז געװען די יעלאָלע,
דעם דריטן האָט איצל געשיקט, באַגלײט מיט אַ װיסטער קלאָלע.

דערנאָך אַפן קײװער אַװעק, געזאָגט צו דער אײדע ייִדן:
די צװאָע האָט איצל דערפילט, נאָר ניט דורך קאַדיש און טפילע.

פאַרנױגט זיך, און געקושט די ערד, איז ער אַװעק אינעם טאָל — — —

— —

װען כ׳הער דעם יאָמער פון קינדער, הער איך אױך איצלס קאָל...

מײַן מאַמע

העמדער װײַסע האָט מײַן מאַמע גענייט,
װײַסינקע העמדער און קליידער פון זײַד,
אין שטאָט און אין דאָרף און אין כאַטעס באַם ראַנד
געװען איז איר נאָמען באַװוּסט און באַקאַנט;
ס'האָבן אַלע געװוּסט און אַלע געקענט
אַז גאָלד איז איר שניט און בריליאַנטן איר שטעפּ.
אַזוי האָבן מיידלעך און קאַלעס גערעדט,
אַזוי האָבן מיידלעך און קאַלעס דערציילט, —
און קליידלעך דערמאָנט װאָס די מאַמע ט'גענייט.

פלעגן זיי קומען צו גיין מיט פּעקעלעך ציַיג,
לײַװונט און ציץ און אַ רעשטעלע זײַד,
פון דעם װעלן העמדער און לײַלעכער זײַן,
און דרײַ מיט אַ האַלבס אין קלייד װעט אַרײַן, —
די מאַמע פלעגט מעסטן און כעשבענען פאַרקלערט,
און איך האָב די קלעזמער שוין שפּילן געהערט;
און איך האָב געהערט װי דאָס פידעלע שפּילט,
װי דאָס פידעלע שפּילט שטיל און פאַרבענקט,
װי עס רעדט, װי עס בעט, װי עס צערטלט און װיינט,
און עס פּײַקלט און פּײַקלט דאָס יינגל אין פּויק
פּײַקלט און פּײַקלט און ס'ברומט דער טרומייט,
און איך האָב געזען װי מען טאַנצט שוין אַ שער —
די באָבע מיטן אייניקל אַהין און אַהער,
אַהין און אַהער און אַרויס און אַרײַן,
טרויער און פרייד! געזאַנג און פּײַן!

העמדער װײַסע האָט מײַן מאַמע גענייט,
װײַסינקע העמדער און קליידער פון זײַד,
פאַרזאָרגט פלעגט זי זיצן לאַנג באַ מאַשין,
און נייען, און נייען ביז שפּעט, ביז באַגין.

דער טאַטע האָט לאַנג שוין זיך שלאָפֿן געלייגט,
פֿאַרמאַטערט פֿון הובלען אַ ברעט נאָך אַ ברעט,
געפֿאַלן איז ער ווי געליימט אָפּן בעט,
פֿאַרזונקען אין שלאָף, ס'האָט די מידקייט גערעדט:
געטייַנעט, געמאָנט, ס'איז שלוימע גערעכט —
געטייַנעט, געמאָנט פֿאַר טעג און פֿאַר נעכט.

איך קוק דורכן פֿענצטער: פֿאַרשנייט איז די וועלט,
פֿאַרגליווערטע כמאַרעס האָבן הימלען פֿאַרשטעלט,
עס שווייַגן די ביימער און עס שווייַגן די צווייַגן,
עס קוקן און שווייגן פֿאַרגליווערטע ווייַטן.
אויגן אין פֿענצטער — דער שניי שיט און שיט;
די מאַמע זינגט אַן אַרבעטער-ליד:
די מאַמע זינגט! די מאַמע זינגט!
ווילט זיך אַ הייב טאָן און טאַנצן אַצינד,
די מאַמע זינגט! די מאַמע זינגט!
בייַלן די פֿויסטן, דאָס בלוט אין מיר גליט.
די מאַמע זינגט! די מאַמע זינגט!
טענער צאַרטע גיסן זיך מילד.
און עס פֿאַלט פֿון די אויגן אַ וואַרעמע טרער,
אַ טרער נאָך אַ טרער און אָפּט און אָפּטער, —
אַ ווייַסינקע העמד פֿאַר אַ ייִדישער טאָכטער!

העמדער ווייַסע האָט מייַן מאַמע גענייט,
ווייַסינקע העמדער און קליידער פֿון זייַד,
אַמאָל פֿלעגט אַ כאַלעס, ווי גאָלדענער ווייַן,
זיך צעגיסן אין אַלע גלידער אַרייַן,
אַזוי וועט עס זייַן... אַזוי וועט עס זייַן...
זי פֿלעגט גלעטן דעם צייַג, דעם ווייַסינקן צייַג,
און גיטעלע וועט די קאַלע זייַן!...

אָפּן בעט פֿלעג איך ליגן, ניט אייַנשלאָפֿן לאַנג,
און הערן אַן אָפּגעהאַקט שטילן געזאַנג,
און הערן: זי נייט, זי שטעפּט, זי רעדט —
איר קאָל האָט פֿון ווייַטן מיט צאַרטקייט געגלעט,
ווי בונטן בעז און ווי יונגינקער צווייט.
אַט הייבט זי זיך אויף מיט טויבישע טריט,

זי גייט, זי וויל זען, צי שלאָף איך, צי ניט,
זי קושט מיך אין קאָפּ און דעקט מיך איַין, —
אַזאַ קעלט און אַ קינד זאָל גאָר אָפּגעדעקט זיַין...
זי קושט מיך און דעקט מיך נאָכאַמאָל איַין,
און צוריק צו מאַשין, צו דעם וויַיסינקן צייַג,
ביז שפּעט, ביז באַגין, ביז אין טאָג אַריַין!

און צולעצט ווען כ'האָב אירע הענט געדריקט,
די טרערן די הייסע אין זיך געשטיקט,
האָט זי לאַנג געוויינט און געשוויגן לאַנג,
איר שוויַיגנדיקער צאַר וויינט אין מיר נאָך היַינט.

געוואַרט האָט מיַין מאַמע, געוואַרט און געהאָפט:
עס וועט נאָך איר זון אַמאָל קומען צוגיין,
עס וועט נאָך אָנקומען אָט אַזאַ טאָג,
עס וועט אַ פלייץ טאָן די פריַיהייט אין פענצטער אַריַין,
דורך טיר און דורך פענצטער זיך געבן אַ שפּאַר...
דער זאַפּטיקער טרוים האָט געצאַפּלט פאַר פרייד,
און האָט מיט אַ צאַרטקייט געווייט און געווייט.
געוואַרט האָט די מאַמע, געווען איז זי זיכער,
ווען ס'האָבן די טאַנקען געיאָגט ווי אַ וויכער,
די טאַנקען די רויטע און די מאָטאָציקלען,
(זי האָט מיר געשריבן — ס'האָבן ווערטער געפינקלט):
„דאַרפסט זען ווי זיי שיַינען, דאַרפסט זען ווי זיי בליאַסקען!
מען וואָלט עס באַדאַרפט באַשריַיבן אין ביכער,
אַזויפיל איז דאָ צו דערציילן און זאָגן,
קום־זשע אַ היים עס הייבט אָן צו טאָגן...
עס הייבט אָן צו טאָגן, עס ווערט שוין ליכטיק...
עס ווערט שוין ליכטיק, עס ווערט שוין גרינגער,
עס ווערט שוין גרינגער, עס ווערט שוין גרינגער!
אַ שאָד וואָס מען איז ניט אַ ביסעלע יונגער!"

געוואַרט האָט די מאַמע און ניט געקענט זיך דערוואַרטן,
אין איינעם אַ זונטיק אַ יוני־טאָג אַ צאַרטן,
עס האָבן האַרמאַטן צערעדט זיך, צעדונערט,
געברענט האָט דער הימל, די ערד זיך געשפּאָלטן.
האַרמאַטן און טאַנקען זיך צערעדט און צעוואָיעט,

דער ליכטיקער הימל איז געוואָרן פאַרטרויערט.
געוואַרט האָט די מאַמע אין מוירע און שרעק,
איין זון איז ערגעץ אַף פראָנטן אַוועק,
צי וועט זי אים זען נאָך געזונט און אַ גאַנצן
דעם מוטיקן קאָפּ אַף זײַנע פעסטע אַקסלען,
וואָס מיט שטאָלץ האָט געטראָגן דעם רויטן שטערן, —
צי וועט איר זון צו איר נאָך געהערן?!

געוואַרט האָט די מאַמע, ניט געקענט זיך דערוואַרטן;
געקומען אַ סוינע מיט כאַיעשע נעגל;
אַ ביטערער סוינע און פאַרצאַמט אַלע וועגן,
און ער האָט פאַרזאָגט:
„ניט גיין אַט דאָ, און דאָ זיך ניט שטעלן,
און דאָ ניט קוקן, ניט פרעגן, ניט זאָגן,
און די געלע לאַטע אַף דער פלייצע טראָגן!”

געוואַרט האָט די מאַמע, ניט געקענט זיך דערוואַרטן;
עס האָט איינמאָל געשײַנט אין לעבן אין האַרטן,
אַ בליציקע ליכט אין טויזנט קאָלירן,
און ס'האָט זיך געדאַכט, זי וועט שטענדיק באַצירן,
וועט שטענדיק באַלײַכטן און אייביק באַהויכן, —
דאָס ליכט פונעם קרעמל, פון פאָנען פון רויטע.

נאָר ס'וויגן זיך איצטער אַף טליִעס אַ רייע,
די זין פונעם שטעטל — איינקל, זיידע,
טאַטעס און ברידער — די זין פונעם פאָלק,
באַשפּיגן און אויסגעלאַכט הויך אַפן קאָל,
און אין פינצטערן געטאָ, אין פײַנען געדריקט,
ווײַסינקע טרוימען — צעשטיקלט, צעפליקט,
און קינדערשער כיין ליגט צעטראָטן אַף דר'ערד —
עס איז בעסער צו זײַן אַ שטיין אינעם פעלד!

און איינמאָל באַגינען ס'האָבן אַלע דערוואַרט,
אַ באַפעל איז געקומען — אַרויס אַפן מאַרק!
אַרויס אַפן מאַרק ווי מען שטייט און מען גייט.
אין רייען צעשטעלט און „אַכטונג אין אַכט!”
געמיימעסט מיט שטעקנס, געריסן פון הינט,

איז מען געגאַנגען אין ווײ און אין ווינד.
ווּ גייט מען? ווּהין? — ווער ווייס ווּ מען גייט?
צי גייט מען אַמאָל ניט אַזוי אַ צום טויט?
דער טויט זאָל באַפרײַען — און אַ סאָף און אַן עק!
ווער ווייס צי עס איז ניט דער לעצטער וועג?
ווער ווייס צי עס גייט ניט צו קווּרע דאָס שטעטל?
ניטאָ איז פונוואַנען ס'זאָל קומען אַ רעטונג.

געוואַרט האָט די מאַמע, ניט געקענט זיך דערוואַרטן;
הינטערן שטאָט, לעבן וועלדל דעם אַלטן,
מען האָט זיי צעבײַלטע אַלע געבראַכט.
צעבײַלט און צעשלאָגן פון ביקס און באַגנעט,
דערנאָך האָט אַ קוילנוואַרפער האַסטיק געשטעפּט — — —
און זיי זײַנען געפאַלן — — —
און זיי זײַנען געפאַלן, זיך בלוטיק באַהעפט,
טאַטעס און קינדער — די קינדער פון פאָלק,
מיט פויסטן געבײַלטע: מערדער, פאַרוואָס?
מערדער ,פאַרוואָס? מערדער, פאַרוואָס?
פאַרגעלט איז געוואָרן דאָס גרינע גראָז,
די זון האָט אין וואָלקנס, פאַרשטעלט זיך פאַר שאַנד,
ווען מאַמע איז געלעגן אין ווײ און אין בראַנד,
געגויסעט און לעצטע מינוט פון לעבן געציילט
און יונגינקע ייִדישע טעכטער דערנעבן,
וואָס האָבן געהאָפט און האָבן געגלויבט,
אַז מאַמע וועט נייען זייער כופּע־קלייד.

געוואַרט האָט די מאַמע, ניט געקענט זיך דערוואַרטן...
עס ליגט שוין דער סוינע צעמיימעסט, צעטראָטן,
און מײַן כאָרעווע היים, איז באַפרײַט שוין, איז פרײַ,
מען וואָלט לעבן געקענט שוין איצט פונדאָסנײַ — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

געוואַרט האָט מײַן מאַמע, ניט געקענט זיך דערוואַרטן,
אַף ליכטיקן כאָלעם, דעם לאַנג שוין געגאַרטן...

באַם יאַם

איך בין באַם יאַם, די כוואַליעס שוימען און רײַסן זיך צום ברעג,
צום ברעג מיט רויש, ווי כאַיעס און מיט ציין פאַרקריצטע;
אָט הייבט זיך איינע אויף און לויפט אַ שוימיקע צום וועג
מיט שטורעם, און פון צאָרן־קאַס — אַן אָנגעהיצטע:
פאַרפלייצן דעם אַספאַלט וועט זי באַלד, זיך אַ יאָג טאָן איבער גאַסן
און גיי און וויים — מיט כוואַליעס מאַכט מען ניט קיין שפאַסן.

ס'איז נאַכט. דער ווינט לויפט דאָ אום מיט אַ ווילדן פיסק און בייז
און טרײַבט און יאָגט און שלאָגט די כוואַליעס ביז די ברעגן;
זאָל זײַן אַז ס'איז אַ שלאַכט און שטאָל צעגיסט זיך היים
און וועט אַרוים פון ברעג, אַף אַלע ברייטע און שמאָלע וועגן;
זאָל זײַן אַז ס'איז אַ שלאַכט, פון אַלץ וואָס שוואַרץ איז און נאַכט—
קעגן אַלץ וואָס לעבט און בליט און אַלץ וואָס וואַכט.

איך בין דאָ איצט אַליין, אַליין באַם ברעג פון יאַם,
די כוואַליעס ברויזן, רוישן, שוימען און דערציילן:
אין אַ נאַכט אַזאַ, ווען דעם הימל האָט באַדעקט אַ פלאַם
און טעווטאָנען ווילדע האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן פון היילן,
זײַנען ברידער דײַנע, אַרומגענומען פון אַ דראַטן־צאַם,
אומגעקומען — פון כוואַליעס האַס און כוואַליעס סאַם.

ס'פײַפט דער ווינט, ער וויל פאַרשטיקן די געזאַנגען,
די כוואַליעס קלאַפן האַרט, ווי יאָגנדיקע רעדער איבער שטאָל,
זיי רײַסן זיך, פאַרפלייצן ווו אַ מענטש איז ווען געגאַנגען,
דערשטיקן אומעטום יעדן מענטשן־קאָל;
נאָר דער ברעג איז הויך און איז פון צעמענט אויסגעגאָסן —
די האַרטע כוואַליעס קלאַפן אָן און ווערן באַלד צעפלאָסן.

איך גיי דאָ אום אַליין און פיל דעם אָטעם פון מיליאָנען,
איך גיי איצט קעגן ווינט און זינג אַריבער זײַן געברום,
מיר הייבן איצט שוין אָן — פאַר אַלץ מאָנען, מאָנען,
דער פײַן האָט ניט פאַרגליווערט אונדז און פאַרשטומט,
און קעגן כוואַליעס האַס, וואָס רײַסן זיך צו ווענט,
מיר שטעלן הערצער אויס, ווי דער דאָרן, וואָס ברענט און
ווערט ניט פאַרברענט.

מײַן ברודער

מײַן ברודער איז לעבנגעבליבן, מײַן ברודער פֿון אַש און פֿון פּײַן,
גײט ער אין כאַרעװע שטעט אום, פֿון װרװע אין װרװע אַרײַן,
צינדט ער אין כאַרעװע שטעט אָן אַ העלע אַ ליכטיקע שײַן,
שרײַט ער אין כאַרעװע שטעט אױס: מײַן פֿאָלק, דו װעסט
לעבן און זײַן!

אין שאָטן פֿון כורװעס צעשטערטע, פֿאַרלאָשענע כאַרעװע װענט,
שטרעקן זיך אױס צו מײַן ברודער — טױזנטער, טױזנטער הענט,
הענט פֿון יוגנט און קינדער, װאָס זײַנען געװאָרן פֿאַרברענט,
װאָס זײַנען געװאָרן פֿאַרשעמט, באַשפּיגן, פֿאַרלענדט.

פֿון דערפֿער, פֿון שטעטלעך און שטעט שטרעקן זיך פּוסטן
מיליאָנען,
דונערן קולעס אין אַנגסט, הערן זיך קולעס װאָס מאָנען,
ברודער, נעם אונדזער צאָרן, פֿאַרװענד אים אין פּולװער אין טאָנען,
פֿאַרװענד אים אין פּולװער און שטאָל, צו שלאָגן די סאָנים.

מײַן ברודער איז לעבנגעבליבן, מײַן ברודער פֿון אַש און פֿון פּײַן,
מײַן ברודער איז לעבנגעבליבן, מײַן ברודער װיל לעבן, װיל זײַן!

ווען ער וואָלט אַ ביראָבידזשאַנער געווען

איר האָט ניט געקענט שלוימע דעם סטאָליער,
ניין, ניט געקענט?
דאָס שטעטל דאָס גאַנצע און אַרום אַנטאָפּאָליע
האָט געלויבט זײַנע הענט.
געווען איז מײַן טאַטע אַ גיבער, אַ גוואַר,
זיך קיינמאָל געבויגן פֿאַר פּאַרעץ און האַר,
פֿון דוירעס געיאַרשנט די פּראַקטיק פֿון פֿאַך,
און שטענדיק פּלאַנירט און שטענדיק געטראַכט, —
וואָס־זשע וואָלט איצט מיט מײַן טאַטן געשען,
ווען ער וואָלט אַ ביראָבידזשאַנער געווען? —
עס וואָלט אים דער געגנט געהויבן, געלויבט,
און ער וואָלט געבויט און ער וואָלט געבויט.

איר האָט ניט געקענט שלוימע דעם בויער,
ניין, ניט געקענט?
אין ווײַסרוסישן געגנט האָבן טירן און טויער,
געדענקט זײַנע הענט.
געקענט האָט מײַן טאַטע אויך בויען אַ בריק,
און מעסטן דאָס האָלץ מיט זײַן אויג, מיט זײַן בליק,
און ס'האָט ניט מײַן טאַטע קיין טאָעס געמאַכט,
פֿון פּראַקטיק געלערנט און אייגנס באַטראַכט.
דער זין פֿונעם בויען געווען איז זײַן פֿרייד,
ער פֿלעגט זי באַזינגען, שטילינקערהייט;
וואָס־זשע וואָלט איצט מיט מײַן טאַטן געשען,
ווען ער וואָלט אַ ביראָבידזשאַנער געווען? —
עס וואָלט אים דער געגנט געהויבן, געלויבט,
און ער וואָלט געבויט, און ער וואָלט געבויט.

איר האָט ניט געקענט שלוימע דעם סטאָליער,
ניין, ניט געקענט?
דאָס שטעטל דאָס גאַנצע, אַרום אַנטאָפּאָליע,
האָט געלויבט זײַנע הענט;
געווען איז זײַן היים אַף ווײַסרוסישער ערד,

די יערושע פון זיידעס — יידן מיט בערד,
דער זיג פון זײַן קלאַס, דער זיג פון זײַן מאַכט,
האָט אים צו יינגערע קויכעס געבראַכט,
און ס׳האָבן די הײַזער פריידיק געלאַכט
און באַגריסט אים באַטאָג און באַגריסט אים באַנאַכט.
זעט אונדזער שעפער — פלעגן זיי זאָגן,
דער ווינט פלעגט די רייד אין ווײַטן צעטראָגן.

איז געקומען דער סוינע, די נאַצישע בעסטיע,
אין געטאָ פאַרשפאַרט אים, מיט דראָטן פאַרפעסטיקט
מיט סינע, מיט בייזע, ווי שטעכיקע דראָטן,
מען האָט אים געשלאָגן, מען האָט אים געטראָטן,
און איינמאָל צוזאַמען מיט אַלטע אַף פורן,
ער האָט זיך באַגלייט צו אייגענער קוורע.

וואָס־זשע וואָלט איצט מײַן טאַטן געשען,
ווען ער וואָלט אַ ביראָבידזשאַנער געווען? —
עס וואָלט אים דער געגנט געהויבן, געלויבט,
און ער וואָלט געבויט און ער וואָלט געבויט.

אין כוידעש אַפּריל

.1

ס׳איז כוידעש אַפּריל, באַ אונדז איז איצט האַרבסט,
דעם בײַט פון דער צײַט איז קוים צו דערקענען;
ס׳רעגנט בלויז אָפּט און דאָס קימאַט אַלץ —
אַ וואָלקן פאַרקנייטשט זײַנע טונקעלע ברעמען.

אַ ווינטל לויפט אום גאַס-אײַן און גאַס-אויס,
ווי אַ יינגל אַ פאַרשײַטס, וואָס רײַט אַף אַ שטעקן;
דער הימל — העל-גרוי, כאָטש די זון גייט פאָרויס, —
איז זי אַ ביסל פאַרזאָרגט, פון די טונקעלע פלעקן.

גאַסן, אין געווירבל פון רויש און געיעג,
ווי מאַשינען געטריבן פון מעכטיקסטע מאָטאָרן;
מענטשן, ווי כוואַליעס שוימיקע, וואָס לויפן ביזן ברעג,
ווערן ערגעץ אויפגעלייזט, ווערן ווו פאַרלאָרן.

און איך צווישן זיי, ס׳איז מײַן האַרץ אַ באַראַבאַן,
פּויק איך אַ צעברויזטער דעם הימן פון מערידע;
אַ שטיין אַף מײַן געמיט, נאָר איך זינג אינעם שפּאַן
אַף די שטעכיקע פעלדזן, לויטערע לידער.

.2

אַף דער ערד ווו איך לעבן, האָט זיך גאָרניט געביטן,
מ'עסט דאָ צו זאַט, מ'הוליעט, מ'טאַנצט,
דער שטאַרקער האָט רעכט דעם שוואַכן צו שטיקן,
אַף יעטוועדן שפּאַן די פּוסטקייט גלאַנצט.

מיר זוכן דעם עמעס אין אָפּגרונט פון טײַך,
אים, ווי פישער מיר ברענגען אַף אַקסלען צו טראָגן,
נאָר דער סוינע אין שיגאָען, איז נאָך שטאַרק און רײַך,
ער פאַרמעסט זיך צו פאַרטונקלען דעם קאַיאָר אין פאַרטאָגן.

מיר ווערן ניט מיד צו צוימען דעם ווינט,
דער פּאַכעד פון וואָיען וועט אונדז ניט דערשרעקן;
בלויז דער וואָס איז טויב, נאָר דער וואָס איז בלינד,
קען מיינען מיט סינע די לויטערקייט פאַרפלעקן.

יעדעס וואָרט איז אַ פונק, כאָטש דער שטורעם איז גרויס,
איז עס ניט קיין פלעמל וואָס וועט באַלד פאַרשווינדן;
ווען מיר שוויַיגן פאַרקלעמט, הערט זיך אויך דאָס געוויש,
פון די באָרוועסע פיס וואָס שפּאַנען אין ווונדן.

3.

אַף דער ערד ווי איך לעב, האָט דער מאָסער די קראַפט,
כאָטש ניט אַלץ וואָס ער וויל, קען ער באַווייַזן;
דער טאָג ווערט אַמאָל פון כאַרפּע פאַרגאַפט,
דער הימל — פאַרזשאַווערט ווי אַן אַלטער אײַזן.

ניט איינמאָל מיר האָבן דעם אויפשטאַנד פון געטאָ
באַערט אַף די ראָגן, פּאָליציי האָט צעטריבן!
נאָר ניטאָ מער די קראַפט, וואָס זאָל קענען אונדז בייז טאָן
ניטאָ מער די מאַכט וואָס זאָל קענען באַזיגן.

מיט מונטערע טריט, גייען מיר שטענדיק,
באַערן די איידע פון מוטיקע העלדן;
די בונקער־באַפעלן זייַנען איצטער די ווענדונג,
וואָס הייבן זיך אויף ווי מעכטיקע פעלדזן.

צי באַדעקט איז דער הימל מיט מיליאָנען שטערן,
צי וואָלקנס שוואַרצע פאַרטונקלען דעם ראַנד —
מיר וועלן זיך ראַנגלען, מיר וועלן זיך ווערן
קעגן טויט און פאַרברעכן, קעגן גוואַלד און שאַנד.

.4

איז וואָס אַז די נאַצים ווערן באַוואָפנט ?
די באַנדעס ס. ס. שאַרפן די מעסערס ?...
ס'זײַנען ייִדן אַ פאָלק פון טיפן ביטאָכן ;
נעאָ-נאַצים ווערן אַוואַדע איצט, בעסער.

איז וואָס אַז ייִדן זײַנען צעריסן
ווי רינגען פון אַ קייט וואָס ליגן צעשאָטן ? —
אויב הערשן ? — איז צעטייל און זײַ פאַרביסן,
דאָס איז דער געבאָט פון אַלע געבאָטן.

די צאַוואָע פון קעמפער ליגט צעטראָטן, געשענדעט,
ווי געשענדעט פון סאַנים ס'ליגט אַ הייליקע פאָן ;
עס האָט זיך מיט גאָרניט געבעסערט, געענדערט,
דאָס לעבן פון פאָלק איז ווידער אין קאָן.

וואָס וועט זײַן ? וואָס וועט זײַן ? — עס ווילט זיך מיר שרײַען
מײַן קאָל זאָל דערגרייכן צו דײַן געוויסן, פרײַנט.
ווי דער פרילינג דאַרף זיך די אייניקייט באַנײַען,
און אָנהייבן דאַרף מען פון הײַנט, פון הײַנט.

.5

עס האָבן די נאַצים געשאָכטן די קינדער,
זיי האָבן געמאָרדעט, געברענט דאָס פאָלק,
מיט צינישן שמייכל זיי קומען אַצינדער,
צאָלן פינף דאָלער פאַר יעטוועדער קאָפּ.

די „כאָשעווע יידן", די טאַקיפים, די פּניי,
דאָס נײַע „13טל" פון דער גאַס פּועירעדאָן;
ווי טעמפּע לאָקייען זיי שטייען אין ריי,
פאַרן „ליבנסווירדיקן" הער, פון דער געשטאַפּאָ.

„— דער איניען איז קלאָר, די טירכע איז גרויס,
עס מוזן די הערן באַגרײַפן דעם צוועק,
די ביכער וואָס דאַרפן אינגיכן אַרויס,
מוזן אַנטשפּרעכן די צילן פון טשעק..."

„— דער איניען איז קלאָר, ס'איז געמיינזאַם דער ציל,
האָס דאַרף מען זייען קעגן סאָציאַליסטישן לאַנד".
ווי שלאַנגען זיי שיפּען סוידעס אין דער שטיל:
דער מײַרעוו, דער גאַנצער — איין-איינציקער פאַרבאַנד.

.6

צי וועל איך נאָך האָבן דעם זכות, דעם גרויסן,
באַטרעטן פון געטאָ די הייליקע גאַסן,
פאַרנויגן דעם קאָפּ פאַרן מאָנומענט, דעם אַנטבלויזטן,
דער זייגער, דער גרויסער פון די גרעסטע קאַמפן.

צי וועל איך אַמאָל נאָך קושן די שטיינער,
שטיין אַף דער וואָך מיט צעצונדענע אויגן ;
ווי איצט באַם שרײַבן, נאָך ליכטיקער און ריינער,
זיך קענען מיט עפּעס צו דער הויכקייט דערהייבן.

נאָר אַזוי צי אַזוי, ס'איז זיכער און קלאָר ;
כ'בין איינער פון געטאָ, און מיר זײַנען מיליאָנען ;
ווי שיפלעך צום ברעג, שווימט צו יעדע יאָ,
ס'איז נאָענט דער טאָג און מיר וועלן מאָנען.

פון טויזנטער מײַל, מיר שרײַען אַריבער :
דער פלעק פון פאַראַט וועט דאָס ליכט ניט פאַרלעשן,
און ס'בויען שוין יידן מיט די פעלקער-ברידער,
אַ לעבן פון פרײַהייט וואָס וועט אייביק העלן.

דער לערער

.1

שטיל איז אין הויז, זיי שלאָפן אַצינד,
מיט געוואָי איבער גאַסן לויפט פאַרסאָפּעט דער ווינט,
ער טרייסלט די פענצטער וואָס זײַנען פאַרגרויט,
די ביימער וואָס קוקן אין אַנגסטן דערשטוינט;
דער נאַקעטער הימל אין וואָלקנס פאַרקלעמט,
קוקט אַף דער ערד, פאַרשטויסן, פאַרשעמט,
מיט אַ האַלדז אַ פאַרוואָרגטע איז געפאַלן די נאַכט —
זיי שלאָפן אַצינד, נאָר דער לערער איז וואַך.

פאַרמאַטערט זיי ליגן אין בעטלעך צוזאַמען
בלאַסע ווי קאַלך. אים דאַכט אַז זיי שטאַמלען:
פאָטער־לערער זאָלסט אונדז ניט פאַרלאָזן!
עס וואָיעט דער ווינט אַף גאַסן און ראַגן,
נאַצים ווי יעגער, מיט מעשוגענע הינט,
זיי ווילן באַלד קומען, צעשרײַען זיך ווילד:
אַראָפּ און אַרויס און גיך, ניט געטראַכט —
זיי שלאָפן אַצינד, נאָר דער לערער איז וואַך.

פון צימער צו צימער, שלײַכט ער זיך שטיל,
ער דעקט איינע אײַן, ז'איז געווען ערשט פאַרקילט;
ער גלעט זיי, ער קושט זיי, און שעפּטשעט צו זיך:
עס לויפן מינוטן און שאָען אַף גיך...
וואָס זאָל ער טאָן? אַ פאַל טאָן צו שטיינער צו קאַלטע?
אָדער גאָר מיט די פויסטן געפאַרן פאַרהאַלטן?
ער שטייט בײַ אַ בעטל און פילט אַז ער קראַכט —
זיי שלאָפן אַצינד, נאָר דער לערער איז וואַך.

„ווען איך וואָלט ווידער געוואָרן קליין" — — —
זיכרוינעס ווי שיפלעך, ט'ער געלאָזט זאָלן גיין
אין פאַרנאַכטן ווען זון הייבט אָן זיך פאַרבאָרגן,
אין וואַסערן שטילע פון בלויע פרימאָרגנס,

װען אױף הימל צעבלױטן צעשיטן זיך שטערן,
און ביימער — לױטערע סױדעס זײ הערן.
נאָר פֿינצטער איז איצט, פֿול מיט געפֿאַרן, ס'איז נאַכט —
זײ שלאָפֿן אַצינד, נאָר דער לערער איז װאַך.

איצט ליגן די טעג מיט געשאָכטענע העלדזער,
און ס'איז יעטװידער שפּאַן װי דער רוקן פֿון פֿעלדזן
פֿול מיט געפֿאַרן, װאָס װאַקסן װי כװאַליעס, מיט
בײזקײט זײ שױמען.
איז װער װעט פֿאַרהאַלטן? און װער װעט זײ צױמען?
די װעכטער פֿון פֿאָלק זײַנען קלײן נאָך אין צאָל,
דער „בונד" איז פֿאַרבליבן שמאָל װי אַמאָל.
מיטן אורטײל אין האַנט, ציניש דער יודענראַט לאַכט —
זײ שלאָפֿן אַצינד, נאָר דער לערער איז װאַך.

מיר האָבן די קינדער אױף אַקסלען געטראָגן,
װי מען טראָגט אין פֿרײדן קױשן פּאָמידאָרן;
װי עס זינגען די שניטער װען זײ גײען אין פֿעלד,
און די זון באַגלײט זײ לױטער צעהעלט;
װי עס בליִען די פֿעלדער פֿון װײצן און קאָרן,
װי ס'רױשן געזאַנגען פֿון מעכטיקע כאָרן — — —
איצט, אין אָפּענעם יאַם, דאָס שיפֿל צעבראָכן, ס'איז נאַכט—
זײ שלאָפֿן אַצינד, נאָר דער לערער איז װאַך.

.2

אין כמאַרעס פֿאַרװיקלט איז געקומען דער טאָג,
דורך פֿאַרטונקלטע פֿענצטער פֿון יעטװעדן ראָג,
מיט צעשראָקענע אױגן האָבן מענטשן געקוקט:
גײט ניט געשטאָפּאָ דאָ איצט אַרום?
זעט מען ניט גײן זײ מיט ביקסן געצילט?
זעט מען ניט גײן זײ מיט מעשוגענע הינט?
זעט מען ניט גײן זײ פֿון הױז צו הױז?
זעט מען ניט טרײַבן אין גאַסן אַרום?

דער טאָג איז פֿאַרגליװערט, פֿאַרשאָטן מיט אַש,
אַ גערױש פֿון רעדער טראָגט זיך מיט ראַש:
זײ פּײַפֿן און טרובען און לאַכן דאָרט װילד,

צערייצטע צו בײַסן בילן די הינט.
אַט קומט אַ וועלפּישע סטאַדע, אַ בייזע,
און באַלד וועלן קלאַפּעס האַגלען ווי שטיינער;
קלאַפּעס און קוילן, קוילן און טויט,
אַט קומען די שעכטער מיט מעסערס פאַרגרייט.

געוועקט האָט דער לערער די קינדער גאָר פרי,
און ס'האָבן געהילפנס גערעדט צו זיי שטיל;
געוועקט זיי, ער האָט, ווי אַ ווינטעלע צאַרט,
און ער האָט זיי געמוטיקט און ער האָט זיי געשטאַרקט.
זיי זײַנען געשטאַנען אין אַ רייע צעשטעלט,
אין ווײַסע כאַלאַטלעך, ציכטיק, פאַרקעמט.
און ווען די געשטאַפּאָ צעפראַלט האָט די טירן,
האָט דער מוט פון די קינדער זיי געשטאָכן ווי שפּיזן.

זיי זײַנען געגאַנגען צו צוויי און באַנאַנד,
פאָרויס דער לערער מיט דאָס שוואַכסטע באַם האַנט;
זיי זײַנען געגאַנגען איבערן געטאָ־טאָל,
פאָרויס דער לערער מוטיק און שטאָלץ;
זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ שטילן געזאַנג,
פאָרויס דער לערער אינעם לעצטן גאַנג;
זיי זײַנען געגאַנגען מיט רויִקע טריט,
פאָרויס דער לערער — האָט געוואַכט און געהיט.

ס'האָט דער געטאָ געזען די טרויער־פּראָצעסיע,
דורך שפּאַרונעס און לעכער, די טריט, די לעצטע;
פאַרגליווערט פון שווײַגן, פאַרטויבט פון פּראַסט,
האָט דער געטאָ געבײַלט, נאָר ניט געהויבן קיין האַנט;
ס'האָט דער געטאָ געהערט דאָס קאָל פונעם לערער:
דער יודענראַט איז פון פאָלק דער פאַרשווערער;
אינעם שווײַגן פון לערער, האָט דער געטאָ געהערט:
פאַרטיידיקט דעם קאָווער מיט וואָרט און געווער.

זיי זײַנען געגאַנגען צעשראָקן און שטיל,
פאָרויס דער לערער — די אויגן צעגליט.
די קינדער צו אַקיידע — מען וועט עם באַנעמען?
ס'האָבן טרערן געשטיקט און דאָס האַרץ האָט
פאַרקלעמט אים.

מידע פון הונגער, דערשלאָגן פון שרעק,
זיי זײַנען געגאַנגען דעם לעצטן וועג.
די נאַצישע אויגן — ווי שאַרפע באַגנעטן,
נאָר דעם לערערס ליבשאַפט פלעגט די מוירע פאַרגלעטן.

פאָרויס דער לערער מיט אויגן צעגליטע,
זיי זײַנען געגאַנגען צום פּלאַץ פון דער שכיטע;
ס׳האָט קיינער פון זיי ניט געפּרעפּלט קיין טפילע,
ניט געבעטן קיין ביסעלע וואַסער אַפילע.
די גרויסע וואַגאָנעס מיט וואָפנע געקאַלכטע,
האָבן פאַרשלונגען די יונגינקע מאַכנע.
ס׳האָט דער לערער געוואָלט די קינדער דערקוויקן,
און ער האָט זיי געטרייסט מיט די לויטערע בליקן.

נאָר אָט האָט דער עלטסטער דעם לערער געמאָלדן:
ס׳האָט דער יודענראַט געפּוילעלט... איר קענט זיי פאַרלאָזן.
ס׳האָט דער לערער, די גאַנגרענע־רייד, ווי אַ שטיין
אינעם יאַם
אַ וואָרף געטאָן גיך און זײַן פּאָנעם ט׳זיך צעפלאַמט:
„זאָגט די פאַרעטער אַז נאָך קיינמאָל ווי איצט,
גלויב איך אין אָנקום פון פרײַהייט און גליק;
דער מאַרש פון די טאַנקען מיט פאָנען, מיט רויטע,
וועט ברענגען נעקאָמע פאַר מאָרדן און טויטן”.

.3

דער סאַם פון דער וואָפנע, האָט געדריקט זיי, געשטיקט,
בלאַסינקע אַלע, ווי אין איין גרויסער וויג
זיי זײַנען געלעגן, פאַרמאַטערט, פאַרצערט,
און געזען דעם לערער אין מאַכשאָוועס פאַרקלערט.
פון שפּאַרונעס געקוקט האָבן קינדערלעך בלייכע,
דער באַן איז געלאָפן איבער פעלדער פאַרשנייטע.
מען זעט ניט קיין הײַזער, מען זעט ניט קיין בוים,
די פענצטער, די טירן מיט ברעטער פאַרצוימט;
מיסטאָמע וועט ערגעץ דער באַן בלײַבן שטיין,
און דער לערער וועט זאָגן: קינדער מירן גיין...

פון פויערשע כאַטעס דורך פענצטערלעך קליינע,
האָבן מענטשן געקוקט, געוויינט, זיך געציילעמט:
פאַטער געטרייַער, יעזוס דו ליבער,
מען זאָגט אַז מען הייסט זיי, גראָבן פאַר זיך גריבער;
מען זאָגט אַז מען סאַמט זיי, דערנאָך מען פאַרברענט,
און זיי האָבן צום הימל געהויבן די הענט.
דער באַן איז אין סטעפּעס אין ווייַטע פאַרשוווּנדן,
פאַרגליווערט געשטאַנען זייַנען דאָרפישע מילן.

ס'האָט דער לערער געעזן ווי די קינדערלעך דרימלען,
ס'צעשיטן זיך זילבערנע שטערן אין הימלען;
די לעוואָנע אַ בלייכע קוקט זיכער ווי אַ טאַם:
מען פירט זיי אַף ווינטער־וואַקאַציעס מיסטאַם...
די נאַכט איז געקומען אין אַ שטאָלענע היטל,
און ס'האָט ניט געוועקט זי קיין גלאָק פון אַ שליטל.
דורך אויטאָמאַטישע קנאַלן האָט געשטאָפּאָ געוואָרנט:
פאַר העלפן די יידן ווערט מען דערמאָרדעט.

דער באַפעל צו טויטן פאַרפאַנצערט ווערט געפירט,
עס וואַרטן עקזעקוטערס און מעשוגענע הינט,
גרייט צו פאַרגאַזן און גרייט צו פאַרברענען,
דער ווינט וועט אַף פליגלען דעם אַש הויך פאַרנעמען,
און הימלען בלויע וועלן ווערן פאַרגרויט.
עס יאָגט דער באַן מיט אימפּעט און געוואַי.
נאָר מיטאַמאָל, ט'ער דערוואַכט פונעם גרויל:
עס וועט דאָס פאַרברעכן ניט ווערן געשווינט!

און ער האָט אידעען ווי ציפער גערעכנט,
געמאָסטן, געוויגן, געגאַנגען אַלץ העכער;
און ער האָט געכעשבנט דעם גאַנג פון די יאָרן,
וואָס זייַנען ווי שיפלעך דערטרונקען געוואָרן;
צעלעכערטע שיפלעך אין גרויזאַמען שטורעם —
זייַנען געווען די פאַציפיסטישע שורעס,
וואָס האָבן ווי צאַרטע, זינגענדיקע סאָלאָווייען
מיט מעלאָדיעס געקענט אַף אַ ווייַל בלויז דערפרייען.

און ער האָט געכעשבנט דעם גאַנג פון די יאָרן:
איז וואָס וואָלט געווען ווען ס'וואָלט אייניקייט געוואָרן?

װען די זין פונעם פֿאָלק װאָלטן צוזאַמען געשמידט
און צו זיי װאָלט געהערט די ערד און די פּי;
און די פערד און די בלומען, די שטעט, די טראַקטאָרן,
דאָס ליכט און די לידער, די װייצן און קאָרן?
איז װאָס װאָלט געװען װען די מענטשן פון לאַנד,
װאָלטן ליכטיקע טרומען געשמידט און געפּאַנצערט באַנאַנד?...

און ער האָט געכעשבנט, געגאַנגען אַלץ העכער:
מיר טרינקען די לײַדן און פול איז דער בעכער;
די גרויזאַמע טעג װערן האַרטער און שטרענגער,
דאָס פֿאָלק איז פאַרמישפּעט צו פאַרברענען און הענגען.
איז װאָס װאָלט געװען, װען מיר װאָלטן צוזאַמען,
קענן סוינע געקעמפט מיט גראַנאַט און מיט האַמער?
און די קרעציקע שטשורעס, דער יודענראַט,
װאָלט דעם קאַמף ניט צעגריזשעט מיט שעקער און פאַראַט?...

און ער האָט געכעשבנט דעם גאַנג פון די יאָרן:
לעװאַרטאָװסקי װעט װיסן װי שמידן דעם צאָרן;
מ׳װערט פון לײַדן געלײַטערט, מ׳װערט פון קאַמפן געבאָרן,
ס׳װעט דאָס פֿאָלק װערן דער אייביקער דאָרן,
װאָס װעט ברענען אין שלאַכטן און ניט װערן פאַרלאָשן,
ביז יאַנטעװו װעט װערן אין גרויען דערװאָכן;
און יאַנטעװו װעט װערן און יאַנטעװו װעט זײַן,
אַ שאָד נאָר װאָס מיר, װעלן שוין דעמאָלט ניט זײַן.

דו מיִעסער סוינע, גרויזאַמער שאַקאַל,
װילסט מאָסקװע נעמען? װילסט נעמען אוראַל?
דײַן מאַכט איז געבראָכן אױף סאָװעטישער ערד,
נאָר דו װעסט ניט לויפן װי נאַפּאָלעאָן אױף זײַן פערד;
אין דײַן בערלינער נאָרע, װעט רויטע אַרמיי דיך פאַריאָגן,
און דו װעסט פאַר אַלעמענס פײַנען באַצאָלן.
און ער האָט געזען װי אין באַפרײַטער װאַרשע,
פלאַטערן פאָנען און ס׳הילכן מאַרשן.

לייענענדיק פּערעצן

כ׳האָב געזען דעם פּאַלאַץ גלאַנצן
לעם די שימלענדיקע ווענט,
אײַנגעטונקט אין זון אינגאַנצן,
האָט ער אַזוי דעם טכום באַהעלט ;
ווי אַ האַנט וואָס צינדט מיט פלאַמען,
האָט ער באַלויכטן אַלטע דעכער,
און ווי דאָס פּאָנעם פון מײַן מאַמען
געליכטיקט הויך — „אויב ניט נאָך העכער".

אין זײַן ליכט — כ׳האָב אָנגעגליט מײַן האַרץ,
ס׳איז דאָס ליכט פון שטילן פּראָמעטיי.
נאָר ניט געשמידט איז ער צום באַרג,
פון ערגעץ הערט מען קיין געשריי.
געזאַנגען טראָגן אום זיך דאָ,
ס׳ברענגען פון ערגעץ זיי דער ווינט,
ס׳בינדט אָפּ די נאַכט איר לעצטע שאָ,
דער מאָרגן — די דערוואַכונג שפּינט.

ליכטיק זײַנען אָט די ווענט —
ווי די זון, ווײַס און העל,
און קיינמאָל האָבן זיי פאַרשטעלט,
ניט דעם נידעריקסטן שוועל.
ס׳איז דער פּאַלאַץ ווי אַ זײַל,
אײַנגעפּעסטיקט אין דער טיף,
גייסט אַזוי מײַל נאָך מײַל,
ער שפּריצט מיט ליכט און איז גראַניט.

כ׳קוק צו דיר פון ווײַטער-ווײַט,
ס׳איז אָפּגעלאָפן אַן עפּאָכע ;
ס׳האָט דערוואַכט אויך „באָנטשע שווײַג",

פרײַ איז ער פֿון אַלע יאָכן.
ער איז אַוועק אין יענע טעג,
אויפֿבינדן דעם הייסן שטורעם;
געפּלאָסטערט האָסט פֿאַר אים אַ וועג,
און ס'איז דײַן וואָרט געווען זײַן פֿורעם.

פֿאַרוויכערט איז דער האָריזאָנט,
דאָס פֿײַער ברענט און קען נאָך ברענען;
צום יאָם־האַדין די מאַסע שפּאַנט און מאָנט,
זי וועט די שולדיקע שטאַרק פֿאַרשעמען.
אַ פֿאַרבלוטיקטע זי גייט און שפּאַנט,
און זינגט דעם צאָרנדיקן ניגון;
און דו האָסט אויסגעשטרעקט די האַנט —
געטרייסט, געמוטיקט: מירן זיגן!

איצטער איז דער זיג שוין דאָ,
און ס'איז ניט ווײַט צום גרויסן שאַבעס...
שמידן דאַרף מען יעדע שאָ,
מיט ווערטער און מיט אײַזן־שטאַבעס.
דײַן וואָרט געווען איז אונדז אַ טרייסט,
אין טעג פֿון ווײ און גרויסן טרויער;
„טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט" —
עס דאַרפֿן זי די נײַע בויער.

צו מײַן זון

מאַקסימעלען

כ׳וויל, דו זאָלסט וואַקסן געזונט און שטאַרק,
און זאָלסט קענען דערלאַנגען דעם שפּיץ פון אַ באַרג.

און הימלען דערגרייכן, זאָלסט קענען מיט מאַכט,
און ס׳זאָל דיך ניט שרעקן קיין פינצטערע נאַכט...

כ׳וויל דו זאָלסט וואַקסן ווי אַ בוים אינעם וואַלד,
פאַרוואָרצלט אין וואָרצלען, טיף, צי באַם ראַנד.

כ׳וויל דו זאָלסט רעדער באַוועגן צום גאַנג,
כ׳וויל אַז דײַן גאַנג זאָל זײַן מיט געזאַנג.

און קלינגען זאָל אין דײַן קאָל דער קלאַנג,
פון דוירעם געזאַנג, קעגן צוואַנג.

כ׳וויל אַז ווי אָלגין זאָלסט ליבן דאָס פאָלק,
און טראָגן ווי ער די פאָן מיט שטאָלץ.

און אויב די פאָן וועט שטיין אין קאָן,
זאָלסטו ווי פאַפּערניק טאָן!...

און שטענדיק געדענקען דעם סוינע, פאַשיסט,
וואָס האָט אונדזער פאָלק צעטראָטן, פאַרוויסט!

און ווו דו וועסט זײַן, און ווו דו וועסט גיין,
האָב שטענדיק גרייט פאַרן סוינע אַ שטיין.

לאָמיר זינגען ווי קרינער

לאָמיר רױשן װי כװאַליעס אין יאַמען,
אַף פליגלען פון שטורעם און ווינט,
לאָמיר גײן, לאָמיר גײן, צוזאַמען,
שמידן אַ מעכטיקן באַגין!
פאָרוים די פאָן: פאַרטיזאַנער!
די שטאָלצע, די שטרענגע זין;
װאָס האָבן דעם קיום, אין װוּנדן,
געראַטעװעט פון רואין.

מיר דאַרפן װי בראָנדזענע מינערס,
אין טיפקייט בויערן די ערד;
מיר דאַרפן שטאָלענע אַקסלען,
און קאָנען האַלטן אַ שװערד,
לאָמיר גײן, לאָמיר גײן װי ברידער,
פון אויגן פאַרשװוינדט ניט די טרער,
מיר דאַרפן מיט צײנער פאַרקריצטע
דערלאַנגען צו שפּיצן פון בערג!

לאָמיר גײן אין דוירעס געשיכטע,
טרינקען פון קװאַלן דעם פײַן,
און קומען אַנטשלאָסן און זאָגן —
װוּ געװוען — װעלן מיר זײַן!
און צוזאַמען מיט פעלקער־ברידער
בויען אין זוניקער שײַן
אַ מאָרגן אַ נײַעם און פרײַען
אַ מאָרגן פון לעבן און זײַן.

לאָמיר זינגען, זינגען אין גאַנג,
כאָטש אַש גייט פון ליפּן ניט אַראָפּ;
לאָמיר זינגען אַ נײַ ליד,
וואָס זאָל מוטיקן אונדזער פאָלק!
און שטאַרקן זײַן גײַסט און הייבן זײַן מוט
און צאָלן פאַר שאַנד און צאָלן פאַר שפּאָט.
לאָמיר זינגען ווי קריגער, ווי עס זינגען זיגער,
ווען זיי גייען אַרײַן מיט פאָנען אין שטאָט!

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן

אין גאַנג

סאַראַ הילכיקער טראָט,
סאַראַ ריזיקער שפּאַן,
אין וויכער, אין שטורעם;
נאָט אײַך מײַן האַרץ,
נאָט אײַך מײַן קאָפּ,
ציגל צום טורעם.

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
אַ געשריי און אַ רוף
און אַ טראָט ניט צוריק;
אַ שטיין צו אַ שטיין,
אַ באַלק צו אַ באַלק,
מיר פאַרוואַרפן אַ בריק.

מיר רופן און זינגען,
מיר וועקן און מאָנען,
אַף גאַסן און ראָגן;
אַף פּלייצעס מיר טראָגן,
זוניקע סנאָפּעס
דורך גרויע פאַרטאָגן.

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
אַ געשריי און אַ רוף,
אַף וועגן אין פלאַמען;
מיר גייען אין רייען,
אַ מעכטיקער שטראָם —
קינדער און טאַטעס און מאַמעס.

ווי שטאָל, ווי שטיין, ווי זייד

מײַן האַרץ, זײַ שטאַרק ווי דער שטאָלענער שטאַנג,
וואָס ווערט אין אַ העלישן פײַער געשמעלצט,
פון מעכטיקע צוואַנגען נאָכדעם פאַרקלעמט,
און געהאַמערט פון פעסטע, פון אײַזערנע הענט.
פון פײַלן פון שאַרפע, שאַרפן געפײַלט,
פון עקבערם געעקבערט, אין מיט, בײַ דער זײַט.
פון זעגן געזעגט, לאַנגזאַם און לאַנג —
אַ בלוטיקער שניט באַגלייט פון געזאַנג...
מײַן האַרץ, זײַ שטאַרק ווי דער שטאָלענער שטאַנג,
וואָס הייבט זיך אַרויס פון ווייטיק און בראַנד
מיט שטאָלץ און מיט גוווּרע — אַ מעכטיקער קאָל,
ווײַל שטאָל — איז געווען און בלײַבט שטאָל אַלעמאָל.

מײַן האַרץ, זײַ ווי אַ שטיין אַ קאַלטער אין פעלד,
ערגעץ פאַרוואָרפן אין עלנט און פרעמד;
ווי אַ שטיין — פאַרשטיינערט וואָס שווײַגט און איז טויב,
זײַ האַרט און זײַ פרעמד צו רויבער און רויב.
נאָר אַז אַ ווינט שרײַט אוים מיט טיפן געוואָי
דעם פײַן פון מײַן קלאַס: אין געבעט און געשריי,
ווער פאַרשפיצט ווי אַ שטיין און שאַרף ווי אַ שווערד,
און אוים מיט מעכילע און טרעט אַף אַ טרער.
מײַן האַרץ, זײַ ווי אַ שטיין אַ קאַלטער אין פעלד,
וואָס איז, ווי אַ שטיין ניט קיינמאָל פאַרשטעלט,
און דאָרט ווו מען דאַרף, זײַ אַ געווער,
צו באַפרײַען דעם מענטש, צו באַפרײַען די ערד!

מײַן האַרץ, זײַ װי דאָס זײַד אַזױ װײך, אַזױ צאַרט,
פֿון מײדלשע טרױמען געגלעט און געגאַרט.
זײַ װי דאָס דינינקע, װײכינקע זײַד,
װאָס איז פֿון דער נאָענט אַזױ װי פֿון װײַט
דורכזיכטיק, קלאָר און ציכטיק געװעבט,
און זױבער און רײן פֿון יעטװעדן פֿלעק,
דורכזיכטיק קלאָר, װי לױטער ס׳איז גלאָז,
װי די זון אין באַגין — אין בלױ און אין ראָז.
מײַן האַרץ, זײַ װי דאָס זײַד אַזױ װײך, אַזױ צאַרט,
װי דאָס זײַד פֿון דער פֿאָן אױף װעלכער מען װאַרט, —
װאָס װעט פֿלאַטערן העכער פֿון יעדער פֿאַרלאַנג,
װאָס טרױמער זי האָבן געװעבט מיט געזאַנג.

לייענענדיק לעונינען

.1

דו האָסט געהערט דעם שטילן פּײַן
פון רוסלאַנדס ערד און אירע פליינען!
אין כאַטעס צאַנקט אַ פלעמל־שײַן
און באַ די טירן קינדער וויינען.

דער הונגער קומט פון פעלדער אָן,
דער אַקער מאָנט: גיב מיר ערד!
און ס׳פרעגט דער פויער: וואָס זאָל ער טאָן?
און זינקט אין שווײַגן, שווײַגט פאַרקלערט.

און ס׳האָט דײַן וואָרט — אַ שאַרפע שווערד,
דורכגעשניטן רוסלאַנדס ערד
און אָנגעזאָגט: מיר קומען אָן!

און ס׳האָט דײַן וואָרט געמאָנט, געשמידט,
אים האָט דערהערט אַ קינד אין וויג,
דײַן קאָל פון שטאָל: „וואָס דאַרף מען טאָן?"

.2

איך זע דיך אין די שפּעטע נעכט
טרוימען ליכטיקע וועבן — „וואָס טאָן ?"
עס ווערט דײַן וואָרט שאַרף ווי שווערד
און לויטער ווערט דײַן מעכטיק קאָל.

עס גליט דײַן וואָרט — אַ פײַער־שפּריץ,
הערצער פלאַמען, צינדן אָן,
און אומעטום האָט זיך צעגליט
דאָס גרויסע וואָרט : „וואָס דאַרף מען טאָן ?"

און האָסט פון קאַמפן אויסגעשמידט,
סײַ דעם זיג און סײַ דאָס ליד,
און ס׳האָט די ערד צום ערשטן מאָל דערהערט

אַ וואָרט וואָס האָט ביז פונדאַמענט,
אויפגעטרייסלט גאָר די וועלט :
אַהער די ערד ! באַפרײַ די ערד !

.3

אַ גרויער טאָג, עס שיט אַ שניי,
„אַראָפּ דעם יאָך!״ — אַ מאַסע שפּאַנט,
און ס׳זאָגט דער טאַטע: כ׳גיי מיט זיי,
און ער נעמט מיך פאַר דער האַנט.

אַ גרויער טאָג, עס שיט אַ שניי,
דער בלאַסער הימל איז פאַרקלערט
אַף אַקסלען איַינגעקלעמט אין ריי,
מען טראָגט דעם פרילינג אַף דער ערד...

געבראַכט האָט יענער טאָג אַ וואָרט,
ווי די זון גרויס און קלאָר,
פאַר אַלע פעלקער פון פאַרבאַנד;

אַ לענין־בסורע, אַ דעקרעט,
וואָס האָט דעם צוים פון טכום צעשטערט,
און ס׳איז דיַין היים און ס׳איז דיַין לאַנד!

ייִדיש

ס'איז געווען זשאַרגאָן דאָס לאָשן פון דער דינסטמויד,
פון דעם וואַסער־טרעגער און פון ייִנגל אַף דער לער;
די קלאָלע פון דעם באַלעגאָלע אין זײַן בויד,
און ס'געזאַנג פון אַמכאָ מיט דער שער.
געווען זשאַרגאָן די שפּראַך פון דעם האַמוין,
וואָס האָט געראַנגלט זיך קעגן סינע;
ווען קלייקוידעש צוליבטאָנדיק דער קרוין,
האָבן דורך די כאַפּערס אין רעקרוטשינע,
באַ די שוסטער, באַ די שנײַדער און פּראָסטאַקעס,
די קינדער צוגענומען פאַר יעוואָנים, —
אַז עס זאָלן ווײסן די לײַדאַקעס
און פון קאָהאָל — די סאָנים.

ס'איז געווען זשאַרגאָן די שפּראַך פון שלוימע וועקער,
וואָס קעגן טאַקסע־לײַט ער האָט זײַן שטים
אויפגעהויבן, קעגן זייער שעקער,
און דאָס פאָלק גערופן, מען זאָל גיין נאָך אים.
געווען איז זי די שפּראַך פון ליבן זיידן, —
ער האָט אין איר אַרײַנגעגאָסן אײַזן־זאַפט
און ס'פאָלק געלערנט דעם נוסעך — פּאָשעט ריידן
און דעם פאָלק געגעבן קויכעס, קראַפט.
דער מאַסקל האָט זיך אויסגעלאַכט פון לאָשן,
עס האָט אים צו זײַן דײַטש געשטערט,
נאָר דער טוכם האָט דאָס פײַער ניט פאַרלאָשן,
און האָט מיט ייִדיש זיך באַהאָפטן, ווי זריִע מיט דער ערד.

ס'איז געווען זשאַרגאָן די שפּראַך פון אַרענדאַר,
פון דעם ייִד וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע
די מיל, וואָס האָט געהערט צום האַר,
און די ערד די גוטע, כאָטש אַ פרעמדע.
געווען איז זי די שפּראַך פון יענעם טרוימער,
וואָס האָט די וויזיע פאַרמאָסטן קעגן ווינט,
אַף אָט דער שפּראַך האָט מען געמישפּעט טעוויעס מוידן,

און עליע ט׳זיך געלערנט מאַכן טינט.
און כאַטש פאַרטאַיעט האָט דער טרויער זיך אַף דעכער,
און די גזיירעס האָבן אויסגעהאַקט די שויבן;
האָט מען פאַרשטאָפּט מיט קישעלעך די לעכער
און ניט פאַרלאָרן דעם ביטאָכן און דעם גלויבן.

ס׳איז געווען זשאַרגאָן די שפּראַך פון טרעגער-יונגען,
פון „קוילער-געסל״ און פון „טאַטן מיט די באָנים״;
אַף אָט דער שפּראַך האָבן זיי זיך הויך צעזונגען,
אַף צעלאָכעס, אַף צעפּיקעניש די סאָנים.
און אין הערצער האָט אַן אָפּקלאַנג טיף געפונען
יעדער אויסדרוק, יעדער רוף און יעדעס וואָרט;
מען האָט פאַרשטאַנען, מען האָט עס גוט באַנומען,
מען האָט פאַרטײַטשן אים פאַרשפּאָרט.
און ס׳האָט די שפּראַך געגלײַכט דעם קרומען וועג,
און געשפּאַנט אין לעבן מיט דער פרייד צוזאַמען;
מען האָט אַף איר געזונגען: „יאַשקע פאָרט אַוועק״,
מען האָט אַף איר געשריבן: „אַ בריוועלע דער מאַמען״.

נאָר די צײַט איז אַף אַן אָרט דאָך ניט געשטאַנען,
און די מאַכט צעטרייסלט פונעם פאָרעץ און באַיאַר;
בונטאַרן האָבן זיך געלאָזט צוזאַמען,
קעגן קייסער, קעגן הערשער, קעגן האַר.
ס׳האָט זשאַרגאָן אַרײַנגעאָטעמט ווערטער,
וואָס האָבן זיך צעקלונגען פריש און נײַ;
ס׳איז געווען אַ רוף צו ברידער און צו שוועסטער:
„צערײַסט די קייטן און לאָמיר ווערן פרײַ״!
און אין וועלדער האָבן רעדנער, שטרענגע וועקער,
אָנגעקלאַפּט אין הערצער ווי אין טירן:
„געדענקט די העלדישקייט פון לעקערט
און לאָזט זיך ברידער ניט פאַרפירן״!

פאַרוואונדערט האָבן אויסגעהערט סיבירער וועגן,
דאָס געזאַנג אַף יִדיש — „ברידער אַ פאַרבאַנד״,
ניט דערוואַרט עס האָבן ווײַטע בירא-ברעגן,
אַז מיט יאָרן שפּעטער וועט דאָרט זײַן אַ ייִדיש לאַנד.
און ייִדיש וועט דאָרט אויפגיין, אין סטעפּעס זיך צעפלייצן,
וועט רוישן און וועט שטראָמען ווי דער ברוייזקער אַמור,

און ייִדיש וועט דאָרט וואַקסן אין קאָרן און אין ווייצן
און ייִדיש וועט זיך וואַשן אין די קוואַלן פון קולדור.
און ייִדיש וועט דאָרט פליסן, וועט רוישן ווי אַ קוואַל,
און ייִדיש וועט דאָרט בלִיִען ווי אַ לעבעדיקע בלום,
און ווען אַ פּיאָנער וועט הילכיק טאָן אַ שאַל,
אַף ייִדיש וועט אים ענטפערן פריידיק דער אַרום.

ס'האָבן רופן ווי די ווינטן זיך געטראָגן,
און געטרייסלט און געשטורעמט האָט די צײַט,
מען האָט פאַר ייִדיש אונדז געמיימעסט און געשלאָגן,
נאָר ניט געשוויגן האָבן מיר ווי „באַנטשע שווײַג".
ס'האָבן שטורעמס אויפגעטרייסלט פונדאַמענטן,
און אָנגעקומען איז דאָס פינפטע יאָר;
מיר האָבן פאַר באַליידיקן, פאַר שענדן,
געצאָלט מיט בלײַ, געצאָלט מיט הייסן וואָרט.
און אויב דערשטיקט האָט מען די מוטיקע געזאַנגען,
אין בלוט, אין טפּיסעס, אין סיביר, —
זײַנען זיי נאָך העלער אויפגעגאַנגען,
מיט שטורעם און מיט אומרו אָן אַ שיר.

און ס'האָט די שפּראַך פון עמעס זיך צעשײַנט,
די שפּראַך פון פאָלק — „אויב ניט נאָך העכער"!
געלײַטערט פון די קאַמפן אין דער צײַט,
געראַטעוועט פון שענדער, פון פאַרברעכער.
איז זי געשטיגן הויך און העכער ביז צום שפּיץ,
נאָר ניט מיט פאַזע פון אַ צופעליקן זיגער,
נאָר ווי אַ טוי וואָס זאַפּטיקט פריש
און העלפט דעם שוואַכן וועלכער פאַלט אַ מידער,
און ווי די שײַן וואָס דרינגט אין אַלע ערטער;
און ווי אַ מאַרש צו שטאַרקן די וואָס קומען,
ווי דאָס פרישע וואַסער פאַר אַ דורשטיקן גומען
ווי אַ קינדיש האַרציקער געלעכטער.

עס האָבן אָנגעיאָגט די שטורעמדיקע צײַטן,
און ס'האָט אַ פּראַל-געטאָן דאָס זיבעצנטע יאָר:
און פון אַלע ברייטע, טיפע ווײַטן,
איז אויפגעגאַן אַ מעכטיקער קאַיאָר;
פון אַלע טכומען די פאַרשטויבטע און פון אַלע עקן,

האָבן יונגע מאַכנעם זיך געלאָזט אין גאַנג;
אויפגעוועקטע, איז מען געלאָפן וועקן
מיט ווערטער הארבע און מיט רוישיקן געזאַנג;
און אין אַלע רופן און אין די געזאַנגען,
מיט שפּראַכן אַנדערע — אויך אונדזער ייִדיש וואָרט
כוואַליעדיק געברויזט האָבן פאַרלאַנגען,
און באַפעלן זיך צעקלונגען האָבן דאָרט.

אַף רוסלאַנדס סטעפּעס האָט זיך צעהעלט אַ זומער,
— וואָס איז פאַרזייט געווען אין אַכצן פערציק אַכט,
און אַלץ וואָס האָט געלעבט אין טיפן קומער, —
האָט אויפגעבליט, האָט אויפגעלעבט, דערוואַכט.
און דער וואָס שטייט נאָך איצטער דאָרט באַם רודער,
און דער וואָס האָט געפירט די גרויסע שלאַכט,
האָט יעדעס פאָלק אָנגערופן פּאָשעט: ברודער!
און יעדערן געגעבן מאַכט.
און ייִדיש האָט אַף ייִדיש זיך צעלאַכט,
און ייִדיש איז געוואָרן דאָרטן נײַ,
און נאַכט און טאָג און טאָג און נאַכט,
אויסגעשאַלט האָט זי איר פרייד — כ'בין פרײַ!

ווי אַ וואַסער־שטראָם וואָס איז געווען פאַרהאַלטן,
צעפלייצט זיך ווען מען נעמט אַוועק די וואַנט,
האָט אונדזער וואָרט, ביז דאַן דערשטיקט, באַהאַלטן,
אַ פלייץ־געטאָן צעברויזט אין אַלע עקן לאַנד.
ס'האָט ייִדיש אויסגעגלײַכט די אויסגעקרימטע אַקסלען,
און ווערטער האָט זי אײַנגעזאַפּט פון פעלד און פון פאַבריק,
מיט אימפּעט ניט געזעענעם האָט ייִדיש זיך צעוואַקסן
און אומעטום געזען האָט מען ווי ייִדיש בליט.
ס'האָט די שפּראַך זיך אויסגעקליידט אין שטאָל,
און אַרום דעריאָגן אײַנגעקלעמטע יאָרן;
געהאַמערט איציק פעפער האָט איר קלינגענדיקן קאָל
באַ דאָוויד בערגעלסאָנען איז זי יונג געוואָרן.

ס'האָט די וויסנשאַפט אַף ייִדיש זיך צערעדט
און טיפע כאָכמע־קוואַלן געוואָרן זײַנען אָפן;
מען האָט זיך דערלאַנגט צו אײַנשטיינס „רעלאַטיוויטעט”,
צו מאַרקסן און צו לענינען געטראָפן.

ס'איז די שפּראַך געוואָרן ווי אַ בוים מיט צווײַגן,
געוואָרן איז די שפּראַך, אַ זאַפטיק פרישער קוואַל,
און ניט געקוקט אַף אַלע פּרייערדיקע לײַדן,
קויכעס נײַע זיך צעוועקט האָבן מיט פּראַל.
און ווען אין שפּאַניע האָט פאַשיזם זיך באַוויזן,
און געוואָלט פאַרפלייצן גאָר די וועלט,
האָבן באַטווין-זעלנער קעמפנדיק ווי ריזן,
פון קאָמאַנדיר געהערט אַף יידיש דעם באַפעל.

און אַט האָט זיך צעגאָסן אַף דער וועלט דער מאַבל,
און פאַרשניטן דורעס יידן און געשיכטע,
געפּאַנצערט איז געקומען דער מעכאַבל,
און האָט טויט געזייט, פאַרניכטונג.
טאָג און נאַכט האָט טויט געשפּאַנט אין גאַסן,
און געניששטערט און געשאָכטן און געברענט, —
און אומעטום — צום טויט-פאַרמישפּעטע אין מאַסן
און יידיש בלוט אַף שטיינער און אַף ווענט.
נאָר ווערטער יידישע פון צאָרן, צאַר און טרויער,
האָבן זיי מיט טרייסט באַגלייט ביז לעצטן פאַל:
צי געווען איז עס באַם שרײַען: „שמאַ יסראָעל",
צי זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

אין קאַמפן און אין לײַדן און אין טרויער
איז אויסגעשמידט געוואָרן אונדזער וואָרט-געווער;
ניט איינמאָל האָט אַף אונדז דער פײַנט געלויערט
און געהאַרגעט און געבראָכן און צעשטערט.
ניט איינמאָל האָט דער סוינע זיך פאַרמאָסטן,
אונדז פאַרניכטן און אונדז אויסראָטן ביז סאָף,
ער האָט אַפילע שוין געהויבן טאָסטן,
באַם אַראָפּלאָזן זײַן בייזע שטראָף.
נאָר מיר זײַנען אַלץ געגאַנגען אונדזער גאַנג
לויטער-גלייביקע אין גרויזאַם-שווערע טעג;
און געמוטיקט, זיך, געשטאַרקט מיטן געזאַנג:
„זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

עס רירט זיך

(צו ווינטשעווסקיס יאָרצײַט)

„הערט איר קינדער ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל״?
ווי אין מיזרעך־זײַט צעהעלט זיך,
הילכיק שטראָמט אַ מעכטיק קוואַל —
זײַנען זין פון גרויסער בינע,
אַרויס אין קאַמף פאַר זייער לאַנד,
קעגן רויב און קעגן סינע —
אויסצושמידן אַ פאַרבאַנד.

„הערט איר קינדער ווי עס רירט זיך,
מערקט איר אַז דער סאָף קומט אָן״?
און אין פוילן, אַף באַלקאַנען
זאָגט דאָס פאָלק — מיר זײַנען דאָ!
מיר זײַנען דאָ — אַף זײַן און בלײַבן,
און קיינמאָל אומקערן די ערד, —
פון אונדזער פּײַן, פון אונדזער לײַדן,
שמידן מיר פאַר אונדז אַ שווערד.

„איבעראַל פון בײדע זײַטן,
פון אַטלאַנטיק רירט ער זיך״
דורך די בערג און דורך די ווײַטן,
פּליסט ער, שנײַדט ער, שטראָמט ער גיך!
פּליסט ער מיט אַ ניגן העלן,
שנײַדט ער טיף, מיט צאַר, געוויין,
דראָט ער באַ די רײַכע שוועלן
און איז האַרטער פון אַ שטיין...

„קינדער, לאַנג געגוג געגאָסן
האָט דער רײַכער אַלדאָס גוטס״

גענוג געשטיקט אין זיך פאַרדראָסן
גענוג געוועזן פאַר אים אַ שוץ.
שרייַען אוים די זין פון אינדיע,
און די בראַווע פון מאַדריד
אין טעלאָוויזו און אין סיריע,
זינגט מען אויך דאָס זעלבע ליד.

„זעט איר קינדער, ער וועט מאַכן,
פון דער שקלאַפעריי אַן ענד",
שוין אַ דריטל וועלט באַפרייַטע
האַלט ער פעסט אין זייַנע הענט.
און מיט שאַרף פון זייַן געווערע,
גייט ער אייַננעמען די וועלט,
טראָגן ווינטן הויך די בשורע
און דער מאָרגן — העלט.

שטאָטישער רעפלעקס

צעטראָגט זיך פאַרנאַכט איבער שטאָט אַ געררויש,
אַף ווײַטקייט פון מײַלן, אין גאַנג און אין לויף,
וויגט זיך פונאַנדער אַ גאַסן־געיעג,
אַזוי ווי סע יאָגט אַן עלעקטרישע זעג;
זי יאָגט און זי זינגט, זי זינגט און זי שנײַדט;
עס ווילן די אויטאָס דעריאָגן די צײַט,
עס ווילן די באַנען פאַרלויפן דעם וועג
און פײַפן און רעווען: בלײַב שטיין און ניט פרעג!

טאַנצן עלעקטרישע אויסיעס אַ טאַנץ:
גרינע און געלע און רויטע אין קראַנץ,
טאַנצן זיי לוסטיק מיט קונץ און קוראַזש,
אַזוי ווי סע טאַנצן פאַרלעך אַ דזשאַז:
זאַרגלאָז, מיט פרייד, ביז קאַיאָר און פאַרטאָג
און איינע צום צווייטן אַ ווונק און אַ זאָג.
באָדט זיך די שטאָט אין עלעקטרע־געיעג
און רימט איר אַשירעס און גרויסט איר פאַרמעג.

שטופן זיך מענטשן און ריידן אין גאַנג,
פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ הילכיק געזאַנג,
פון ערגעץ אַ רוף און פון ערגעץ אַ ווונק,
און אויגן זי מעסטן צי זי איז נאָך יונג...
שטופן זיך מענטשן אין גאַס און אין סקווער,
און כ'שטיי און איך טראַכט: ווי קום איך אַהער?
ווי קום איך אַהער? — און עס ברענען די טריט,
ווי קום איך אַהער? — און ווי קומט דאָ מײַן ליד?

ווי קום איך אַהער? און וואָס זאָל איך טאָן?
צי האָב איך שוין אַלץ ניט געשטעלט דאָ אין קאָן?
ווי צעמענט צעגאָסן די זאַפטיקע טעג,

און שטיינער געשלעפּט, געפּלאָסטערט דעם וועג,
געפּלאָסטערט דעם גאַנג מיט וואָרט און מיט טרוים
און געבראָכן מיט מי יעדן שטער, יעדן צוים,
ווי קום איך אַהער אין דעם גאַנגישן שטראָם
ווען כ׳האָב נאָך אַזויפיל צו טאָן און צו טאָן?

און ס׳נעמט מיך אַ גליאיקע בענקשאַפט אַרום,
און זאָגט צו מיר שטיל: קום צו מיר, קום!
גורט אָן זיך מיט ליכט, ווי אַ קריגער מיט שווערד,
ס׳גרייט זיך דער גרעסטער קאַמף אַף דער ערד.
זי טראָגט מיך אַוועק צום גערויש פון די טעג,
וווּ אַף טויט און אַף לעבן גייט אָן דאָס געשלעג.
הייב איך זיך אויף און איך זאָג: איך הער!
הייב איך זיך אויף און איך שווער!... און איך שווער!...

צו מײַן הײמלאַנד

אַפּט צעגיסט זיך אַ בענקשאַפט אין מיר,
און כ׳דערלאַנג מיט מײַנע אויגן דײַנע ברעגן,
טאַפּאָליעס שטאָלטנע זע איך אָן אַ שיר,
אומעטיק־פאַרקלערטע, באַוואַקסן זײ די וועגן.
זײ סוידען זיך און שאַרשען, זײ שעפּטשען און פרעגן,
שטרענגע ווי די וועכטער, וואָס היטן אַ פאַרמעגן.

ויל איך דורכן סטעפּ און דורכן וואַלד
שפּאַנען איבער שנייען, שפּרינגען איבער צוים,
און כ׳פיל, אַז אָט־אָט, באַלד,
כ׳וועל זען אַן אויסגעהאַמערטן דעם טרוים;
און פול ווערט מיט געזאַנגען דער טיפער רוים,
און פידלען הענגען אַף יעדן ביימעלע און בוים.

די ערד ווו יעדער שטיינדעלע ז׳געשיכטע,
איך גאַר אַ בענקענדיקער זען,
ווי אַן אומפאַרגעסלעכער אָנדענק פון אַ געליבטער,
איז אַלץ וואָס איז צעשטערט און פאַרברענט;
און ס׳איז מײַן ווונטש, אַז דײַנע בויענדיקע ווענט,
זאָל האַמערן און גלעטן אויך מײַנע שטאַרקע הענט.

פון דיר גייט אויף אַ הייליק ליכט — דאָס לעבן,
מיט אַ קראַפט וואָס קיינמאָל ווערט פאַרבלענדט,
און ווערטער שאַרפע, ווי די אָדלערס, שוועבן,
צו די וואָס זײַנען נאָך פאַרקלעמט;
צו די וואָס הייבן בײַלנדיק די הענט,
צו די וואָס זיצן הינטער טפיסע־ווענט.

האָסט באַפרײַט דעם צוגעשמידטן פּראָמעטײ,
און ער איז געוואָרן אוים לעגענדע...
ער שפּאַנט דער ריז, און ניט אַליין,
מיט אַ מעכטיק קראַפט און בלענדיק;
און כאָטש עס איז נאָך ניט געענדיקט,
איז ער אומעטום — און שטענדיק!

מײַן אָרעם וואָרט

װער איצט, מײַן אָרעם װאָרט, אַלץ שאַרפֿער, האַרבער,
װי שאַרף און האַרב עס איז די בלאַנקע שװערד.
ניט אין בערג די נעגל זײַנע גרייט דער שפּאַרבער,
פֿון װאָלקנקראַצערס דראָט פֿאַרװיסטונג אַף דער ערד.

װי דער װעכטער זײַ, װאָס היט און װאָרנט,
װי דער װעכטער זײַ, װאָס רופֿט און װעקט;
װען אין קייטן װערן אײַנגעשמידט די יאָרן,
און מיט גזײרעס האַרבע פֿאַרשלאָסן װערן שטעט.

ס'איז נאַכט, שױן זײער לאַנג ניט אױסגעשטערנט,
אין װאָלקנס שװאַרצע װערט זי אײַנגעהילט,
עראָפּלאַנען יאָגן װי פֿאַרצוקנדיקע אָדלערס,
מיט מײַלער כאַיעשע, מיט טײַװולשן געבריל.

אין רױכן זאָל זיך באַלד די װעלט פֿאַרקנױלן,
און אױפֿטרײסלען זיך זאָלן װוּנדן פֿון דער ערד;
װידער זאָלן נעכט אין פֿײַנען גרױלן,
און ס'פּאַנעם פֿון דער זון זאָל בלוטיק זײַן פֿאַרטרערט.

װער־זשע איצט, מײַן װאָרט, אַן אױסגעשטראַלטער פּאַנצער,
פֿאַר די, װאָס װאַכן אין די ברױזנדיקע טעג,
װאַקס אױס, װער מוטיקער, װער שטאַרקער,
אָפּהילכן דײַן עכאָ זאָל אַף יעדן װעג.

זײַ אַ צװאַנג, װאָס רײַסט אַרױס פֿון צװאַנגען,
אַ קלאַנג אַ מוטיקער פֿאַר די באַפֿרײַער אינעם גאַנג
צו אַ װעלט פֿון ליכטיקע פֿאַרלאַנגען,
װאָס אױפֿגײן װעט דורך שטורעם און געזאַנג.

דאָס נײַע יאָר

כ׳וויל דאָס יאָר, וואָס קומט און שטייט שוין באַ דער שוועל,
זאָל זײַן אַ שאָלעם-יאָר, זאָל זיך צעשײַנען העל;
און אויפגיין ווי די זון, פאַר אַלעמען און גלײַך —
זאָל זײַן אַ יאָר פון פרייד: פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אײַך!

נאָר קיינמאָל איז די פרייד אַליין נאָך ניט געקומען,
און קיינמאָל האָט די פרייד ניט אָנגעקלאַפּט מיט שטורעם,
אַ בליץ געטאָן ווי ליכט און אויפגעגאַנגען קלאָר,
מיט לידער און געזאַנג — אָנגעזאָגט: כ׳בין דאָ!

נײַער טאָג גייט אויף און ער ווערט העלער, העל,
אַנטקעגן קומט אַרויס, בלײַבט ניט שטיין באַם שוועל,
נעמט אַראָפּ די זון! שטייט ניט איצט פאַרקלערט,
און זאָל זי בלײַבן שוין אַף דער גרויסער ערד...

דאָס נײַע יאָר באַגעגענען קומט מיט אַ געזאַנג,
מעג האָגלען, מעג רעגענען, מעג שטורעמען אין גאַנג,
דאָס נײַע יאָר באַגעגענען, עס נעמען אין די הענט,
און שמידן עס און בויען עס, ווי בויער בויען ווענט!

אין אָוונטיקע שאָעו

די וועגן ליגן אָפּן, ווי טויערן צעפּראַלטע,
דער זומער וויל פאַרבלײַבן אין זײַן זומערדיקן גאַנג;
פון ערגעץ קוקן אויגן, ליכטיקע צעשטראַלטע,
פון ווײַטן קומט אַ ווײַטער, אַ הילכיקער געזאַנג;
אָוונט זײַ געגריסט, האָט אָפּגעהילכט אַ קלאַנג,
אָוונט זײַ געגריסט, האָט אָפּגעקלונגען לאַנג.

אַ מילדער ווינטל שטיפט און טאַנצט דאָ אויף די ראָגן,
די בלויע נאַכט זי שווײַגט און הערט זיך אײַן;
די שטילקייט וויל זי וועבן ביז ס'וועט נעמען טאָגן,
ביז זי וועט אַליין אויך אויפהערן צו זײַן;
ביז דער מילכער וועט, מיטן קלאַפּנדיקן וואָגן,
מיט האַסט די גאַסן שנײַדן און זינגענדיק זיך יאָגן.

איך קוק אַזוי דורך פענצטער ווײַט אַריבער,
ווי מען קוקט פאַרבענקט צו אַ ווײַטן ברעג;
ערגעץ זינגט מען הויך, מוטיק זינגט מען לידער,
אָן אויפהער, ווי אין גאַנג אַ קײַלעכדיקע זעג;
און נאָענט איז דער וועג, שפּאַן איך און ניט פרעג,
און נאָ דיר מײַנע נעכט און נאָ דיר מײַנע טעג...

פרילינג

קום, לאָמיר גיין אַנטקעגן די ווינטן —
די ווינטן צעבינדן די הימלען די בלויע;
עס שמעקט שוין מיט פרילינג, עס שמעקט שוין מיט גרינסן,
ס'פאַרשווינדן אין ערגעץ די מאָרגנס, די גרויע;
קום, לאָמיר גיין און שפּאַנען אַנטקעגן
דעם פרילינג דעם נײַעם, וואָס גייט אַף די וועגן.

קום, לאָמיר גיין און קיינעם ניט פרעגן,
לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, די ווינטן אַנטקעגן;
זיי קומען פון ווײַטע און נאָענטע ברעגן,
און ברענגען אונדז זון און ברענגען אונדז רעגן,
זיי ברענגען אונדז פרייד און ברענגען אונדז לעבן,
לאָמיר שפּאַנען און גיין און צו פרילינג נאָר שטרעבן.

קום, לאָמיר גיין, גיכער, צוזאַמען.
זאָל רײַסן דער ווינט אונדז און פאַטלען די האָר;
ס'זינגען די פעלדער, ס'זינגען די יאַמען,
לאָמיר זינגען מיט זיי צוזאַמען אין כאָר;
קום, לאָמיר גיין, צום מאָרגן דעם העלן,
מיט הימלען און זון לאַכן און קוועלן.

קום, מירן לויפן אַנטקעגן די ווינטן,
און טרײַבן זיי גיכער אין רוישיקן גאַנג;
אַז מען גייט, דאַרף מען וויסן אַן אָרט אַ באַשטימטן,
ווערט פעסטער דער טראָט און שטאַרק דאָס געזאַנג;
קום, לאָמיר טראָגן דעם פרילינג אַף אַקסלען,
אינאיינעם מיט אים, לאָמיר בליִען און וואַקסן.

פ. ס. ר.

(אַ גרוס מיכאַיל סערגייעוו — ערשטער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר
אין אַרגענטינע)

אַז איך לייען וועגן דיינע בויענדיקע שטעט,
הער איך האַמערס קלאַפּן אין אַ הילכיקן געוועט,
הער איך הובלען, הער איך פּיילן, הער איך זינגען זעגן!
ווילט זיך מיר אַרויסגיין און טאַנצן אַף די וועגן.
וויל איך לויפן, וויל איך זאָגן און דערציילן דעם וווּנדער —
וויפל טאָנען אייזן יעדער אויוון שמעלצט באַזונדער.
וויל איך לאַכן! לאַכן, לאַכן אַפן קאָל,
ווען איך לייען פּראָדוקציע-ציפערן פון שטאָל.
און מיין פרייד איז דיין און דו ביסט מיין ליד,
און ווי מיין קינד איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב!

דיינע זין זיינען דער געוויסן פון דער וועלט,
זיי טרעטן אוים אַ צוקונפט פון שטראַלן צעהעלט!
און ווען קראָען שוואַרצע פאָכען, פאָכען מיט די פליגל...
און ווילן זי פאַרטיליקן און ווילן זי באַצילן...
הייבן כוואַליעס בראַנדז זיך אויף, מעסירעס-נעפעש ווערט די זאַך
און ס'ווערט צעפלאַקערט אַ הייליקע די שלאַכט!
אַף וועלכן וועג האָט ניט געפלאָסן שוין אייער בלוט?
כאָטש נעם און שטעל מאָנומענטן אוים פון סיביר ביז ביירוט!
און פון יעדער שפּאַן איירערם זינגט אַרוים דער יוישער און דער זיג,
פון פעלקער-פרייהייט, שאָלעם און גליק.

אַף לענינס פּאָנעם רוט די גוטסקייט פון אַ גרויסן מענטשן-פריינט,
און אין זיין שטים קלינגט אַף דער דוירעסדיקער עכאָ פון לייד.
און דאָרט ווו מענטשנס הענט זיינען אין קייטן געשמידט,
איז זיין וואָרט אַ האָפענונג, אַ ניגן אַ צעשפּילטס.
ער איז אַ טרוימער, ער איז אַ שמידער פון שענסטן טרוים,
און ער שמידט פון שטאָל אוים טרוימען וואָס מיר כאָלעמען קוים...
לענין האָט גערעדט, איך האָב געהערט זיין קאָל,
די געשיכטע פון מיין פאָלק האָט ער אָנגעשטאָלט!
און מיט פעלקער פרייע, מיט אַלעמען, איך זינג, איך זינג, איך זינג!
דעם שמידערס שענסטן טרוים — די פרייהייט-ליד.

אַף די דרײַסיקסטע טרעפּ

צעפינקלט ווי שטערן, גליִען מאַכשאָוועס,
וואָס צעלײַכטן זיך איצט, אַף דעם בלויען האָריזאָנט;
עס שטוינען פון שרעק, קאָלערליי סאָוועס,
פאַרוואָס די נאַכט, ווערט פון לויטערקייט געיאָגט.

דער ווידערקאָל הילכט, פון דער נאָענט און ווײַט,
איז עס ניט דײַן קאָל? זינגסטו ניט אַליין?
דו גייסט, און עס דאַכט דיר דו שוועבסט און דו רײַטסט,
אַף געפלאַסטערטע וועגן פון צעמענט און שטיין.

ניט קיין פאַרטרוימטע זינגען אַצינד,
אַ הימן אַ פאַרבענקטן, צו דער שווימענדיקער לעוואָנע;
די בערג און די אַדלערס, אַרוים זײַנען געשווינד
מיט גוורע און כאַכמע, צאָלן און מאָנען.

מיר שווימען געפּאַנצערט, דורך קאַנאַלן און יאַמען,
מיר שפּאַנען דורך טראַקטן, רוימען מיר שנײַדן,
אַמאָל מיר האָבן געזונגען צוזאַמען:
„ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג, וועט איר שקלאַפן פאַרבלײַבן?"

די וואַנט וואָס האָט, צעטיילט און פאַרשטעלט,
איז אַף אייביק דורך אונדז צעשאָטן געוואָרן,
אַף אונדזערע הענט מיר האָבן די וועלט
געבראַכט ווי אַ קינד, וואָס איז נאָרוואָס געבוירן געוואָרן.

פאַרשטומט איז שוין איצט דאָס וואָיען פון וועלף,
וואָס האָבן געשראָקן מיט טויט און רעציכע;
דער יאָרהונדערט פון סאָציאַליזם האָט זיך צעהעלט,
נאָר ס'האָט יעדער פון אונדז זײַן אייגענע שליכעס.

ס'ווערן ברייטער די וועגן, ס'ווערט מונטער דער גאַנג,
ס'קרישלען זיך ווענט פון שעקער, טעראָר;
אויב אַרבעט — איז געאַרבעט, אויב זינגען — דערלאַנג!
— לאָמיר זינגען און בויען אין אַ מעכטיקן כאָר!

באַם שוועל

מיר ווייסן אַז ניט פון קיין טוי־בערג גייט אויף דער קאַיאָר,
וואָס ברענגט אונדז דעם טאָג אַ דערלייזטן, באַפרייטן.
די וואָר וואָס מיר שווייסן, שוין פינף צענדליק יאָר,
ווערט פון אונדזערע הערצער געזיפּט און געלייטערט.
אָ, ניין, ניט פון קיין טוי־בערג גייט אויף דער קאַיאָר,
פאַרוווּנדעט ער שפּאַנט פון גרויזאַמע שלאַכטן;
און ס׳הילכט אין זיין גאַנג אַ מעכטיק געזאַנג פון אַ כאָר
און אַנגסטלעכע רופן ווי דונערן ברויזן און קראַכן.

עס יאָגן די שטראָמען און שטשירען מיט וועלפּישע ציין
נאָר ס׳שווימט אונדזער שיף און שניידט און פאַרטרייבט זיי
אין טהאָמען;
זי קרעכצט, אין באַרג־אַרויפיקן גאַנג, נאָר זי וועט דערגיין,
איר נעקאָמע וועט זיין: פאַרטרייבן דעם טרויער און יאָמער;
זי וועט גיין מיט אַ מעכטיקן שוווּנג צו די ברעגן
און ס׳וועלן סירענעס דעם כאָלעל צעשניידן מיט אַ הילכיק געברום—
די בסורע צעטראָגן אין שטעט, אַף אַלע ברייטע און שמאָלע וועגן
און ליכטיק וועט ווערן און לויטער דער גאַנצער
צעפלאַטערטער אַרום.

עס גויסעסט די נאַכט פון הורן, גאַנאָווים, פאַרברעכער,
וואָס האָבן צעטראָטן די שטערן מיט בלוטיקער מאַכט.
מיר גייען, מיר קלעטערן אַף בערג, און שטייגן אַלץ העכער,
פון מאָרגנשטערן מיר ווערן געהיט און באַוואַכט;
מיר גייען פאָרויס, באָרוועס, פאַרוווּנדעט אין ווייען, —
אַ שטאָלענער שטראָם פון הונדערטער, מיליאָנען,
עס ציִען זיך וואָלקנס פאַרבלאַסט און שטום זיי פאַרגייען
און ס׳ווייען מיט פרייד פון ניצאָכן די פאַרשטויבטע, אין
שלאַכטגעפירטע פאָנען.

סאַן מאַרטין

צום ערשטן מאָל דײַן נאָמען כ׳האָב געהערט
ווען געקומען כ׳בין אַהער דאָ מײַן היים געפֿינען.
כ׳האָב דיך געזען אין אַ מונדיר און מיט אַ שווערד,
נאָר גאָרניט ווי אַ שטאָלצער זיגער פֿון רואינען;
אין ווערטער פֿרעמדע נאָך פֿאַר מיר, אין יענער צײַט,
האָב איך דערגיין געוואָלט דײַנע לויטערע באַגערן,
נאָר כאָטש זיי זײַנען שטום געווען און ווײַט,
האָב איך זיי באַלד דערפֿילט, דערזען און דערלערנט.

דײַן וווּנדערלעכער בײַשפּיל, ניט געבליבן איז פֿאַרבלייכט,
ער גייט אויף און העלט, שטאַרקער נאָך און ברייטער;
און אַלץ וואָס דו האָסט מיט דער הילף פֿון פֿאָלק דערגרייכט,
ווערט אין די טעג פֿון הײַנט, צײַטיקער און רײַפֿער;
דער גרויסער טאָג קומט אָן ווי אַ וווּנדערלעכער ניגן,
וואָס וועט אַ פֿלייץ טאָן ווי אַ שטראָם פֿון אַלע ברעגן,
און די אויסגעווייטיקטע און אויסגעטרוימטע זיגן,
וועלן שטורמיש זיך צעבליִען אַף די וועגן.

האָסט דײַן היים האַרץ אָנגעצונדן אינעם פֿלאַם,
וואָס האָט אין שפּאַניע זיך צעפֿלאַקערט קעגן נאַפּאָלעאָנען;
ביסט געווען דאָרט אַ סאָלדאַט — אַ פּאַרטיזאַן,
וואָס איז מיט פֿאָלק אַרוים די פֿרײַהייט מאָנען;
און דערנאָך אַף דײַן אייגענער—נאָר פֿאַרשקלאַפֿטער—ערד,
האָסט געבראַכט דעם גײַסט פֿון יאַקאָבינער.
עס האָט דאָס פֿאָלק דײַן רוף געהערט,
און מיט דיר באַפֿרײַט אויך פֿעלקער־ב׳ידער.

און איך אַ ייִד, וואָס גאַרט צו זײַן אַ שטיין
פון ביניען: „אַלע מענטשן זײַנען ברידער"
באַוווּנדער אָפּט דײַן מוט און דײַן פאַרשטיין,
צו זײַן אין יענער צײַט דער לאָמפּן־צינדער
פון פעלקער־רעכט און פון לענדער — אַ באַפרײַער —
ביסט העכער פון יעדן באַרג, פון דער גרויסער אַנדן־קייט,
דײַן ניצאָכן לעבט אין די, וואָס גרייטן קאַמפן נײַע,
און די וואָס היטן אָפּ אַלץ, וואָס מיט מי דו האָסט פאַרזייט.

זון מײַנער

מײַן זון, דו זעסט װי די כמאַרעס פאַרשטעלן די שטערן,
ס׳קען זײַן אַף אַ װײַל װעט פינצטער באַלד װערן,
אַ שטורעם אַ װילדער װעט ברעכן און שטערן,
עס װעלן געפאַרן אַף װעגן זיך מערן;
דײַן פּנים װערט בלאַסער, שטרענגער די אויגן, —
עס האָט דער טרויער ניט דערשיטערט דײַן גלויבן.

נאָר זע, עס זײַנען די כמאַרעס צעריסן אַף צװייען,
פאַרן לויטערן טאָג, זיי אַנטלויפן, פאַרגייען,
קוק װי עס שנײַדן אַרײַן זיך די שפּאַלטן,
װעסטו זען דעם טאָג אַ לויטער-צעשטראַלטן;
איז קום, לאָמיר גיין דעם שטורעם אַנטקעגן,
זיך קײַלן און ביילן מיט אים אַף די װעגן.

װיים, יעדער שפּאַן פאָרויס לאָזט אַ ליכטיקן שליאַך,
װאָס צעלעכערט און צערײַסט דער פינצטערער נאַכט,
זיי איינער פון די װאָס גייען אין שלאַכט,
אַ טרעגער װאָס האָט דעם מאָרגן געבראַכט;
מײַן זון, מיט ברוסטן אַנטבלויזטע לאָמיר דורכרײַסן צוימען,
און אָנצינדן העלקייט אַף ערד און אין רוימען.

איך לעב אין אַ צײַט

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען שעקער, בילבל און טעראָר צוזאַמען שפּרײַזט,
נאָר דער עסעס, אַ מעכטיקער שטראָם פון דערלייזונג,
איז ניט ווײַט.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דער מענטש ווערט באַשפּיגן, צעטראָטן, פאַרשעמט;
איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דאָס שלעכטס ווי שקיִע פאַרזינקט און דער מאָרגן העלט.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען די פרײַהייט, די טויערן פון טפיסעס צעשמעטערט,
רײַסט אויף,
און דער מענטש אין געראַנגל, אַ צעבלוטיקטער קלעטערט
און זינגט: פאָרויס, באַרג אַרויף!

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען עס שוימען ווי כוואַליעס די טעג און ווי ווינטן זיי וואָיען;
איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דיכטער-פאַרעטער סערענאַדעס זינגען צום מילכאָמע-שיגאָען.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דאָס „געשפּענסט" פון 1848 איז געוואָרן דער פאַקל פון גליק
און פון יאָרטויזנטער די בלוטיקע שלאַכטן זײַנען אַט איצט
איין שטאָלענע בריק.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דער באַרג-אָדלער האָט די וואָלקנס צעפּיקט און צעפליקט,
און דער מאָרגן האָט הימל באַהעלט און די פינצטערניש
אַף אייביק באַזיגט.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען אין צענטער פון וועלט שטייט לענין דער אַרכיטעקט,
און ער מעסט, און ער וועגט, צערטלט און גלעט, מוטיקט
און וועקט.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דער פּאַלאַץ פון פרײַהייט ווערט הויך ווי די זון
און טיף ווי דער יאַם,
און בסורע פון סאָציאַליזם, דער רעאַלער באַגריף ווערט פון
דער לעגענדע וועגן הימלישן מאַן.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען די באַסטיליע די נײַע, געשטורעמט ווערט פון אַלט און יונג;
איך לעב אין אַ צײַט —
פון דיקטער־באַפרײַער מאַאָ טסע־טונג.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען מײַן פאָלק איז געוואָרן פון פאַשיזם צעטראָטן, פון
נאַציזם פאַרברענט;
איך לעב אין אַ צײַט —
ווען מערדער פון פעלקער באַהאַנגען ווערן מיט לאָרבער־קרענץ.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען דוירעס קולטור איז געוואָרן פאַרניכטעט פון נאַצישע
פלאַמען;
איך לעב אין אַ צײַט —
ווען סאָציאַליזם קערעוועט דעם גאַנג פון די יאַמען.

איך לעב אין אַ צײַט —
ווען טײַכן טרערן און בלוט פאַרגאָסן ווערן פאַר יעדן
זינגערישן שפּאַן;
איך לעב אין אַ צײַט —
ווען שטורעמס פון אַלע צײַטן וועלן ניט אויסלעשן דעם
באַפרײַונגס־פלאַם.

איך לעב אין אַ צײַט —
וועו דער עמעס זיגט און ער קוועלט, און ער שטראַמט און
ער פליסט —
און מיט בלוט פון מײַן הארץ פֿאַרשרײַב איך די ווערטער
פון גאָרקין: „דער מענטש האָט געזיגט"!

די איטאַליענישע מויערער אין דער שטאָט בוענאָס איַרעס

די איטאַליענישע מויערער פון דער שטאָט בוענאָס איַרעס,
טאַנצן ווי פייגל אַף דעכער ;
זיי זינגען אַריַין אין די זוניקע שטראַלן וויַניקע לידער,
וואָס שוימען אַריבער דעם בעכער
פון פאַרבענקטע געזאַנגען ;
וואָס פליסן אין שטראָמען,
וואָס קלאַפּן זיך אָן אין ווענט אין האַרטע,
און ווערן אין כוואַליעס פאַרפאַלן.

מיט קעלניעס אין הענט
און מעטערס אין גאַרטלען,
זיי לייגן ציגל נאָך ציגל און ס׳וואַקסן די ווענט.
די פאַרויטלטע וואָלקנס פון זוניקן בליאַסק,
וואַרפן אַ בליק
דורך אויסגעהוילטע פענצטער פון די גאָרנס
ווו עס קרייצן זיך הענט און רידלען,
וואָס זעען אויס ווי פידלען —
דאָס בויען די טאַסקאַנינים ;
זיי בויען און זינגען —
דאָס זינגען די קאַרוזאָס.
און ווען די ליכט־שפּיזן פון דער זון,
גריַיפן אָן די פאַרברוינטע פענעמער,
באַגאָסענע מיט שווייס,
קלינגט דער גלאָק !
זיי שטעלן אָפּ דעם האַלבן אַרבעטס־טאָג,
דעם שעפעדיקן, דעם שווערן.

דערנאָך אין איין קריַיז,
אַרום אַ זשאַרענדיקן פיַיער,
זעצן זיי זיך אויס.
זיי זופּן זויערן וויַין און עסן ברויט מיט פלייש.
אַ, ווי טיַיער ס׳איז אַלץ, ווי נידעריק דער לוין,

וועט סטײַען צו שיקן פֿאַר ווײַב און קינד
לירעס קיין רוים?
אָ, זוניקע איטאַליע, איטאַליע מײַן היים.

באַנאַכט אַף הארטע געלעגערס,
אין צימערלעך ווי לעכער,
זיי שלאָפֿן מיד,
זיי כראָפּען אוים דעם יאָך פֿון טאָג,
ווי מ׳לאָדט אוים אַ שיף:
יעדער כראָפּע איז אַ פּאַק,
יעדער כראָפּע איז אַ פֿולער צעמענט־זאַק.

נאָר אָט ווערט שטיל.
אַ הויז אַ גאָרנדיקע אין פֿענצטער קלאַפּט אָן,
עס פֿרעגט,
עס וויל מיט אירע בויער זיך דורכריידן אצינד:
האַ? זאָגט זי,
איר בויט אַזוי הויך און געררוים,
צו וואָס זיך וואַלגערן אין לעכער און אין שטויב?
אָט באַלד וועט מען אין יעדן דעפּאַרטאַמענט,
אויסלייגן פּאַרקעט,
אַרײַנשטעלן פֿענצטער און טירן — — —
קומט מיט ווײַב און קינדער צו מיר,
ברענגט זיי צופֿירן!

דער קלינגענדיקער וועקער,
וואַרפֿט אום דעם זינגענדיקן כאַלעם,
וועלכער פֿאַלט אַראָפּ ווי אַ גלאָז אַף דער ערד,
נאָר ער ווערט ניט צעבראָכן...
זיי גייען אין די טונקעלע פֿרימאָרגנס
מיטן כאַלעם, ווי מיט לאַמטערן.
די נאַכט צעגייט ווי רויך,
אַנטקעגן זיי העלט דאָס ליכט פֿון מאָרגנשטערן.
דער מאָרגן שפּינט די גאָרן פֿון דער זון
ווי זיי דעם כאַלעם,
וועלכער בליט אַף יעדער גאַס,
איז טיף פֿאַרוואָרצלט ווי אַ סאָסנע אין דער ערד
וואָס קושט מיט אירע גרינע ליפּן דעם בלויען הימל.

צו די יונגע לאָמפּן־צינדער

די אַביטוריענטן פון דער פּערעץ־שול אין ווישאַ לינטש:
ציפּע פרידמאַן, מ. קאַגאַן, ע. קוזמינסקי, מוישע קאַגאַן,
דזשינטשאַרסקי, מאַריאַ בלוטרייַך, לייע טענענבוים, פייגע
סטאַווסקי, ליס, רייזל שאַפּיראָ, א. רייַזמאַן און זייַטלער.

איר פליט אַרויס ווי ווייַסע טויבן אין פרימאָרגן,
באַגעגענען דעם טאָג דעם העלן,
וואָס וואַקסט אַרויס פון טאָלן
בויערט און טעסעט און שפּאַלט דעם הימל;
קלעטערט ווי אַ וועווערקע אַף ביימער,
פון צווייַג צו צווייַג,
העכער, העכער.

אַף די ליפּן אייַערע בליִען שמייכלען,
ווי קלאַוועלן אין אַ זוניקן פרימאָרגן.
אָט איז דער טאָג, און איר גייט אים אַנטקעגן,
אַ שפּאַן,
און איר ווילט פרעגן:
פאַרוואָס איז אַלץ נאָך דאָ זיגזאַגן?
לאַבירינטן, אַנשטאָט גלייַכע געפּלאַסטערטע וועגן?
פאַרוואָס וויינט די פרייַהייט דורך פענצטערלעך פאַרקלעמטע
אין אייַזערנע קוואַדראַטן?
פאַרוואָס ברענט מען ביכער, וואָס צינדן אָן,
אַזאַ ליכטיקע ליכט אין הערצער און מויכעס?
פאַרוואָס ווערט באַ אונדז, דאָס אינדזעלע ייִדיש,
געטראָטן פון ייִדן און ניט ייִדישע סאָנים?
עס ווערט ערנסטער יעדעס פּאָנעם,
איר טראַכט:
וועלן מיר בויען דעם נייַעם טאָג?
וועט זיך ניט קעגנשטעלן די נאַכט?
דעם גאַנג פון דוירעס האָבן מיר געלערנט,

אַף די שוועלן פון אויפגייענדיקן מאָרגן;
דורך די זיבערע שויבן פון געדאַנק,
מיר האָבן געזען:
די שטויביקע פלאַכן,
די טויאיקע וועגן,
די נויטן פון פאָלק
און די זאָרגן;
די גרעאַנגלען פון העלדן,
געזאַנגען פון מאַרטירער,
און מיר האָבן פאַרשטאַנען:
לעקערט דעם פירער,
באַטווין דעם זיגער,
ענגעל דעם טרוימער,
וואָס האָבן די ספּייקעס,
צעשטויבט און צעטראָטן;
וואָס האָבן די טרערן פאַרוואַנדלט אין נאַפּט,
צו טרײַבן נאָך גיכער,
דעם ראָד פון געשיכטע —
דעם זיג פון פעלקער און די מאַכט.

זײַט דרײַסטער ווי ווינטן
אין כמאַריקע טעג;
זײַט ברויזיק ווי כוואַליעס,
ווען ס'שטורעמט ס'געיעג;
זײַט העכער פון סאָסנעס,
ווען מ'דאַרף וואַכזײַן און זען;
און זײַט ווי טרומייטן,
ווען פרײַהייט ווערט באַדראָט און געקייטלט אין קייטן;
זײַט די שמידער פון טרוימען,
וואָס מיר האָבן געשמידט
און שמידט שטאַרקער און זינגט העכער דאָס ליד,
פון אונדזער אויפגייענדיקן זיג.

צו די ליבע פרײַנט אין דער טפּיסע
פון סינג־סינג

ניט ווי אָוויילים ציִען זיך די טעג און נעכט בײַ אײַך,
און ניט זיי ליגן פאַרכאַלעשטע פון טרויער;
געפּילן סאָלידאַרישע רוישן ווי אַ שטראָמיקער טײַך
און זיי ברעכן דורך יעדע טיר און טויער.
כ׳איז מיט אײַך די וועלט וואָס קלעטערט אַף די אַלפּן־בערג
פון שאָלעם
און די הונדערטער מיליאָנען פרײַהייטס־שמידער,
גערעכטיקייט־מאָנער.

מיר זאָגן צו די הענקער־ריכטער: ענטפערט אונדז פאַרוואָס?
און טעג און נעכט מיר שטורעמען די וועלט־בילבולים;
זייער שווײַגן איז פאַרזשאַווערט און פאַרראָסט,
ווי געווען זיי וואָלטן טויב אַלע און שטומע;
און יעדן טאָג די ליגנס זייערע צעבראָזגען מיר ווי גלאָז,
אין קאָנטינענטן אַלע מיר דונערן: מענטשן, דעם פאַרברעכן
ניט דערלאָזט!

פאַרשנײַדן אײַך, פאַרברענען אײַך דער סוינע האָט געשוואָרן,
זײַן שוואַרצע האַנט האָט אָנגעצייכנט שוין דעם טאָג;
אים מיר ענטפערן, ניט נאָר בלויז מיט האַס און צאָרן,
באַפרײַ: מיר פאָדערן אַף יעדער גאַס און ראָג;
אונדזער געשריי און ווײ דורך קאַבלען שיקן מיר, דורך יאַמען
און דורך ווינט, —
זײַט געשטאַרקט ליבע פרײַנט ראָזענבערג אין דער טפּיסע
פון סינג־סינג.

אין אונדזערע טעג

זינגער, זינג ניט אויס אָט ג׳יצט דאָס ליד פון שאָלעם
רויִק און געמיטלעך, אַ פאַרטראַכטער באַם קלאַוויר;
ס׳איז די גרויע צײַט ניט איצט קיין וויסטער כאָלעם,
און דער זיג געוועדעט איז, אויך אין דיר;
זינגער, בעט ניט ראַכמים באַ די צינדער,
און קני ניט פאַר דער טויבער וואַנט;
זינגער, זײַ אַ קעמפּער און אַ זינגער
און ביקס און פען האַלט באַנאַנד.

טרוים ניט זינגער! — בענקשאַפט און באַגערן
וויגן אײַן, און צאַרט און שטילער ווערט יעדער שפּאַן;
זינג, נאָר באַזינג ניט מער די בלויע שטערן,
מיט פאַרפליייצונג דראָט דער שטורעם און דער יאַם;
זינגער, הער זיך צו — מיליאָנען מאָנען,
און די אַטאָם-צינדער צעשטערונג זאָגן אָן;
זינגער, מען דאַרף אַף אַלע וועגן טראָגן איצטער פאָנען,
צו דעם שאָלעם-מאַרש פון פולע טויזנט שוין מיליאָן.

זינגער, ניט אַ שפּאַציר איז איצט דער גרויסער גאַנג,
וואָס ווערט באַגלייט פון לידער הייסע נאַכט און טאָג;
שמיד אויס אַ ליד, אַ שטאָליקן געזאַנג,
און זינג אים אויס אַף יעדן ראָג;
זינגער, זינג און פיר די גרויסע שלאַכט,
און צווינג אַרויף דײַן ליכט אַף נאַכט.
זינגער — וועב! זינגער — שמיד! זינגער — וואַך!
און הער, פון אַלע הויכן, דער סוינע פאַלט און קראַכט.

דער יאָנטעוו פון שניט

(דעם „איפּט" צו זײַן צוואַנציקיאָריקן יובילײ)

מיר האָבן דעם עמעס קיינמאָל באַהאַלטן,
ווי ס'באַהאַלטן זיך הינטער אַ וואָלקן די שטערן;
און ס'האָט קיינער פון אונדז ניט געפּרוּווט אַ מאָל טאָן, —
זאָלן אַנדערע טראָגן די יאָכן, די שווערע.
מיר האָבן געבראַכט דעם טוי און דעם רעגן,
מיר זײַנען געווען דער גערטנער, די ערד,
מיר האָבן באַוואַסערט די זאַמדיקע וועגן,
מיר האָבן אין גאַנג די פלאַנצן פאַרמערט.

מיר האָבן דעם טרויער מיט הילכן פאַרשטיינערט,
די דײַגעס מיר האָבן געטראָגן אין גאַנג;
מיר האָבן די טרוימען פאַרוואָרצלט ווי ביימער,
זיי האָבן צעבליט זיך מיט צווײַט און געזאַנג.
מיר גייען אַנטקעגן די ווינטן, די בייזע,
און האַסטיק מיר שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם,
עס ווערן די הימלען לויטערע, ריינע,
די האָפענונג פלאַטערט, ווי אַ זיגערישע פאָן.

מיר האָבן געקלעטערט אַף בערגיקע פעלדזן,
עס האָבן געבלוטיקט די באָרוועסע פיס.
מיט שוויים און מיט לידער פאַרפעסטיקט די ברענגן,
און ס'איז קיינער געוואָרן ניט אַלט און ניט מיד.
מיר רוען זיך אָפּ אַף דעם מאַרש פון די צילן,
ס'איז יאָנטעוו בײַ אונדז — דער יאָנטעוו פון שניט,
און מאָרגן מיר וועלן נאָך מעכטיקער שמידן,
ווײַל היים איז דאָס אײַזן, היים און עס גליט.

אַף די נאַקעטע אַרגענטינער פעלדער

די באַן שנײַדט דורך די נאַקעטע אַרגענטינער פעלדער,
וואָס ליגן דאַרשטיק פאַרגליווערט,
פאַרבענקטע נאָך אַ בליאַסקענדיקן אַקער,
מיט פרוויאַישער צערטלעכקייט,
מיט מענערישן אימפעט.
בלויז אַף אַ ווײַל,
ווערט אויפגעשטורעמט דער געפענטעטער אָרום,
און פון די קודלעוואַטע גראָזן,
שפרינגען אויף צעשראָקן,
די פאַרטײַעטע האָזן.

די באַן לויפט קעגן ווינטן,
ווי אַ הירש אין אָפענעם פעלד;
שפרייט אוים אַ וואָלקן, אַ רויכיקן,
וואָס צעציט זיך איבערן נאַקעטן הימל,
ווערט פון ווינטן צעלעכערט, צעשטויבט,
ווערט פאַרפאַלן.

די באַן לויפט מיט שטאָלענע טריט,
באָרוועס, אַף זײַן שטאָלענעם אַספּאַלט,
און שלינגט אײַן:
טײַכלעך,
בריקן,
קוסטעס,
ווילדגראָזיקע שטאָכים,
וויינענדיקע, פאַרבענקטע.

די באַן לויפט און פײַפט:
— פאַרוואָס? פאַרוואָס־ס־ס־ס?
— פאַרוואָס? — פרעג איך אויך;

פאַרוואָס לאָזט איבער בלויז די באַן דעם רויך?
פאַרוואָס הערט די ערד,
נאָר אַ פויגלשן געזאַנג?
בלויז בעהיימעס טאָפּטשען דאָ,
טאָפּטשען אינעם גאַנג.
פאַרוואָס, האַ?
שלעפּן זיך דאָ אום,
ערדלאָזע אַף דער ערד?
מיט ליידיקע קלומיקלעך אַף פּלייצעס,
מיט ווײַב און קינד,
צו די שטעט,
און עס ברענט זיי די זון און עס ברענט זיי דער ווינט.

ווען זייערע הענט,
וואָלטן זיך מיט דער ערד באַהעפט,
וואָלט די ערד איצט געזונגען;
וואָלטן קינדער כאַלוימעס געשפּונען;
וואָלטן דעכער בלויע וואָלקנדלעך געגריסט;
וואָלטן צײַטיקייט פון מיידלעך און ווייצן,
טאַנצנדיק גערייצט;
וואָלט מען סערענאַדעס געשפּילט,
פאַרבענקטע הינטער פענצטער;
וואָלט מען אַף כאַסענעס געפאָרן
אַליין און אין פאָרן;
וואָלט מען געהאָפּקעט און געטופּעך געשמאַק,
אין שטיוול און אין ברייטע הויזן,
אין די נעכט,
ביז די גרויע, ביז די ליכטיקע פאַרטאָגן;
וואָלטן גערטנער געווען פאַרפלייצט:
מיט קירבעסן, פּאָמידאָרן,
רעטעכלעך, סאַלאַט און מערן
און קינדערלעך ווי זאַמד און שטערן...

די באַן שנײַדט דורך די נאַקעטע אַרגענטינער פעלדער,
אײַנגעטיילטע טויזנטער העקטאַרן,
אָפּגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט,

מיט אַ שטעכיקן געזעץ,
און אַ פאַרזאָג,
פון דעם באַרמהאַרציקן גאָט;
די באַן לויפט,
זי לאָזט זיי ליגן,
איַינגעקלעמט אין וואָרצלען,
צוגעדעקט מיט רויך,
נאָר פיַיפנדיק אין געאיַיל,
זי פרעגט:
פאַרוואָס?
פאַרוואָס־ס־ס?
— פאַרוואָס? — פרעג איך אויך...

איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען

איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען, די בסורע פֿון אַ צײַט,
װאָס איז פֿון שטורעמס געשלײַדערט, פֿון פֿלאַמען באַהעלט;
דער טאָג, דער געגאַרטעטער, װאָס איז געװוען אַזױ װײַט,
האָט די װעלט אױפֿגעװעקט, באַ יעדן שװעל זיך געשטעלט;
איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען, די בסורע פֿון אַ צײַט,
װאָס האָט דעם מענטש אױף אײביק פֿון אונטערדריקונג באַפֿרײַט.

איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען, דעם געשטאַלט פֿון אַ טרױם,
װאָס ראַנגלט זיך װי דער מאָרגנשטערן דורך די װאָלקנשע באַריערן;
די קאַמפֿן ברױזן, װי יאַגנדיקע כװאַליעס, מיט שױם,
נאָר דער ברעג װעט קײנמאָל שױן זײער גאַנג פֿאַרשטעלן;
איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען דעם געשטאַלט פֿון אַ טרױם,
װאָס איז בלױער פֿונעם הימל און העכער פֿונעם רױם.

איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען, די קלאַנגען פֿון אַ ליד,
װאָס געזונגען האָבן פֿעלקער, אין אַלע צײַטן, אױף אַלע שפּראַכן;
איך זינג זי אױף ייִדיש, װײַל איך בין אַ ייִד,
נאָר כ׳קום מיט מײַן װאָרט די זעלבע אידעע פֿון פֿרײַהײט, באַװאַכן;
איך טראָג אױף מײַנע אַקסלען, די קלאַנגען פֿון אַ ליד,
װאָס איז װי זײַד געװעבט און װי שטאָל געשמידט.

די שעליכים פון דער אויפגייענדיקער זון

(אַ גרוס די פריינט: פּאַטושקאַ, פּאַראַמאָנאָוואַ, באָנדאַר טשוק, מעדוועדיעוואַ, זימין, לאַריאָנאָוואַ, שעלענקאָוו, אויסטראַד, ניקאָלאַיעוואַ און יאַמפּאָלסקי — די קולטור־שעליכים פון ראַטנפאַרבאַנד, אַף דער אַרגענטינער ערד).

אַט ערשט ניט לאַנג, האָבן וואָלקנס ווי בייזע וועלף,
פאַרטונקלט און פאַרשוואַרצט דעם בלויען הימל;
מאַכנעם פייגל רויבערישע, האָבן אויסגעקראַקעט: צוועלף
און ס'האָבן האַקנקרייצלער געטופּעט מיט די האַרטע שטיוול.
אין טרויער איז אויפגעגאַן די זון,
אַ פאַרווייַנטע מיט בלוט פון קינדער;
ס'האָבן ביימער געשוויגן בייז און שטום,
פאַרלאָרענע, ווי אין מיטן וועג אַ בלינדער.

נאָר אַ האָפענונג ווי אַ פייערל האָט געברענט:
דאָס גרויסע מיזרעך־לאַנד, פאַרהאַלטן וועט די פאַרשלינגער.
פון אַלע עקן וועלט, מען האָט אויסגעשטרעקט די הענט,
צוהילף די פריינט, קעגן די גרויזאַמע באַצווינגער.
יעדעס וואָרט פון אייַך, געווען איז אַ סיגנאַל
פון מונטערקייט, וואָס טראָגט זיך ווי יאָגנדיקע באַנען;
ווי דאָרשטיקע, טרינקען מיר פון אייַער קוואַל,
וואָס איר האָט אויסגעגראָבן מיט גווורע פון טיטאַנען.

אייַער וואָרט און דאָס געזאַנג פון נייַע טעג,
איז איינגעוועבט מיט רויטן זייַד פון שאָלעם.
ווי די זון, מיט קלאָרקייט קומט ער אָן אַף יעדער גאַס און וועג,
און מונטער זאָגט ער אָן: דער זיג איז ניט קיין כאָלעם.
אייַער וואָרט דאָס לויטערע וואָס לייַטערט,
איז פון שטאָל געגאָסן, פון עמעס אויסגעטאָקט;
מיט דער זון פון זון־אויפגאַנג אין הענט, איר קלעטערט ווייַטער
און ווייַזט דעם וועג צום גרויסן נייַעם טאָג.

אין האַלבן יאָרהונדערט

1.

ס'רויכערט זיך אין אַלע ווינקלען פון דער ערד,
מיט שטורעם פון דעם מידבער קומט אַ ווילדער הוראַגאַן,
און צעוס גייט, אין די ציין ער האַלט די שווערד,
ער וועט איַינגעמען די וועלט פון יאַם ביז יאַם;
און דעם, וואָס שטערן פרוווט, אָפן צי געהיים —
אָנפאַלן ער וועט אַף אים און פאַרניכטן זיַין געביין.

שטרענג צעטראָגן ראַדיאָ-כוואַליעס דעם באַפעל:
„זאָל דער שעכטער שעכטן אָן ראַכמאָנעס"!
ער וויל, דער טאָג זאָל מער ניט אויפגיין העל,
און דער ווינט זאָל ניט פאַרשטיקן די יעלאָלעס;
נאָר טריַיבן זאָל ער שטאַרקער, האַסטיק דעם געוויטער,
און זאָלן שוואַכע שוויַיגן אין מוירע און אין ציטער.

נאָר די קייטן האָט שוין לאַנג צעריסן פראָמעטיי,
און אויסגעשמידט פון זיי האָט ער אַ שפּיז;
ער האָט דעם פעלדז פאַרוואַנדלט אין טראַנשיי,
און אַרוים אין שלאַכט מיט גוורע פון אַ ריז.
מיט פאַקלען גייט ער אום אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט,
און וואַרפט אום די ווענט וואָס צעוס ט'אויפגעשטעלט.

און מיליאָנען גייען מיט מיט אים, הונדערטער מיליאָנען,
ליכטיקע ווי ער, זיי שמידן דעם ניצאָכן.
ס'איז אַרוים די וועלט אַ פולן כעשבן מאָנען,
אַז מענטש זאָל פריַי ווערן פון יאָכן.
די דערוואַכונג שפּאַנט, זי וועט דעם טאָג דעריאָגן,
ער זאָל די בסורע, ווי די זון, אומעטום צעטראָגן.

.2

אַ פֿאַרוווּנדעטער מײַן ברודער שפּאַנט, ער טראָגט אין האַנט אַ פּאַק,
זײַן פּאָנעם איז פֿאַרברוינט פֿון שנײַדנדיקן ווינט;
און ער, פֿאַרויס ער גייט און טוט זיך ניט קיין וואַקל,
כאָטש בייזע אויגן שפּיזן און ס'בילן ערגעץ הינט;
זיי האַווקען ווילד און דראָענדיק און גיפֿטיק,
נאָר ער דעם מאָרגן צינדט... עס העלט, ס'בלויט, ס'ווערט ליכטיק.

ס'איז גרוי זײַן קאָפּ, דאָך ווערט ער אַלעמאָל אַלץ יינגער,
ווי אַ לאָמפּן-צינדער גייט ער אום העכער שוין אַ האַלב יאָרהונדערט;
ניט איינמאָל האָט מען אים געקלעמט אין פּײַן, געצוימט מיט הונגער,
ניט איינמאָל האָט מען אים זײַן גוף פֿאַרוווּנדעט;
אָף שליאַכן פֿון דער וועלט געגרווילט האָט ער אין פֿיבער,
און ס'איז זײַן היים געווען נאַרעס וויסטע, גריבער.

ניט קיין פֿאַקל איז געווען זײַן ערשטע ליכט,
געקלעטערט האָט ער אַלץ העכער, העכער;
אין באַוווּסטזײַן פֿאַר זײַן גרויסער פֿליכט,
פֿון זײַן געדאַנק — דער שטרענגסטער וועכטער;
און ווי מען שנײַדט אַ שליאַך דורך צווײַגן פֿאַרפֿלאָנטערטע, געדיכטע,
האָט ער אַ וועג געפֿלאַסטערט פֿאַרן גאַנג פֿון דער געשיכטע.

פֿאַרפֿעסטיקט ליגן זײַנע שטאַרקע פֿונדאַמענטן-שטיינער
אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער גרויסער ערד.
ניט צעשטערן זיי וועט קענען קיינער, קיינער,
ניט מיט הייסן בלײַ און ניט מיט שאַרפֿן שווערד;
און קיין שום ווינט און קיין שום בייזער שטורעם,
וועט ניט אַ וואַקל טאָן דעם זיך בויענדיקן טורעם.

ער איז פון זון געגאָסן, ער איז געוועבט פון שטראַלן,
און פאַרפאַנצערט איז ער אין דעם ליכטיקסטן געדאַנק.
דאָרשטיקע דערזעען פון זײַן ליכט גאָר נײַע קוואַלן,
און עס וועקט זיי אויף אַ שאַלנדיקער קלאַנג;
און עס וועקט זיי אויף אַ שטורמישער פאַרלאַנג;
און עס וועקט זיי אויף אַ מעכטיקער געזאַנג!

מײַ 1955 אין פיר פּונקטן פון דער וועלט

.1

מײַ, נײַנצן פינף און פופציק, אין דער קאַלטער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק.
ניט די וואָלקנקראַצערס פאַרוואָלקנט האָבן דײַן רוים,
אַז די זון־שטראַלן זאָלן ערגעץ דאָ פאַרשווונדן ווערן
און ווערן פאַרפאַלן,
דער בלײַענער הימל —
פאַרראָסט זאָל ווערן און פאַרשימלט,
זאָל קוקן קאַלט און פאַרגליווערט;
ניט דער ווינט יאָגט דאָ אום זיך ווילד,
ניט די דונערן האַמערן און טרעשטשען,
ניט די בליצן צינדן אָן זיך האַסטיק און וואַרפן שרעק —
דאָס רעדט זײַן עקסעלענץ, דער וויסטער מיסטער פאָסטער דאַלעס.

ער שעלט.
ער שיפּעט ווי אַ שלאַנג,
פאַרוואָס די פרײַהײט בליט אַף דער וועלט;
ער וואָיעט ווי אַ היענע ווען זי גייט נאָך רויב, —
פאַרוואָס ער קען ניט כאַטש אַ שיט טאָן איבער שטעט
אַטאָמישן פײַער, רויך און שטויב;
ער בילט ווי אַ הונט אַ ווילדער,
ווען ער זעט ווי עס גייען מיט פאָנען און לידער —
מאַמעס און טאַטעס און קינדער.

.2

מײַ, נײַנצן פינף און פופציק, אין דער שאָלעם-פּעסטונג—מאָסקווע.
די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד —
וועבן די קעט פון לענינשע פּלענער:
שאָלעם,
ווילזײַן,
סאָציאַליזם!
מיט דער ליכט פון טאָג קומען בסורעס אָן
ווי בלויע און ווײַסע טויבן,
און זיי שנײַדן זיך ווי שטראַלן טיף אַרײַן,
דורך אַלע טירן און שויבן.

די סירענעס פון שטאָל-גיסערײַען,
פון די הוטעס, פון די פאַבריקן פון טראַקטאָרן,
זינגען אין כאָר,
אין די קאַיאָרן, ענטפערן זיי די כאָרן,
פון אַלע סאָווכאָזן און קאָלכאָזן,
פון אַלע פאָרשונגס-סטאַנציעס און פאַקולטעטן,
פון דעם פּרעכטיקן און מעכטיקן לאָמאָנאָסאָוו-אוניווערזיטעט,
ווו מען אַרבעט שווער,
קעדיי דעם מענטשן זאָל גרינגער ווערן.

.3

מײַ, נײַנצן פֿינף און פֿופֿציק אין פּעקין.
אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער זעקס הונדערט מיליאָניקער כינע,
פֿליִען מער ניט אום קיין ריקשאַס,
און קיין זייכער איז ניטאָ פֿון דעם אימפּעריאַליסטישן שפּין.
דאָס פֿאָלק, דאָס גוטמוטיקע וואָס האָט דערוואַכט,
אַפֿן רוף פֿון מאַאָ טסע־טונג,
שפּינט אַליין זײַן צוקונפֿט,
שפּינט אַליין זײַן מאַכט.

כינע לויפֿט מיט באַרוועסע טריט,
צו אָניאָגן גיכער דעם מאָרגן פֿון גליק ;
כינע שפּאַנט אַף טראַקטן פֿון אַספֿאַלט,
צו אויסשטרעקן גיכער די פֿעלקער אַ האַנט ;
כינע לויפֿט אין אַ מעכטיקן געיעג,
צו שטאַרקן דעם שאָלעם פֿון די פֿעלקער אין דער וועלט.

.4

מײַ, נײַנצן פינף און פופציק אין בוענאָס אײַרעס.
אין דער רױשיקער הױפּטשטאָט פון אַרגענטינע,
איז איצט דער הימל אַ פליכעוואַטער,
אַז אָנגעזײפטער מיט ברודיקע מילינעס פון האַרבסט,
די שטאָט ברױזט װי אַ טאָפּ קאָכעדיק װאַסער,
נאָר עס קאָכט זיך גאָרניט אָפּ...
עס קומען בלױז יענקישע געסט אַהער אַראָפּ,
װי װעלף, װאָס מאַכן אין די נעכט אַ װיזיט,
אין אַן אומבאַשיצטן דאָרף.

„אָ, לאַטײן-אַמעריקע, אָ, גוטער שאָכן"! —
זײ ברענגען אין די װאַליזעס,
שמײכלען צוגעשניטענע און כניפע-רײד,
מיט די אױגן עגבערן זײ דעם אינגעװײד פון אונדזער ערד
און מאַכן פּלענער, װי דאָס פאָלק מערער נאָך פאַריאָכן.

מײַ, נײַנצן פינף און פופציק אין דער שטאָט בוענאָס אײַרעס.
דער האַלדז פון דער פרײַהײט װערט געװאָרגט פון אַ שטריק,
נאָר מען זאָגט אַז ס'איז אַ שליף...
הערט, הערט: קלאַנגען טראָגן זיך פון װײַט,
ערגעץ זינגט מען ערשטמײַיִקע לידער
פון שאָלעם, פון פרײַהײט — — —
הערט, הערט, די קלאַנגען זײַנען פאַרדומפּענע,
זײ רײַסן זיך דורך גראַטעס,
דאָס געזאַנג קומט פון דער טפיסע אין װיזשאַ דעװאָטאָ,
װוּ זינגען איז דערלױבט...

מײַ, נײַנצן פינף און פופציק אין פיר פונקטן פון דער װעלט, —
אױך דאָרט, װוּ ס'איז פינצטער — העלט,
און ס'װעט ליכטיק און ליכטיקער װערן!

צו מײַן אומבאַקאַנטן ברודער
פון גוואַטעמאַלאַ

איך האָב געהערט דײַן נײַעם הימן זינגען:
„מירן שטאַרבן איידער ווערן קנעכט״.
דו ביסט געגרעכט:
העכער פון דעם באַרג עווערעסט אין די הימאַלאַיען
איז די פרײַהייט,
וואָס האָט אויפגעקייטלט די קייטן פון די טיראַנען,
און האָט באַהעפט
די הענט פון פאָלק מיט דער ערד,
וואָס האָט געבראַכט זריִע און פרילינג,
ברויט און מילך און פיש,
קינדער אַרום אַ טיש,
שיך פאַר די באָרוועסע פיס,
און אַ שול,
וואָס פאַריאָגט דעם רויך
פון די קאָפּטשענדיקע כּײלעוונע ליכטלעך,
עפנט אויף די לאָדנס
פון די אויגן די פאַרמאַכטע,
צו דער פרײַער וועלט.

אומבאַקאַנטער ברודער פון גוואַטעמאַלאַ:
ס'האָבן שפּאַנישע הערשער,
נאָר דײַן קאַקאַאָ געטרונקען און געלויבט;
דײַן קאַפע און די באַנאַנעס,
רויבט צו די יענקישע „יונײַטעד פרוּט״.
די קאָראָנעלן —
דאַלעסעס מעשאָרסים,
האָבן נאָכאַמאָל די קייטן פאַרוואָרפן

צו בינדן דײַן צאַר און פּראָטעסט־געשריי;
ווי קראָען זאָלן די הערן פון וואָלסטריט,
אויסשפּרייטן איבער דיר זייערע פליגל,
און אויספּיקן דײַן האַרץ
און אויסטרינקען דײַן בלוט.

אומבאַקאַנטער ברודער פון גוואַטעמאַלאַ.
איך האָב געהערט דײַן נײַעם הימן זינגען:
„מירן שטאַרבן, איידער ווערן קנעכט!"
ס'האָבן כמאַרעס האַרבסטיקע,
זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דײַן פרילינג,
ס'האָבן סאָוועס זיך צעזונגען אין די נעכט.
נאָר דאָס בלוט פון קעמפער,
וואָס גיסט זיך אין די טפּיסעס,
וועט ניט פאַרטרינקען די וואַקסנדיקע נויטן.
דער אָנגעגליטער פלאַם פון פאָלק גייט אויף,
עס לעשן זיך פון אָנגרײַפער די צאַנקענדיקע קנויטן.

אומבאַקאַנטער ברודער פון גוואַטעמאַלאַ.
איך האָב געהערט דײַן הימן זינגען:
„מירן שטאַרבן, איידער ווערן קנעכט!"
עס גריסן דיר פעלקער־ברידער, פרײַנט,
אַף אַלע וועגן
איז דײַן פײַנט די זעלבע שלאַנג,
וואָס בײַסט די, וואָס נעמען אַרויס מיט די הענט
די אויצרעס פון דער ערד.

פאַרויס גיי, און לאָמיר גיין,
דער פעלקער־פרילינג קומט ניט אַליין
ווי דער פרילינג אַף דער ערד,
מען דאַרף אים שמידן:
מיט האַרץ און מיט שטאָל, מיט מויעך און מיט שווערד.

אונדזער בויענדיקער גאַנג

און כאָטש דו האָסט אַזויפיל אונדז צעשטערט,
בויען מיר, באַזינגען מיר דאָס בויען;
מיר וואָרצלען זיך מיט ליבע אין דער ערד,
און מיר באַגריסן די פרימאָרגנדיקע טויען;
מיר גייען שטאָלץ, כאָטש מיט טיפע זיפצן פון באַדויער,
מיר גייען זינגענדיק, כאָטש עס דריקט אין אונדז דער טרויער.

עס טרעפט און דאָס איז גאָרניט אַזוי אָפט,
אין אונדזער גאַנג מיר גיבן זיך אַ וואַקל.
דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט — האָבן מיר געהאָפט
וועט זײַן פאַר אונדז אַ ליכטיקער, אַ פאַקל;
עס טרעפט, נאָר פון פאַרצווייפל מיר פאַרברעכן ניט די הענט
ווײַל דעם סוינע און דעם פײַנט מיר האָבן גוט דערקענט.

דרײַסט און העכער לאָמיר גיין צום נײַעם טאָג,
ניט מיט ווינטשן בלויז און ניט בלויז מיט באַגערן.
נעם אַ שטאַבע, נעם אַ ציגל, אַן אײַזן נעם און זאָג:
אָט האָסטו דיר סוינע, שלאַנג, פאַר טויטן און צעשטערן.
לאָמיר גיין ווי זינגענדיקע בויער,
און אין געזאַנג פון זיג פאַרוואַנדלען אונדזער טרויער.

ס׳ברענען הערצער אונדזערע מיט סינע און מיט ווט,
דער יאָמער-טאָל וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן.
די ערד איז נאַס פון טרערן און פון בלוט —
דעם נעקאָמע-אַקט מירן שטאַרקער צינדן!
אין אונדזער שלאַכט-באַגער — דעם סוינע צום ביזאַיען,
איז ניט נאָר טויטן אים, נאָר אויך די פרײַהייט בויען!

אַף די נאַקעטע פעלדזן

(ווען די יענקיס זײַנען באַפאַלן דאָס קאָרעאַנער פאָלק)

מענטש, קריך אַרויף אַף די נאַקעטע פעלדזן פון אָפענעם יאַם,
און באַטראַכט און זע דעם אָנקום פונעם שטורעם;
ס'איז ניט קיין רויש פון אַ כוואַליקן גערעַנגל סטאַם,
וואָס וועט אַ ברעג פאַרשוועַנקען און דערנאָך פאַרשטומען;
די נאַכט קומט אין גרוילן און פאַרשטויסט די שטערן,
און יעדער וואָלקן עפנט אויף אַ פיסק אַ שוואַרצן,
ס'איז ניט שווער צו טרעפן וואָס עס קען דאָ ווערן,
ווען דער הימל וועט פאַרפינצטערט ווערן אינגאַנצן.

אינעם ווײַסן לאַנד פון מיזרעך, דײַן ברודער שרײַט:
בלײַ און פײַער האָגלט אַף מײַן ערד שוין אַזוי לאַנג,
די פייגלען שטאָלענע וואָס קומען אָן פון ווײַט,
ברענגען טויט־מיקראָבן און ניט קיין פרייד און געזאַנג;
און די רעציכע שפּאַנט, ווי וועלף צווישן שעפסן אומבאַשיצטע,
און שפּרייט אוים אַ פײַער דורך באָמבעס און גראַנאַטן־שפּליטערס,
עס ליגן שטעט צעטראָטענע, פאַרוויסטע,
און די יעסורים צעגיסן זיך ווי דער יאַם, און נאָך טיפער.

מענטש, קריך אַרויף אַף די נאַקעטע פעלדזן פון אָפענעם יאַם,
און שרײַ אוים מיט דײַן פלאַמיקן קאָל פון מערידע:
זאָלן אָרעמס זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מעכטיקן צאַם,
און פאַרהאַלטן די טויבערס פון אומקום און יערידע.
און ווי דער שאַרף פון די שפּיציקע שטיינער,
זאָל פאַלן דײַן וואָרט און וואָרענען און מאָנען:
קיין פעלקער־סינע ווילן מיר ניט קיינער,
שאָלעם ווילן מיר! מיר ווילן שאָלעם!

אונדזער וואָרט

(צום דריטן יאָרטאָג פון „טריבונע")

אונדזער וואָרט איז טוי און אונדזער וואָרט איז רעגן,
וואָס זאַפּטיקט, שטאַרקט און וועקט צום לעבן.

אונדזער וואָרט — ווי אַ שטראָם, ער שפּאַרט דורך צוימען
און דורך שטיינער
ער רוישט אין טיפעניש פון דער ערד און איז פון הימל רייִנער.

אונדזער וואָרט היילט, ווען דער סוינע פאַרוווּנדעט אונדז
און ברענט,
אונדזער וואָרט טרייסט און נעמט אַרום מיט מוטערלעכע הענט.

אונדזער וואָרט מיט צאַרטקייט וועקט און מיט שטורעם פּויקט,
מיט באַוווּסטזייַן ער זעטיקט, ווי אַ הונגעריקן — ברויט.

אונדזער וואָרט האָט פליגל, אונדזער וואָרט איז פרייד,
אויך אין גאַנג אין שווערן, מיר זינגען שטילערהייד.

אונדזער וואָרט איז פאַקל, אונדזער וואָרט איז פלאַם
אים וועט ניט פאַרלעשן דאָס וואַסער פון אַ יאַם.

אונדזער וואָרט שטראַלט, אונדזער וואָרט איז קלאָר,
עס זינגען אים מיט ליבשאַפט פעלקער אין אַ כאָר.

אין אַן אויפֿגעטויכטן קאַיאָר

איך טראָג מײַנע טעג, ווי אַ מויערער ציגל
אַף הארטנאַקיקן אַקסל,
איבער זאַמד, איבער שטיינער,
גריבער, רעשטאָוואַניעס,
אַז וועגט זאָלן וואַקסן
מיט דער קראַפט פון די רוישיקע
און שוימיקע כוואַליעס,
גיכער און פעסטער,
העלער און העכער.

אַ לאָם איז דאָס וואָרט.
צעמענט פאַרמישטע די צײַט,
און יעדער פאַל איז אַ רידל,
אין בויען און קאַמפן ווערן קויכעס באַנײַט.

איך טראָג מײַנע טעג,
ווי אַ מויערער ציגל צום ביניען דעם גרינעם
וואָס רײַסט זיך אין הימל:
ווי די זון אין קאַיאָר,
ווי די סאָסנעס אין פרילינג,
אַז ליכטיק זאָל זײַן,
אַז לויטער זאָל ווערן,
און ס'זאָלן טומאַנען און בייזע קאָשמאַרן,
פאַרשווינדן אין כאָלעל און ווערן פאַרפאַלן.

אַ לאָם איז דאָס וואָרט,
אַף אַקסלען אים מויערער טראָגן,
זינגענדיק זיי שפאַנען
זינגענדיק זיי שטײַגן אַף גאָרנס,
מיט ציגל מיט רויטע אַף אָרעמס —

אויסגעפורעמטע אין די שטראַלן
פון דער אויפגייענדיקער זון.

מיר שנײַדן דעם רוים מיט שטאָלענע פליגל,
און אַף טרעפּ פון די זיגן,
די פאַרבלוטיקטע הייסע,
באַגריסן מיר, מיט פויסטן געבײַלטע
די ליכטיקע טעכטער און זין
וואָס גייען נאָך אונדז
און פאָרוים,
ווי די שטערן,
צום אויפגעטויכטן קאַיאָר,
און פאַרזייען דעם מילכוועג מיט לידער,
ווי אַ פּויער די פריש־געאַקערטע ערד
מיט זריִע,
ס׳זאָל זײַן שעפעדיק דאָס יאָר.

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס־איַירעס

1.

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איַירעס, אין אַ פרימאָרגן
— בלוי און צעהעלט,

די גאַסן פון זון אַ פאַרפלייצטע, געגריסט האָבן יעטוועדע שוועל;
מיט שמייכלען זי האָט מיך באַגעגנט און עפּשער אויך מיט
אַ וואָרט, —

נאָר וואָס האָט פאַרשטאַנען אַ באָכער, וואָס ט׳אָקערשט זיך
דערוויַיטערט פון פאָרט?

וואָס קען ניט דאָס לאָשן פון לאַנד, אַלץ איז אים וויַיט אַזוי, פרעמד,
נאָך גרינען מיט זיכרוינעס די בלימלעך, פון זיַין וויַיסרוסישע
באַבלימלטע העמד...

וואָס קוקט מיט אויגן פאַרבענקטע, צו דער שיף וואָס שווימט
אין אָקעאַן,

דורך פאָרטן נאַקעטע, יאַמען צעברויזטע, ביזן גאָרגלדיקן
גדינע, מיסטאַם;

דערנאָך מיטן טראַסקענדיקן באַן, צום אָפענעם שמייכלענדיקן וועג,
ווּ ווינטער ער טוליעט זיך אונטער שנייִיקן פּוך, זומער — ער
האַלדזט זיך מיט בעז —

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איַירעס, אין אַ פרימאָרגן
בלוי און צעהעלט,

זי האָט מיר געוויזן איר ראַכוועס, איך — מיַינע ברייטע
פלייצעס און גיבערדיקע הענט.

.2

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס אײַרעס, אינעם בלויען צויבער פון נאַכט,
די ציכטיקע אַלייען פון ראָסעדאַל, האָט נאָר די לעוואָנע באַוואַכט;
די ביימער באַגרינטע פון סוידעס, אין שוואַלבישער שטילקייט פאַטראַכט,

כאָרן פון הערצער פאַרבענקטע, הערט מען זינגען, ט׳זיך געדאַכט...
מיר זײַנען געגאַנגען צוזאַמען, זײַדענע טרוימען געשפּינט,
עס האָט זיי באַפינקלט די שטערן, עס האָט זיי געצערטלט דער ווינט;

עס האָט זיי געלײַטערט מײַן דימיען, ווי קאַיאָר זיי האָבן געהעלט,
דערנאָך איז די האָפענונג געוואָרן, פון גרויזאַמע טעג פאַרקלעמט...
אַפן רוקן פון שוימיקע כוואַליעס, כ׳בין געשווומען קעגן דעם שטראָם,

אַלע אָנפליגלדיקע כאַלוימעס, זײַנען פאַרשווונדן אין טהאָם.
די בענקשאַפט האָט מיך ניט צעטרייסלט, נאָר געשטאָלט איז געוואָרן מײַן טראָט, —

איך האָב פון ביכער געטרונקען, דאָס ליכטיקע, דאָס פלאַמיקע וואָרט.

.3

כ'האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס אײַרעס, אין פרימאָרגנס
פון האַרבסטיקן טוי,
ווען ס'פּאָנעם פון בלײַיִקן הימל, געקוקט האָט קאַלט און
דערשטוינט
אַף טויערן פון פאַרמאַכטע פאַבריקן, אַף פּענעמער
אויסגעקרימט פון שרעק,
וואָס קערן זיך אום פאַרשעמט, מיט ליידיקע, הילפלאָזע הענט.
כ'האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס אײַרעס, אַף פאַרזאַמלונגען
פון סינדיקאַט,
אונטער פאָנען צעווייעטע, רויטע, פאַר ברויט און פאַר
פרײַהייט אין לאַנד;
אַף דער וואַך אין די גרויע פאַרטאָגן, אין קאַמף מיט
שטרײַקברעכער, פּאָליציי,
אין נעכט אין שפּעטע, פאַרמאַטערט, באַם לערנען און געבן
צו פאַרשטיין;
באַם קלעפּן פלאַקאַטן אין גאַסן — ליכטיקע געדאַנקען פון פאַרטיי.
וואָס אַקערן ווי אַ פּויער די ערד, ערעוו דעם פרילינג־פאַרזיי;
באַם טראָגן און דזשוויגען און מאָנען, רופן און וועקן נאָכאַנאַנד,
באַם אויפוויקלען רויטע פאָנען, אין ברען פון געראַנגל און קאַמף.

.4

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איַירעס ווען ס׳איז געבוירן
געוואָרן מיַין זון,

דער הימל פאַרגרויט און פאַרטונקלט, האָט ווי אין שמאַטעס
זיך אָנגעטאָן,

געדראָט האָט ער בייז מיט דונערס, נאָך שאַרפער געוואָרנט
מיט בליצן,

לעסאָף האָט אָנגעהויבן פלייצן, ווי פון שעפלען דאָס וואַסער
זיך גיסן.

צו מיר איז די יעדיִע געקומען, ווי די לעוואָנע וואָס שיַינט
אויף פון נעפל,

זי האָט זיך צעגאָסן, צעהעלט, אַף מיַין הארטן טפיסע-בעטל.
ס׳האָבן זיך שטערן צעגאָסן, צעפינקלט, זיך געקיַיקלט נאָכאַנאַנד,
ס׳האָט זייער לאַכן און הילכן, צעשפּאָלטן די טפיסע-וואַנט;
צעשפּאָלטן, אַף שטיקער צעריסן, בין איך באַפריַיט, אַרויס
געשווינד,

מאַכן פון זוניקע שטראַלן, אַ פיַיקעלע פאַר מיַין קינד...
כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איַירעס, ווען ס׳איז געבוירן
געוואָרן מיַין זון,

מיט שטורעם האָט אַ רעגן געגאָסן, נאָר פאַר מיר, געשיַינט
האָט די זון.

.5

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איירעס, באַנאַכט אין
„סעקסיאָן עספּעסיאַל״,

ווען אַ הענקער פאַרשיקערט פון קאַס, האָט געריטשעט מיט
סינע און גאַל,

מיך געגראַבלט מיט די נעגלדיקע אויגן... אַז דער טיש דער
שווייגנדיקער ט׳ניט פאַרשטאַנען,

פאַרוואָס בילט מען מיט רעציכע דאָ? פאַרוואָס מערן זיך אַף
מיין פאָנעם די שראַמען?

נאָר דער פּאַכעד האָט זיך אויסגעלאָשן אין מיר, אַזוי גיך
ווי אַ ליכט אין אַ שטורעם,

איך האָב אין די שאָען פון שווערן ניסאָיען זיך געשטאַרקט
און געפורעמט.

מיין גוף איז געוואָרן פאַרשטיינערט, כ׳האָב דערפילט די
גוורע אין די הענט,

ווי ס׳וואָלט יעדע איינע געווען, אַן אויסגעשמידטער
אייזערנער פרענט.

אין דער שפּעטער שאָ אַליין, אין דעם נאָסן, מיט קלאָלעם
פאַרשלאָסענעם קאַזעמאַט,

האָב איך דערפילט אַ ליכטיקייט, ווי די זון וואָלט אויפגעשטראַלט
און אויפגעהעלט.

מיין האַרץ פון פיין אַ צעשטאָכנס, האָט מיט ניצאָכנדיקע
בסורעס געגליט;

דורך שפּאַרונעס האָב איך גרוסן געשיקט: דער סוינע האָט
מיך ניט באַזיגט!

.6

כ׳האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס איירעס, באַם בויען
ליכטיקע ביניאָנים,

אַף יאָנטויוועס מיט כאַווײרים און פרײַנט, אין האַסטיקע
קאַמפן קעגן סאָנים ;

אין נעכט אין געהיימע דרוקערײַען, באַוואַכנדיק אונדזער
פלאַמיק וואָרט,

ווען מען האָט מיך אין אַ לויטערן פרימאָרגן, ווי אַן איבעריקן
אַוועקגעפירט צום פּאָרט.

כ׳האָב פון שיף געקוקט צו דער שטאָט, וווּ איך האָב מײַן
יונגנט פאַרוועבט,

איך האָב זי געהאַלדזט און באַוויינט, וואָס איך וועל זי מער ניט זען.
כ׳האָב דערקענט די שטאָט אין שטורעם, ווען דער סוינע האָט
ביבליאָטעקן געשענדט,

ווען בילדער פון ליכטיקע מענטשן האָט מען מיט כויזעק
פאַרברענט ;

כ׳האָב שפּעטער דערקענט זי אין פריידן, ווען שולן האָבן
טירן צעפּראַלט,

ווי די זון, האָט די פרייד געשײַנט אַף פּענעמער פון יונג און אַלט.
כ׳האָב שפּעטער זי דערקענט אין דערוואַכונג, אין ברויזיקע
כאַדאָשים און יאָרן,

כ׳האָב זי דערקענט אין זיגן, אויסגעשמידטע פונעם יונגן דאָר.

7.

איצט איז די שטאָט אויך מײַנע און איך געהער צו איר,
איך פֿאַרנייג זיך פֿאַרן גרויסן סאַרמיענטאָ, איך שטיי באַ
עטשעווערי̇אַס טיר.
איר רום פֿון הערלעכע שמידער, ווען איך צערטלען און היטן
געטרײַ,
נאָר טאָמער וועט אַ שענדער צעשטערן, וועל איך זײַן פֿון די
בויער אַפּסנײַ.
איך גיי איבער זוניקע גאַסן, מיט מײַן יונגינקער טעכטערל באַנאַנד,
זי פֿאַרוואַרפֿט מיך מיט הונדערטער פֿראַגן, וועגן דער
גרויסקייט פֿון לאַנד;
אַף טרעפּ מיר קלעטערן אינאיינעם, קעסיידער, און העכער,
מיר בויען די טרעפּ,
מיר וועלן די סאָנים ניט שוינען, מיט פֿרײַנט מירן זײַן באַהעפֿט.
דער טאָג ווערט אַלץ מערער געלײַטערט, עס באַזונט אים
אונדזער געדאַנק,
עס באַגריסט אים אונדזער פֿאַרלאַנג, עס באַהעלט אים
אונדזער געזאַנג.
מיר זיצן אַף זיצונגען צוזאַמען, מיר דיסקוטירן רויק און קלאָר —
עס זאָגט מיר מײַן זון אַזוי רויק: כאַווער, איך בעט אַ וואָרט!...

מוישע אָלבין

כ'האָב קיינמאָל זײַן קאָל ניט געהערט, ניט געזען אים, געקאָנט,
דאָך, זײַן געשטאַלט פאַרוועבט איז אין מיר, איז מיר אייגן און
נאָענט;
מיר דוכט: אָט הער איך ער רעדט, ער פאָדערט און מאָנט,
מיט קלאָרקייט פון וואָרט, ער ווײַזט אָן און באַטאָנט.

זײַן קוואַל איז פליסיק און קלאָר און ריין ווי קרישטאָל,
געטראָגן מיט ליבע ער האָט, דעם רודער פון יאָך, ווי מײַן
טאַטע דעם אָל;
געוויטיקט ווי ער, ווען מיר האָבן געבעטן ברויט אַפן קאָל,
פריידיק געבליצט, ווען אַלע מיר האָבן געטאַנצט פאַראַמאָל.

באַהעפט מיטן פאָלק, האָט ער, געוווּסט זײַן ציל און באַגער,
ר'איז געווען די פרייד פון זײַן פרייד און די טרער פון זײַן טרער;
דער ערשטער געווען, ווען טרומייט האָט געשאַלט — זײַט גרייט!
דער לערער פון פאָלק געווען און אין שלאַכטן באַגלייט.

ער האָט געהאַמערט מיט וואָרט, ווי ס'האַמערט איבער
גליאיקן אײַזן דער שמיד —
ער האָט געשמידט און געטאָקט דעם ליכטיקן טאָג, געזען
דעם גרויסן זיג.

עלעגיע אפן טויט פון כואן אינגאלינעלא

די מערדער זיינע: די יאָרשים פון טיראַן ראָסאָס, פון די
קווילער-יונגען ס. ס.
זיי האָבן שטראָמען פיין אַף אים געגאָסן און אויסגעלאָשן
זיין ליכטיק האַרץ;
זיין בלוט גערונען האָט, ווען ער האָט נאָך אין ראַנגלעניש געלעבט,
ווען געהאָפט האָט ער צו אויפשטיין און מיט מוט באַזיגן אַלץ.
געזען אין פינצטערניש דעם האָריזאָנט אַ העלן, האָט ער
געפרווט זיך שטעלן אַף די קנאָכן,
נאָר די שלעגער האָבן זיין לעבן ווי אַ דאַרע צווייג צעבראָכן.

ער איז געלעגן שטומערהייט אין בלוט, אין אַ קעלער ערגעץ
אין פאָליציי-דעפאַרטאַמענט,
און זיי, די מערדער, האָבן געזשליאָקעט ווייַן אין שענק און
געלאַכט צופרידן:
„זיין וואָרט וואָס האָט אַזוי געפלאַטערט, איז אַף אייביק שוין
פאַרקלעמט,
כאַ-כאַ-כאַ, ער וועט ניט קעמפן מער פאַר פרייַהייט, ער וועט
ניט קעמפן מער פאַר פרידן!"
די כאַלוימעס די געוועבטע, האָבן ווי בלעטער פון אַ בוים
אַ צעהאַקטן,
זיך צעשאָטן אַף דער ערד, פון ווינט פאַרטראָגן אַף די טראַקטן.

נאָר דיין קאָל וואָס איז פאַרטויבט געוואָרן פון די שלעגער
פון פאַשיזם,
האָט זיך צעשאַלט אין אַלע שטעט, אַף אַלע זאַמדיקע און
געפלאַסטערטע וועגן;
אַף זיינע אַקסלען טראָגט דאָס פאָלק דיין וואָרט, דאָס
געלייַטערטע און ליבע,
עס פאַרזייט עס אין זיין האַרץ, מיט זיינע טרערן זי באַרעגנט.

דײַן װאָרט װעט אױפֿגײן אין אַלע שטעט און סטעפּעס פֿון דער
אַרגענטינער ערד,
דאָס פֿאָלק װעט עס װי ברױט דערנערן און פֿאַר די סאָנים
זײַן אַ שװערד!

אין טײַך האָבן זײ אַרײַנגעװאָרפֿן דײַן גוף קריצנדיק די צײן,
אַ צעלעכערטן פֿון װוּנדן, פֿון גרױזאַמע פֿײַנען פֿאַרשװאַרצט;
פֿון דער טיפֿעניש דיך אױפֿגעהױבן האָט דער פֿאָשעטער
מענטש, אָ, ביסט ניט אַלײן,
אין מיליאָנען הערצער האָט זיך דײַן ליכטיק האַרץ צעשטראַלט;
ס'װעלן מאַמעס דערצײלן פֿון דײַן מוט, װען זײ װעלן די
קינדערלעך פֿאַרװיגן,
מיט אונדז װעסטו זײַן אין די קאַמפֿן די שװערע, מיט אונדז —
צום יאָנטעװ פֿון די זיגן!

מײַן האַרץ

מײַן האַרץ איז אַ ציטרע, אין די הענט פֿון פֿאָלק,
עס צאַפּלט, עס פֿלאַטערט װי װיבּרירנדיקע סטרונעס;
פֿון פֿלאַקער און געראַנגל גײט אױף מײַן װאָרט,
פֿון טרערן און פֿרײד, געװעבט און געשפּונען.

אַ טרומײט איז מײַן האַרץ, אין מױל פֿון גװאַרדײער,
װאָס רופֿט צו װאַך־זײַן אין שאָ פֿון געפֿאַר;
אין טעג פֿון נױט, װען דער סױנע לױערט,
איז מײַן געזאַנג ניט געװאָרן פֿון פּאַכעד פֿאַרשפּאַרט.

מײַן האַרץ — אַ באַראַבאַן אין די הענט פֿון די פּױקער,
װאָס רופֿן און װעקן, אַנטשײדן און קלאָר;
אין רעגן און װינט אַקער איך רױ־ערד,
װי זון־אױפֿגאַנג העלט, דאָס זעטיקע יאָר.

פעלקער, פרײַהייט, פרידן

די וועלט איז אַ קוזשניע און מיר זײַנען שמידן,
מיר שמידן די פרײַהייט, מיר שמידן דעם פרידן,
מיר שווייסן דעם עמעס, מיר דערלאַנגען צו רוימען,
מיר גיסן אַרײַן שטאָל אין די טרוימען;
מיר הייבן די האַמערס, ווי זיגער די פענער,
ווי שטערן — די פונקען, זיי גליִען נאָך שענער;
פײַער — דאָס אײַזן, נאָך הייסער דער ציל,
וואָס איז פון אָקטאָבער ווי אַ לאַווע צעגליט.

די וועלט איז אַ גאָרטן און מיר זײַנען גערטנער,
מיט ציין און מיט נעגל מיר גראָבן די שוואַרץ־ערד,
דאָס ברויט פונעם טיש, מיר פאַרוואַנדלען אין זוימען,
מיר קערעווען טײַכן צו באַוואַסערן פליינען;
מיר רײַסן דאָס ווילד־גראָז, מיר צוימען דעם שטורעם,
מיר ברענגען די זון אַף אונדזערע אָרעמס;
עס בליִען די פעלדער, גרין איז די ערד,
וואָס ווערט פון אָקטאָבער געזאַפטיקט, גענערט.

די וועלט איז אַ שיינע און מיר זײַנען טרוימער,
מיר ווילן זי מאַכן אי גרעסער, אי גרוימער;
מיר ווילן די הימלען פאַרשיטן מיט שטערן,
העכער ווי זון, די פרײַהייט וועט ווערן.
אַף טרעפּ פון אָקטאָבער, די לויטערע, העלע,
ווילן שפּאַנען די פעלקער מיט זייערע פענער;
די טרעפּ פון אָקטאָבער, די מעכטיקע בריקן,
וואָס ווערן געשטאָלט פון לענינשע שמידער.

עס גייט אויף, עס גייט אויף
דער ליכטיקער מאָרגן

קאַיאַר שנײַדט לאַנגזאַם זיך אַרײַן אין פאַרוואָלקנטן הימל,
ווי אַ וואַסער־שטראָם אין כוואַליקן בליאַסק באַ אַ רוזיקן ברעג;
ער וועקט די ביימער און די פייגל, פאַרטאַיעטע אין דרימל,
אין שויבן ער העלט אַרײַן און בײַסט זיך אײַן אין יעדן וועג;
ווי אַ שטאַפּעט וואָס נידערט אַראָפּ פון בערג, מיט בסורעס באַלאָדן,
גייט אויף, גייט אויף, פאַר דער גאַנצער וועלט דער ליכטיקער מאָרגן.

פון שיגאָען איז די נאַכט צעלעכערט ווי אַ צעריסענער זאַק,
זי קלאַמערט זיך מיט ביינערדיקע פינגער אין די וואָלקנשע זײַלן;
נאָר ס'האָבן די וואָלקנס פאַרלאָרן די קראַפט און די מאַכט,
אין צווייפל — צי זאָלן זיי לויפן אין כאַלעל, צי זאָלן זיי בלײַבן?
עס קוקן די צלאָמים מיט שרעק, וואָס זאָלן זיי טאָן?
אַז אַלץ איז אין פולער צעקרישלונג און אַלץ איז אין קאָן.

נאָר אָט האָט די נאַכט, די וואָלקנס, די צלאָמים און אַלע שוואַרציאָרן,
ווי כוואַליעס אין ווילדן געיעג, אַף לעבן און טויט אַרויס, צום פאַרמעסט;
זיי רופן דעם ווינט, זאָל ער יאָגן און ברעכן, זאָלן דונערן דעם
הימל צעטראָגן
און כאָרעוו זאָל ווערן די וועלט און אַלץ וואָס ס'איז שיין און
עס לעבט — — —
נאָר עס שפּאַנט דער קאַיאַר, מיט בלוטיקע פּיס און ראַזעווע שמייכל
אַף ליפּן,
עס גריסן אים היים: מאַזאָליקע הענט, טויבן אַף דעכער, קוימענס
פון פאַבריקן.

אונדזער אַנקומענדיקער פרילינג

די נעכט זעען אויס ווי שווימענדיקע אײַזבערג אין מיזרעכדיקע יאַמען.
וואָס אַנטלויפן פון די פרילינג־שטראָמען, פון מילדע יאָגנדיקע ווינטן;
זיי לויפן צעכושט, זיי ווילן אין גײַיִג באַהעפט זײַן, צוזאַמען,
נאָר זיי קלאַפּן אָן מיט סינע, זיי שעלטן זיך און שימפּן.
זיי שטייען צערייצט ווי קודלאַטע הינט, ווי מאָדנע, וואָס וועט דאָ ווערן?
„ס'איז געווען אַזוי גלײַך און איצט איז צעשטערט און צעקרימט
ווּ זײַנען די געטער? — זאָל מען זייערע טרייסט־רייד כאָטש דערהערן!
זאָל דער פרילינג־שטורעם ווערן פאַרשטומט און אײַנגעשטילט!...”

נאָר דער פרילינג־שטורעם יאָגט. ער קומט אָצינד פון אינדיע, כינע,
סיריע און אַלזשיר
פון סועצער אָפּגרונט, ער שפּאַנט אָף אַפריקאַנער מידבאַריעס, פון
אַמאַנער בערג;
מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ מער פאַרמאַכט די ברייט־צעעפנטע טיר,
ווּ די צילינדער־פּאַסטערס געקומען זײַנען רויבן אומגעשטערט.

עס רוישן די צווײַגן ווי זיי וואָלטן די נײַקייט געשפּונען,
עס פינקלען די שטערן — אַ טאַנץ אָף דער כאַסענע פון באַפרײַטער וועלט;
די בלײַיִק־שווערע וואָלקנס ווערן פאַרבלאַסט און צערונען,
עס גייט אויף דער פרילינג־מאָרגן, אַ מעכטיקער און צעהעלט.

דער זיבעטער נאָוועמבער

כ׳קוק צו דיר פון די שפּיציקע נײַן און דרײַסיק בערג,
באַגרינטע און באַפּרוכפּערט, באַשטראַלטע און באַזעלט;
אין אַ גרויסן שטורעם, פאַרוויקלט איז נאָך די ערד,
וואָס האָט אַ נאַקעטע פון דײַנע שטראַלן אויפגעהעלט;
ווי בעקערס קנעטן טייג, מען האָט דיך אויסגעקנעט, אויסגעגלעט,
באַם שײַן פון פלעמלעך קליינע, אין טפיסעס און אין שלאַכט.
אַף דעם קאַנט פון טאָג דעם פּראָסטיקן, מ׳האָט געלײַטערט דיך, געהעפּט,
ווי עס גייט אַ פרוי צו קינד, געבוירן געוואָרן איז דײַן מאַכט.

צי עס שײַנט די זון, צי גאָר ווען ווינטן בושעווען און וואָיען,
פון טיפן האָריזאָנט טויכן אויף די ליכטיקע געשטאַלטן פון די בויער;
זיי פליִען דרײַסט ווי אָדלער, צעטרײַבן פונעם הימל די וואָלקנס
צום ביזאָיען,
ווי די בלעטער, די פאַרוויאַנעטע, אַוועקשאַרן די יאָכן און דעם טרויער;
די בערג, די באַוואַסערטע מיט וואַכזאַמקייט און זאָרג,
פאַרוויקלטע אין טוי, זיי גייען אויף מיט פרילינגדיקע געזאַנגען;
ווי דער זים-ווײַניקער זאַפט פון שעפעדיקע עפּל-ביימער איז
אונדזער וואָרט,
וואָס איז פון דײַן קראַפט, איבער דער ערד אויפגעגאַנגען.

נאָר אין די טאָלן די טיפע, דער געראַנגל דער שווערער גייט אָן,
ווי אין יענע הייסע טעג, אַף דער צעטרייסלטער רוסישער ערד;
אָט לעשן די שטערן זיך אויס, און וואָלקנס ווי וועלף קומען אָן,
פאַרצוקן זיי ווען דעם קאַיאָר, וואָס ווערט פון זון-אויפגאַנג גענערט;
זיי דאַכט זיך, זיי האָבן דערלאַנגט און אָט איז שוין אַלץ צעשטערט,
די שוואַרצע רויב-פייגל, זיי צעעפענען די פּיסקעס און די פליגל — — —
נאָר פון די נײַן און דרײַסיק בערג גייט אויף די זון, אָ, זי האָט זיך געווערט
און דער הימל ווערט באַלויכטן פון די ליכטיקסטע זיגן.

דײַן פּאָנים װאָס ליכטיקט

דער זייגער ציילט די מינוטן און שאָען פֿון דער נאַכט,
ער שפּאַנט איבער דער שטילקייט ווי אַ יאָגנדיקער באַן איבער אַ בריק, —
און איך, ווי אַ באַן־וועכטער אַליין, וואָס שטייט אַן איינזאַמער אַף דער וואַך,
נעם אויף די סיגנאַלן וואָס וואָרענען: פֿאַרהיט!...
נאָר כאָטש ס׳איז אַזוי שטיל אַצינד, אַלץ איז ווי הערמעטיש פֿאַרשלאָסן,
עס שוועבט אין דער נאַכט די פֿאַרגליווערטקייט פֿון אַ באַרגיקער קייט,
מיר דאַכט דו שטייסט נאָך אַלץ אַף באַריקאַדן, מיט דײַן אַנצער קראַפֿט פֿאַרמאָסטן

און אָנצינדן און לייטערן ביזטו ווידער גרייט.
איך לייען די שורעס דײַנע, די רוישיקע ווי אַ שטראָם, די לויטערע ווי שטערן,
ווי אַף פֿלאַנצן נאָך אַ טריקעניש, זיי פֿלייצן און באַוואַסערן, ווי טראָפּנס טוי פֿינקלען זיי און קוועלן;

איך טרינק פֿון אָײַן קוואַל און וועל קיינמאָל נישט אויפֿהערן
צו טראָגן די זאַפֿטיקע פֿרישקייט צו די טירן פֿון מײַנע ברידערס שוועלן.
איך דריק צו מײַן האַרץ ווי אַ קינד, דײַנע טיפֿע געדאַנקען, וואָס לויכטן ווי מעכטיקע פֿאַראָלן

און וועלן נאָך לויכטן יאָרהונדערטער גאַנג אין דער געשיכטע;
דער שווערער וועג צום סאָציאַליזם, האָט זיך אַף האַרטע פֿעלדזן אָנגעשלאָגן,
נאָר ער איז צוריק שוין אַפֿן טראַקט, אַ צעשטראַלטער און מעכטיק.
מיר פֿלאַסטערן דעם שליאַך. דײַנע ווערטער באַלײַכטן אין דער פֿינצטערניש דעם וועג

פֿאַר די פֿעלקער וודס צעשמעטערן דעם יאָך דורך קאַמף און מערידע;
דו ביסט דער קאַפּיטאַן וואָס פֿירט מיט טאַקט קעגן שטראָם די פֿרײַהײַט־שיף צום ברעג,
דער אַרכיטעקט פֿון דעם ווערק וואָס ווערט געהאַמערט שוין פֿון אַ מיליאַרד שמידער.

איך קוק אַף דײַן פּאָנעם וואָס ליכטיקטאין אַ ווינקל אין מײַן צימער,
ווי אַ טויכער, כ׳לאָז אַראָפּ זיך אין טיפֿענישן, באַנעמען דעם זין פֿון „אַ טראָט צוריק צוויי פֿאָרויס”
כאָטש די צײַט געוואָרן איז פֿאַרוואָלקנט, די פֿינצטערניש מאַסיווער,
שטראַלט אויף ווי די זון דער פֿעלקער־גליק, וואָס ווערט אַ שטראָם־טאָן באַלד מעכטיק און צעברויזט.

פעלקער ברעכן קייטן

(ווען עגיפּטן האָט מיט דער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד און פאָלקס־
כינע, אַרויסגעריסן פון די אימפּעריאַליסטן איר סועץ־קאַנאַל)

פעלקער ברעכן קייטן, צוימען וואַלגערן זיי,
קראָען שוואַרצע אַנטלויפן, מיט אַ קראַקעדיק געשריי.

ראַנגלט זיך קאַיאַר, גרוסן העלע שיקט ער,
פּלוצלינג ווערט די העלקייט, פאַרטרונקען און פאַרוויכערט.

ווערט די שלאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ געראַנגל איבער שליאַכן,
ווייזט זיך אויס דער ערד, אַז הימלען וועלן קראַכן.

טראָגט די שלאַכט זיך איבער, אין רוימען און אין טהאָמען
שמידן טאַטעס, שמידן קינדער, דעם זיג און די נעקאָמע.

פעלקער ברעכן קייטן, קלינגען האַמערס שווערע,
דערטראָגט זיך דער געקלאַנג אויך צום מאָרגנשטערן.

וועבט זיך אַ געוועב, פון ערד ביז צו די שטערן,
פון העלקייט אויסגעהעפט, באַפינקלט פון די טרערן.

שפּרינגען אָן מיט האַסט, וואָלקנס און אַ שטורעם,
זיי האַלטן איין די נאַכט, זי איז זייער טורעם.

דאָרשטיקע ווי כאַיעס, מיט בלוט־צייכנס אַף לאַפּעס,
זיי קריצן מיט די ציין, דראָען מיט פאַרכאַפּן.

פעלקער ברעכן קייטן, זיי ווילן ווערן פרײַ,
אַלע בייזע רוכעס וועלן גיך פאַרבײַ.

אַלע טויבע, בלינדע — וועלן הערן, זען,
פאַכדאָנים און פאַרעטער — באַזײַטיקט און פאַרשעמט.

פעלקער ברעכן קייטן, מיט כאָכמע און מיט מאַכט,
ס׳זאָגט די זון מיט שמייכל: נאַכט, אַ גוטע נאַכט...

פעלקער ברעכן קייטן, זיי שמידן פעלקער־גליק,
מיט פאַקלדיקע אויגן באַלײַכטן זיי דעם זיג.

צום סאָלדאַט וואַסקעז סאַנטשעז

(דעם 26סטן יולי 1956 האָט דער סאָלדאַט וואַסקעז סאַנטשעז דערשאָסן דעם לאַקיי פון יענקישן אימפּע־ריאַליזם און מערדער פון גוואַטעמאַלער פאָלק — קאַסטיזשאַ אַרמאַס).

דער טויט האָט דײַנע אויגן גרויזאַם צוגעמאַכט,
ווי האַסטיק ס׳פאַלט אַראָפּ אַ הערמעטיש טיר;
דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן, אַ טהאָם, אַ טיפע נאַכט,
אַלץ פאַרענדיקט איז, אַף אייביק שוין פאַר דיר.
נאָר כאָטש די פינצטערניש האָט דיך פאַרלענדט,
ווען דײַן בלוט אַ פלייץ געטאָן האָט פון דײַנע ווונדן,
ווי אַ זײַל אַ מעכטיקער האָסטו זיך אויפגעשטעלט,
מיט דעם פרײַהייטס-פאַקל, דעם מאָרגנשטערן אָנגעצונדן.

כ׳האָב דײַן פּאָנעם קיינמאָל ניט געזען,
נאָר אין אויגן דײַנע, געהעלט האָט, דער פלאַם פון
הירשקע לעקערט;
ווי לעקערט האָסטו געפרעגט: פאַרוואָס מענטש ווערט
געפּײַניקט און פאַרשעמט?
ווי ער, שווײַגן ניט געקענט, ווײַל ס׳איז שוין פול דער בעכער.
מיטן הערשער-סוינע פון דײַן פאָלק, האָסטו פאַרפירט אַ שלאַכט
אָן אָפּענע, אַליין, האָסט זיך ניט פאַרטאַיעט.
עס ציטערט ווי אַ בלינדער הונט, די הערשנדיקע מאַכט,
דער דיקטאַטאָר וואָיעט, ווי אַ פאַרווונדעטע כאַיע.

עס האָט דײַן אָנזאָג-שאָס, וואַסקעז סאַנטשעז,
ווי אַ שטערן זיך צעהעלט איבער גוואַטעמאַלער הימל;
דײַן רוף איז אַרויף אַפן סאַמע העכסטן באַרג-שפּיץ,
פון דאָרט דעם געראַנגל, פאַרפעסטיקן און שמידן;
דײַן פאָלק דערוואַכט, ווי עס דערוואַכן איצטער פעלקער-ברידער.
די געקייטלטע פון ווײַטן און נאָענטן אָריענט,
ווי כוואַליעס ברויזן און שוימען די פרײַהייטס-לידער,
וואָס די פעלקער זינגען אויס, ברעכנדיק די באַגנעטן-ווענט.

אַ בריוו צו כאַנע סענעש

ס׳איז אַוואַדע זייער קאָמיש,
צו אַ טויטער שרײַבן בריוו;
סטאָם דימיוּינעס — איך פאַרטראָג ניט,
ריידן קלאָר האָב איך ליב.
נאָר די זון, וואָס לעשט זיך אויס,
זי בלײַבט אין אָנדענק, לויטער העל,
ווען זי פאַרשווינדט, איז זי אויך גרויס,
זי ליכטיקט אַלץ בײַ יעדן שוועל...

ווי צעמענט האָסט אַרײַנגעגאָסן,
דײַן יונגן לעבן אינעם קאַמף;
ניט דער טויט האָט דיך צעבראָכן,
ניט קאַסטנערס גרויזאַמער פאַראַט.
אין די שאָען אין די שווערע,
אין די נעגל פון פאַשיסט,
האָסט ניט אויפגעהערט צו קלערן,
ווער דאָס לעבן האָט פאַרוויסט.

האָסט געטרוימט צו זען דעם פײַנט,
אַ צעשטויבטן אַף די גאַסן;
אין דײַנע אויגן האָט געשײַנט,
די נעקאָמע אין די שלאַכטן.
האָסט אַזוי געטראַכט פון זיי,
דאָס איז געווען דײַן ווונטש, דער לעצטער, —
דײַן ווילן האָט, די רויט־אַרמיי,
אויסגעפילט מיט קראַפט, מיט פעסטער.

דײַן האַרץ — אַ שטורעמדיקער ווינט,
ווי כוואַליעס ברוויזיקע האָט זי געשוימט;
די יוגנט־טרוימען, וואָס דו סט׳געשפינט,

געוואָרן זײַנען גרוי, פֿאַרפֿוילט.
אין רויש פֿון גרויזאַמען קאָשמאַר,
ווי אַ בלאַט דער ווינט האָט דיך געטראָגן, —
ס׳האָט דײַן ציִען־אידעאַל,
ווי אַ שיפֿל נ׳אַ פֿעלדז זיך אָנגעשלאָגן.

דער עמעס האָט ווי אַ שניט,
זיך אײַנגעקריצט אין דײַן פּאָנעם;
אַלע שלאַנגען טראָגן גיפֿט,
די באַצווינגער — זײַנען סאָנים.
עס מאָרדעט אונדז די היטלער־באַנדע,
דאָס פֿאָלק פֿאַרנאַרט ווערט און פֿאַרגאַזט, —
דו האָסט געזען, געפֿילט די שאַנדע,
וואָס האָט דעם גרעסטן פֿאַראַט פֿאַרבלאַסט...

פֿון דײַנע טיפֿע, שוואַרצע אויגן,
געטריפֿט עס האָבן גרויסע טרערן;
אַ וואָלקן האָט זיך אויסגעצויגן,
ער האָט פֿאַרלאָשן זון און שטערן.
די ציִען־פֿירער אומעטום,
אין דער שפּיץ פֿון יודענראַטן,
האָסט געציטערט ווי אַ בלום,
ווען אַ האָגל זי האַלט אין קלאַפּן.

אַ דורך עס זײַנען אַ צענדליק יאָר,
פֿון דער באַפֿרײַונג אַף רעשטאָוואַניעס;
אין אַ שווערע, האַרבע שאָ,
דער סוינע נאָכאַמאָל זיך האָט פֿאַרקלאַמערט.
ווי וועלף צערײַצטע אין שיגאָען,
באַפֿאַלן זײַנען די היטלער־האָרטי באַנדעס,
און באַנײַט די טעג און שאָען,
אין שענדן, רויבן און אין מאָרדן.

קראָען פֿון מײַרעוו־מעטראָפּאָליעס,
האָבן קראַקענדיק געזונגען די ניגונים;
מילכאָמע־צינדער, הינטער פּאָלעס,
געטראָגן האָבן פֿײַער און בילבולים.

נאָר נאָכאַמאָל האָט די אַרמיי,
וואָס האָט מיט פרײַהייט באַנײַט די ערד,
דעם סוינע אָפּגעצאָלט מיט בלײַ, —
כאַשכעסדיקע פלענער — צעטראָטן און צעשטערט.

דער גרויער וועג פון ציִען־פירער,
איז דער אייגענער ווי אַמאָל;
עס קוקן אין דעם זעלבן שפּיגל,
גאָלדע מייער און דער האַרטי־ריכטער — סימאָן.
יאָ, די צײַט איז גאָר אַ שווערע,
אײַנגעטונקט איז זי אין בלוט,
זײַ אָבער וויסן, כאַנע סענעש, —
געפּאַנצערט איז אונדזער גלויבן, אונדזער מוט!

ס'איז אַוואַדע קאַמיש זייער,
צו אַ טויטער שרײַבן בריוו;
אַף דײַן אומבאַקאַנטן קייווער,
ווי אַ בלום זאָל זײַן מײַן ליד.
כ'וועב אײַן דײַן צאַר און צאָרנדיקן וואָרט,
אין דער פרײַהייט וואָס מיר שמידן,
„זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דײַן לעצטן טראָט", —
— מיר וועלן לעבן און מיר וועלן זיגן!

אונגאַרן

כאַדאָשים לאַנג האָבן האַבסבורגער רעגענטן־לומפּן, געזאַמלט טויט־
מאַכשירים, גיפטיקע בילבולים
ווי ס'זאַמלט איַין די נאַכט, וואָלקנס פינצטערע אין איר כווישעכדיקן גאַנג;
ווי וועלף צעהיצטע פון רעציכע, זיַינען זיי אַרוים מיט שטורעם,
פאַרצוקן און צעשטערן אָן אויפהער, נאָכאַנאַנד.
ס'האָבן מערדער־באַנדעס ווי פיַיער־צונגען, פאַרניכטעט און פאַרברענט,
צום מיליאָנען־מיליאָנעסדיקן מאָל, האָט מען דעם מענטש געלעסטערט
און פאַרשעמט.

די וועלט פון דער פליכעוואַטער דעמאָקראַטיע, האָט מיט קאַלטן שפּאָט
זיך אָנגעטאָן אַ שאָפּענעם פעלץ און זיך צעמעקעט אַף די העכסטע טענער;
גענאָד האָט זי פאַרלאַנגט און אַפּעלירט צום קיסע־האַקאָוועד פון יעדן גאָט
פאַר די ראָצכים האָבן זיך פאַרנייגט די מיַירעוודיקע פענער.
מיט זשאַווערדיקן גרילץ, האָבן גערעכטיקייט געפריידיקט די
כאָשעווע, די גנעדיקע דאַמען,
פאַר די, וואָס האָבן פעלקער אומגעבראַכט אין אַ יאַם פון בלוט
און פלאַמען.

נאָר די אַרמיי פון פעלקער־ניצאָכן האָט פון פויסטן פאַרקלעמטע
אויפגעשטעלט אַ באַריער,
די כאַיע, די פאַשיסטישע אַרײַנגעיאָגט ווי אַ שטשור אין
אַ פאַסטקע־שטיַיג;
דער טאַליען האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון דער אַקיידע... אָ, ווי שווער...
ס'האָבן ראַכמים געבעטן פון יעדן לאַנד פאַר זיי, די פיַינסטע ליַיט...
און כאָטש פון נאָרעם דער סוינע שיקט נאָך אַלץ געהעניִמשע
ליכט־סיגנאַלן
איז ער אַף אייביק, אַף אייביק שוין צעפאַלן און פאַרפאַלן.

דער פעלקער־פרילינג

פון די בערג־שפּיץ די ווײַטע, וואָס גרייכן צו הימלען,
פליט אַרויס מיט אַ שטורעם, דער מעכטיקער פרילינג.

ער פליט ווי אַן אָדלער, שטאָל אין זײַן בליק,
די וואָלקנס, די געדיכטע, ער צעשטיקלט און צעפליקט.

אַף מעכטיקע פליגלען ער לויפט אין דער ווײַט,
זײַן יעטווידער שפּאַן, באַנײַט איצט די צײַט.

אַף יעדער ערד ווו ער קומט, דעם זיג ער פאַרזיגלט —
פאַרשטויסענע דערוואַכן, מיט באַגרינטע פליגל.

גייען אויף די טעג, פון לויטערקייט געשפּינט,
ווו דו ביסט, ווו דו שווימסט, דו הערסט ווי מען זינגט.

ווו דײַן טראָט ווערט געשטעלט, איז צעבליט און צעהעלט,
ס׳ווערט העכער, ס׳ווערט גרעסער, די אויסגעטרוימטע וועלט.

פון די בערג־שפּיץ די ווײַטע, וואָס גרייכן צו הימלען,
פליט אַרויס מיט אַ שטורעם, דער מעכטיקער פרילינג.

אים וועט ניט פאַרהאַלטן קיין הוראַגאַן און געוויטער,
זײַן גאַנג אין דער צוקונפט האָט סאָציאַליזם פאַרזיכערט.

אין אָט דער שווערער פֿײַנלעכער שאָ

אין אָט דער שווערער שאָ פֿון טיפֿן פֿײַן פֿאַר מײַן פֿאָלק,
וואָס וואָלסטריט האָט דורך בעריאַ־רעציכע אײַנגעשניטן אַזוי טיף,
הייב איך אויף מײַן קאָל מיט צאַר, אַ ייִדישער סאַנקילאָט,
און דונערדיק איך שאַל: האָסט אונדז ניט באַזיגט!

אינעם געראַנגל דעם שווערן, פֿאַר באַפֿרײַען פֿון קייטן די וועלט,
זײַנען מיר געווען און וועלן זײַן געשאָמע און גראַניט;
און כאָטש דער שאַנדפֿלעק איז גרויס, האָט ער ניט פֿאַרשטעלט
די זון פֿון סאָציאַליזם וואָס ווערט אין מיזרעך געלײַטערט און געשמידט.

אין דער שאָ ווען אונדז טוט אַזוי וויי און ס׳בלוטיקן די אויגן,
פֿאַרטרײַבן מיר די וואָלקנס וואָס ווילן וויינען דורך אַ רעגן...
— אין אײַערע לוזשעס רינט! אַליין וועלן מיר אויסזיגלען אַ רעגנבויגן,
אַליין וועט דאָס פֿאָלק מיט ליכטיקייט באַנײַען אַלע וועגן.

אין אָט דער שווערער פֿײַנלעכער שאָ, ווערט מײַן קאָל נאָך
הארטער, שטרענגער,
אין מײַן פֿאַנצער דאָס מאַרקסיסטישע וואָרט, אַ קאָמפּאַס דער
לענינשער געדאַנק;
און איך זאָג צו מײַן כאַווער, צו מײַן זון, צו מײַן פֿרײַנט, אונדזער
טרוים, דער געגאַרטער
וועט זיך איצטער אָף אייביק באַנײַען, מיט זוניקער קראַפֿט און
מאַרשירנדיקן געזאַנג.

דאָס געזאַנג צו דער קינסטלעכער לעוואָנע

מײַן זיידע האָט מעכאַדעש געווען די לעוואָנע,
מיט פאַרמאַכטע אויגן,
טיפע קאַוואָנע,
מיט אַן עמעסן, זיכערן גלויבן,
אַז דאָרטן אויבן,
הערט מען זײַן טפילע און זײַן לויבן,
לעאוילעם וואָעד,
אָמיין.

ווי שאַגאַלס ציג,
האָט מײַן זיידע אויסגעשטרעקט צו איר זײַן
באַבאָרדעטן פּאָנעם,
ער האָט אַ פּיזמען צוגעזונגען;
נאָר ניט געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס,
זיך ניט אויפגעהויבן הויך;
מײַן זיידע האָט ניט געהאַט קיין פליגל,
זײַנע טעג,
זײַנען זיך צעגאַנגען ווי דער רויך.
ער — אַ האָלעוועשקע,
וואָס דערציילט:
בעיים זי האָט געברענט, האָבן אַנדערע געקאָכט,
האָבן זיך אַנדערע געוואַרעמט...

מײַן זיידע האָט געדאַוונט שאַכרים, מינכע, מײַריוו,
דער זין פון מערווערט איז געווען אים פרעמד.
ניט פון דער נאָענט, ניט פון דער ווײַט,
האָט מײַן זיידע באַנומען דאָס געזאַנג:
„אָ, מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפן".

ס'האָט יאַנקל דער בלעכער געניטעוועט און געלייט,
ס'האָט יאַנקל דער בלעכער געהובלט און געזעגט,
געלעבט ווי ס'איז געכאַסמעט און פאַרשריבן,
ווי ס'איז באַשערט,
אַף דער זינדיקער אַף דער נאַקעטער ערד.

ווען נאָוועמבער 1917,
האָט זיך ווי אַ שטורעמדיקער יאַם צעברויזט,
מיט שוימיקן גערעג געפלייצט,
פאַרפלייצט און צעשטערט,
אַלע צוימען,
פאַרברעכערישע געזעצן,
האָט מײַן זיידע אַלץ נאָך גאָט געבעטן —
דער לעצטער בעטער פון דוירעס געבליבן;
דער לעצטער וועכטער,
וואָס האָט באַשיצט די אומגערעכטע,
מיט טפילעס,
מיט מעקאַבל בעהאַווע-זײַן
די לײַדן און דעם פײַן.
נאָר ווען לעגינס לאָזונגען
האָבן געבליצט און געדונערט אין די נעכט,
אויפגעגאַנגען ווי די זון,
זיך געטראָגן אַף די אַקסלען פון ווינט,
געלויכטן ווי שטערן,
געהאַמערט ווי מיט האַמערס,
געבליט ווי קלאַוועלן,
ווי קינדערשע שמייכלען געגלעט! —
איז מײַן זיידע נאָך אַלץ געגאַנגען די לעוואָנע מעכאַדעש זײַן.
ער איז געגאַנגען געלאַסן,
אין די גאַסן האָט מען געזונגען:
„שטייט אויף איר אַלע וועד ווי שקלאַפן!"
ער, דער שקלאַף ז'ניט אויפגעשטאַנען,
ער האָט קוים פאַרשטאַנען,
אַז דער נעכטן ליגט צעפיצלט,
ווי אַ צעשמעטערטע שויב;
די וועלט פון אַוולעס און פון רויב

אַ געבונדענע ליגט,
עס שטייט איבער איר מיט אַ ביקס,
אַ באָרוועסער באָלשעוויק,
ווי מײַן זיידע — אַ בלעכער,
נאָר ניט קיין קריכער,
אַן אויסגעשטאָלטער, פול מיט האָפענונג און פרייד,
ער זינגט:
„די וועלט פון גוואַלדטאַטן און לײַדן,
באַפרײַען וועלן מיר און דאַן...״

ער שפּאַנט אַהין און צוריק,
וויברירט פון גליק.
ער הערט די געבורט־ווייען פון דער ערד.
געזאַנג און וויי,
געוויין פון פרייד,
טרערן פון פרייד.
ער זינגט:
„פון פרײַהייט, גלײַכהייט — אַ גאַניידן,
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס־מאַן״.
ער צערטלט מיט מאַזאָליקע הענט דעם מאָרגן
ווי דאָס פּאָנעם פון אַ קינד,
ער איז אוילע־רעגל דורך די שנייִיקע נעכט,
צום אייביקן פרילינג.
די לעוואָנע קוקט אַראָפּ פאַרטראַכט:
ניטאָ קיין ציגענע בערדל,
דער יונג מיט דער ביקס אין די הענט,
שטייט פעסט —
זײַנע איז די ערד!

דער יונגער בלעכער,
האָט דעם סאָציאַליזם געבויט אין די שאַכטעס,
אַף די העכסטע דעכער,
אַף די פליגלען פון דער נײַער צײַט,
די טירן פון אַרבפּאַקן,
האָבן זיך פאַר אים געעפנט,
ער האָט געקלעטערט העכער, העכער,

אָף בערג מיט ביכער,
אָף טרעפּ פון וויסן,
ס׳האָט קיינער זײַנע פּלענער ניט צעריסן,
זײַנע טרוימען ניט פאַרגליווערט,
געגאַנגען איז ער ווי אַ ריז,
ביז צו די שטערן,
אײַנגענומען דעם רוים,
עפענען די פאַרבאָרגענע סוידעס,
די קוואַלן פון די קאָסמישע שטראַלן,
די אומענדלעכע ענערגעטישע קראַפט
פאַר דעם מענטש.

פליט זי די קויל,
די קינסטלעכע לעוואָנע,
פערצן מאָל אַ טאָג ארום דער ערד
טויזנטער מיליאָנען מענטשן,
באַוווּנדערן דעם ווּנדער פון די בלעכערם
פון 1917,
פון סאָציאַליזם.
עס פליט די קינסטלעכע לעוואָנע,
שאַלעם זאָגט זי צו דער וועלט,
מיך שיקט דאָס לאַנד,
וואָס שטרעקט אוים צו אַלע פעלקער איר האַנט,
וואָס בויט אַ זוניקע בריק,
איבער אַלע יאַמען און קאַנאַלן.

זי איז מעכאַדעש דעם מענטש,
דעם באַשעפער,
מיט נײַע ווּנדער,
זי באַהעלט דעם צווייטן העלפט
פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
מיט דעם ניצאָכן,
איבער די קויכעס די פאַרבאָרגענע,
מיטן זיג איבער די שוואַרצע וואָלקן-קעפ
וואָס האָבן פאַרשטעלט, געשטערט און שטערן,
די באַפרײַונג פון דער ערד.

זי פליט די קינסטלעכע לעוואַנע,
פערצן מאָל אַ טאָג איבער דער ערד,
זי איז געשטאַלט פון לענינס כאַכמע,
פון דער מי פון די בלעכערס,
געשטויסן פון דער קראַפט פון 1917.
זי ברעכט די צוימען פון די רוימען,
אַ נײַע ערע גייט אויף,
אַ ליכטיקע זי העלט ווי די זון
אויב ניט נאָך העכער,
ווי די זון פליום פרייד,
ווי די זון פליום פרײַהייט,
זי איז אַ רינג פון די גרויסע מענטשלעכע זיגן,
פון דעם אויפגייענדיקן און זיגערישן סאָציאַליזם.

שפּעט בײַנאַכט

כ׳גיי איצט אַהיים, טיף שפּעט אין דער נאַכט,
פֿאַרזונקען אין שלאָף זײַנען גאַסן און דעכער;
מײַן גאַנג אַזאַ שווערער — קעגן שטראָם און אָף וואַך,
ווי אַ פֿלאַם אין שטורעם האָט צעפֿלאַקערט זיך העכער.
פֿון אַ זיצונג איך גיי איצט אַהיים אַזוי מיד,
קוואַליקער אומרו ברויזט אין מײַן ליד.

צווײַגן שאָרכן, סוידעם זיי שעפּטשען ווי פּרויען,
פֿון וואָלקנדלעך קליינע איז דער הימל פֿאַרפֿלעקט;
שטערן ווי פּערל, זיי באַצירן דעם רוים דעם בלויען,
די לעוואָנע — אָף פֿליגלען פֿון טויבן, שווימט און באַהעלט.
פֿון אַ זיצונג איך גיי איצט אַהיים אַזוי מיד,
קוואַליקער אומרו ברויזט אין מײַן ליד.

די טעג ווי כוואַליעס געיאָגט פֿון שטורעם,
מיט שוימיקער רוגזע זיך רײַסן צו ברעגן;
מיר איז גוט וואָס איך בין אַ ציגל פֿון טורעם,
אַ פֿאַנצער צו פֿאַרהיטן פֿאַרפֿלייצונג אָף וועגן . . .
פֿון אַ זיצונג איך גיי איצט אַהיים אַזוי מיד,
קוואַליקער אומרו ברויזט אין מײַן ליד.

„אוּן עפּשער...״

(אַן ענטפער דעם כאַווער בינעם העלער)

...און עפשער איז דאָס גריבלען זיך אין דעם „פאַרוואָס?״
אַ זיסער סאַם ניט מער, וואָס וועט אונדז אָפּשוואַכן און טויטן?
צי מעג מען אָנצינדן אין פאָלק אַזאַ פאַרדראָס?
אויסלעשן ווי אַ ווינט, דעם פלאַם פון טיפן גלויבן
אינעם לאַנד, וואָס איז דער מאָרגנשטערן פון אַ נײַער וועלט?
וואָס האָט פאַר יעדן שפּאַן דעם זיגערישן, מיט בלוט פון
בעסטע זין געצאָלט;
אינעם לאַנד, ווו טרוימען פון יאָרטויזנטער האָבן אויפגעהעלט
ווי די זון, פון לײַדן — דער זיג איז אויסגעשטאָלט.

ניט באַם ראַנד פון אָפּגרונט שטייען מיר — טרערן זײַנען טרייסט,
ניט דער וועג איז מידבער און אומענדלעכער זאַמד;
שטיי אויף, גלײַך זיך אויס, באַנעם און פאַרשטיי,
דײַן וואָרט ציל אָן, שאַרף און אומפאַרזאַמט;
זאָל זײַן אַז פונדאַסנײַ מיר דאַרפן אָנהייבן דעם גאַנג,
מיט הוילע הענט, ערד זאָל ווערן באַלד פאַראַקערט;
מיר האָבן קויכעס נאָך צו אָנהייבן און מיט געזאַנג,
מיר האָבן הערצער נאָך וואָס קענען ווערן אויפגעפלאַקערט.

ניט סטאָם אַ שטורעם האָט צעבראָכן דעם מאַסט פון אונדזער שיף,
צעשעדיקט איז זי, פון דער שלאַכט פאַר סאָציאַליזם!
מיר בלוטיקן פון ווייי און די וווּנד איז אַזוי טיף,
נאָר פון פאָלק וועלן אויפשטיין נײַע ריזן;
מיט געוואַגטקייט אַ שפּאַן טאָן וועלן זיי אין אַ פאַרמעסט,
מיט מײַסים ליכטיקע, די ווירקלעכקייט באַפעלן;
באַנעם דעם זין, דעם לעבנשן פון צוואַנציקסטן קאָנגרעס,
מיט קויכעס נײַע אין קוזניע קום, כאַווער בינעם העלער.

איך שווער

(נאָך דער פּײַערונג — 50 יאָר)

איך בין אין „טריבונע״ אַליין אַצינד, אַליין,
צווישן גרויע ווענט, צײַטונגען און ביכער;
מײַן האַרץ איז פול מיט ניט דערזאָגטע רייד,
וואָס כ׳וואָלט וועלן אויסדריקן וואָס גיכער;
וואָס איך וויל, אויפשמעלצן ווי בלײַ,
און אויסזינגען מיט אַלע קויכעס, הויך און נײַ.

אַף דער ערד, וואָס איז אײַנגעטונקט אין גרינס,
האָב איך פאַרפלאַנצט דרײַ צענדליק יאָרן;
אַ באָרוועסער און מיט ווונדן אַף די פיס,
דעם יאָך דעם שווערן, כ׳האָב ניט אויפגעהערט צו טראָגן;
און ווי כוואַליעס שוימיקע, וואָס ברויזן אין אַ שטורעם,
האָב איך מײַן לעבן אין די קאַמפן אויסגעפורעמט.

מײַן האַרץ איז פול מיט לידער און פאַרלאַנגען,
וואָס העלן ווי לעוואָנעס און שנײַדן זיך ווי בליצן;
איך בין גרייט צו אויפנעמען נײַע קאַמפן און געראַנגלען,
ביזן לעצטן אָטעם די לענינשע אידעען שיצן;
אַפן רוף פון מײַן פּאַרטיי — ענטפער איך: איך הער!
און פון וועכטער-טורעם — „טריבונע״: שווער איך,
איך שווער!

דאָס געזאַנג וועגן אַ פּאַשעטן מענטשן

(אין אָנדענק פון כּאַווער יאַנקל ליסט)

.1

עס דערמאָנט זיך דער אַלטער ייִסראַעל, אַמאָל:
דאָס געסל אין שטעטל, דאָס שטיבל אין טאָל,
מיט גרינס אַ באַדעקט, מיט בלומען און קווייטן,
און ס׳פלעגן אים שטענדיק די קינדער באַגלייטן;
באַגלייטן דעם טאַטן ביז צו דעם ראָג,
און דערנאָך אים צוזאַמען געבן אַ זאָג:
גוטינקע זאַכן ברענג אונדז אַ סאַך,
און אַלע צוזאַמען פלעגן געבן אַ לאַך;
אַ לאַך און אַ טאַנץ און אַ זונג און אַ שפּרונג, — — — —
געווען איז ייִסראַעל נאָך שטאַרק און נאָך יונג,
אַ פורמאַן געווען און ערלעך פאַרדינט
דאָס ברויט און דאָס קלייד פאַרן הויזגעזינט.

.2

נאָר ניט צו דערקענען ז׳געוואָרן די צײַט,
איין טאָג פון אַ צווייטן איז אַנדערש און ווײַט.
מיט רויש פון די ווינטן זיי קומען די טעג,
און זיי קלאַפּן זיך אָן ווי כוואַליעס אין ברעג.
זיי שוימען מיט אומרו, זיי יאָגן מיט שרעק,
זיי קומען פאַרוואָלקנט און הענגען ווי זעק.
ס׳לאַכן ניט לוסטיק די ייִנגלעך שוין מער,
זיי דרייען זיך אום אַהין און אַהער;
גרויסע געוואָרן מיט אַקסלען מיט ברייטע —
גיב זיי די ערד, וועט זי זײַן אַ פאַרזייטע;
גרויסע געוואָרן מיט אָרעמס מיט פעסטע —
און אָרבעטער קענען זיי ווערן די בעסטע.

.3

געוועז זײַנען וועגן פֿאַרמאַכטע פֿאַר זיי,
דער העלער פרימאָרגן געקרעכצט האָט פֿון וויי,
די זון האָט געזען ווי זיי גייען אַרום,
שלאַנקע און שטאַרקע, נאָר כווישעך און שטום.
ס'הענגען די הענט ווי איבעריק גאָר,
און ס'ווערט דאָ פֿאַרוויאַנעט אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
ס'דאַכט זיך ווי אַלץ איז פֿאַרמאַטערט און מיד,
ס'ווערט בלויז באַנײַט דאָס זידלען דעם ייִד.
וואָס זשע וועט זײַן? — האָט יִשׂראָעל געקלערט:
אין פּריצישן פּוילן איז זאַמדיק די ערד...
נעם־זשע דאָס פּעקל און אונטער דער זון
אַ שטיקעלע ערד זוך, יאַנקל מײַן זון.

.4

געוואַרט האָט יאַנקל אין גרויען פֿאַרטאָג
מיט פּאַק און מיט זאַק — זײַן גוטס און זײַן האָב.
די מאַמע לעם אים, דער טאַטע, די ברידער
און זי האָט געכליפּעט: יאַנקעלע ליבער
פֿאַרגעס ניט צו שרײַבן אַ קאַרטל, אַ בריוו,
כ'וועל פֿון דײַגעס און קלערן ווערן גיך סיוו.
נאָר ער, ווי אַן אויסגעוואָרצלט יונגער דעמב
וואָס דאַרף ווערן פֿאַרטראָגן ערגעץ אין דער פֿרעמד,
איז געשטאַנען פֿאַרבענקט און געשטאַנען פֿאַרשעמט — — — —
און ס'איז אים באַפֿאַלן אַ ווילן צו שפּאַנען,
און גיבערדיק שרײַען: כ'וועל ניט אַוועקגיין פֿון דאַנען.

.5

דאָס געוואָי האָט צעשניטן דעם פֿרימאָרגן אַף העלפֿט,
שטאָלענע רעדער האָבן אַף רעלצן געשטופּט.
דער באַן איז געלאָפֿן איבער ווײַס־רוסישן לאַנד,
וואָס געוועזן איז פֿאַרגוואַלדיקט פֿון פֿאַרעצם זשאַנדאַר.

און ס'האָבן די וועלדער און טײַכן געפֿרעגט:
פֿאַרוואָס אַזאַ יונג ווערט גאָר ערגעץ פֿאַרשלעפּט?
און ס'האָט דער פֿרימאָרגן אין העל און אין רויט
צום באָכער געזאָגט: מען דאַרף קעמפֿן פֿאַר ברויט...
די שטאָלענע רעדער האָבן געקלאַפּט און געשטעפּט,
ס'איז יאַנקל געזעסן אין באַן ווי געפּלעפּט.
דערנאָך האָט אַ וועכטער אים באַם גרענעץ געוועקט
און ער איז געשטאַנען צעקנייטשט און פֿאַרגעלט.

6.

צום זוניקן לאַנד וואָס איז ראַכוועסדיק ברייט,
איז יאַנקל געקומען ווי ער שטייט, ווי ער גייט.
אַן אַרבעטער ווערן איז געווען זײַן באַגער,
ווען ער העלפֿן די ברידער אויך קומען אַהער.
די שוועסטער דערנאָך און טאַטע און מאַמע,
ס„דאַרף קיינער פֿון זיי אַ רעגע פֿאַרזאַמען.
דאָס פּאַנעם פֿאַרפּלאַמט, שווײס אַפֿן שטערן,
אַרבעטן גיך ווער קען אים פֿאַרווערן?
אײַנדערוואָכן, אין רו־טעג, פֿון באַגינען ביז פֿינצטער
האָט יאַנקל געפֿינצטערט זומער און ווינטער.
דעם יאָך געשלעפּט און גאָרנישט געקלערט,
דעם רויש פֿון די טעג, ניט באַנומען, ניט געהערט.

7.

פֿון גרויען פֿרימאָרגן, ביז פֿינצטער, ביז נאַכט,
ס'האָט יאַנקל געאַרבעט און גאָרניט געטראַכט,
פֿון היים צו פֿאַבריק און דערנאָכדעם אַהיים,
האַסטיק געשפּאַנט און איינער אַליין.
אין דערבײַיקן קרעמל פֿלעגט קויפֿן דער שווײַגער,
— זײַן גוודרע האָט טײַווע געריצט באַ די ווײַבער —
אַ ברויט מיט אַ ווורשט און מיט זויערע קרויט —
געווען איז זײַן צימער ענג ווי אַ בויד.
פֿלעגט ער כראָפּען דערנאָך אַזוי מיד, אַזוי שווער:
די ברידער, דער טאַטע געקומען אַהער,
און אַרבעט און עסן פֿעלט דאָ ניט קיינעם — — —
דער וועקער פֿלעגט שטערן דעם כאָלעם דעם שיינעם...

.8

די הימלען די בלויע? די ליכטיקע טעג? —
ס'האָט יאַנקל געקענט נאָר איינאיינציקן וועג.
ס'לאַכט דאָ דער פרילינג מיט ווײַסינקע ציין,
ווי אַ צײַטיקע מיידל קומט דער זומער צוגיין,
דער גאָלדענער האַרבסט איז פאַרברוינט און אין מילד,
דער ווינטער איז אָפט בלויז אין גרויקייט פאַרהילט...
די גערטנער און פאַרקן הערן שטענדיק זיך איין
סוידעס פון פאַרלעך, און עס דוכט זיך אַז ווײַן
שוימט דאָ און ברויזט און עס זינגט און עס שפּילט,
אין נעכט ווערן הימלען אין בלויקייט פאַרהילט;
פון היים צו דער אַרבעט — כאַדאָשים און טעג,
ס'האָט יאַנקל געקענט נאָר איינאיינציקן וועג.

.9

ס'האָט יאַנקל געזען ווי עס וואַקסט די פאַבריק,
אַז אַשירעס וואָס דאָ אין אַ ווינקעלע ליגט
וועט ער קיינמאָל ניט האָבן, ס'זאָלן דורכגיין נאָך יאָרן,
איז יאַנקל ערשט איצטער געוואָרע געוואָרן;
געוועזן דאָרט אַ באַכער אי הויך און אי שלאַנק,
פלעגט ער אָפטמאָל פאַרציִען אַ שטילן געזאַנג,
אַ שטילן געזאַנג פון אַרבעט און נויט,
אַ שטילן געזאַנג פון פרײַהײַט און ברויט.
די ווערטער די פּראָסטע, האָט יאַנקל פאַרשטאַנען,
ווי ער וואָלט געהערט זיי אַמאָל פון זײַן מאַמען.
באַם טראָגן די שאַפעס, באַ דזשוויגען די ברעטער,
האָט יאַנקל פאַרשטאַנען די ווערטער נאָך בעסער.

.10

ווי זוימען וואָס ווערן ערגעץ פאַרזייט,
אַף ערד ניט-צעאַקערטער און ניט אַף קיין בײַט,
ערגעץ פאַרשאָטן זיך דורך אַ פאַרזען,
און קיינער פאַרשטייט ניט ווי אַזוי און פון ווען,

גייען דאַך אויף און בלִיען אַליין,
און וואַקסן אַרוּם דורך זאַמד און דורך שטיין.
אַ שטילער געזאַנג האָט אין יאַנקלען פאַרזייט,
אַ וואָרט וואָס האָט אים אַף וועגן באַגלייט.
ווען רויש פון מאַשינען פלעגט ווערן פאַרשטומט,
האָט יאַנקל דעם ניגן געפּרוּווט און געברומט;
דערנאָך האָט ער העכער געזונגען דעם ניגן,
ביז איינמאָל ער האָט אויך די ווערטער פאַרשריבן.

.11

דער האָרבסטיקער מײַ האָט דעם אָוונט געגלעט,
אין אָרבעטער-קלוב האָט געשײַנט דער באַנקעט.
מיד פונעם שפּאַנען, נאָר פרייד אינעם טראָט,
איז מען געקומען פון דאָ און פון דאָרט.
אין אָרבעטער-קלוב איז ליכטיקער הײַנט,
ס'איז יעדער אַ כאַווער און יעדער אַ פרײַנט.
זיי האָבן געבראַכט דעם זיג אַף די הענט,
און אַ פלאַמיקער רוף האָט אין הערצער געברענט.
און פּאַשעט און קלאָר האָט ראַזען גערעדט.
ס'האָט יאַנקל די ווערטער געצערטלט, געגלעט,
דערנאָך, ניט געוואַגט, איז ער צוגעקומען,
און עפּעס געפרעגט אים, און בעסער באַנומען.

.12

געברום פון מאַשינען און הענט אין געיעג,
אין פאַבריק איז געוואַקסן אַ ריזיק פאַרמעג.
אַ בייזער געשריי האָט נאָך גיכער געיאָגט,
אין שוויים און אין יאָך איז געלעגן דער טאָג.
ס'האָט עמעץ געברומט: „ס'איז נאָענט די צײַט"
ס'האָבן זעגן געזונגען: זי איז שוין ניט ווײַט.
ס'איז נאָענט די שאָ, איז קעמף כאָטש ס'איז שווער,
פון האַמערם אַן אָפּקלאַנג: איך הער און איך שווער!
און דיר האָט דײַן קלאַס דאָס בעסטע פאַרטרויט:
די פרײַהײַט איז העכער פון לעבן און טויט.
אַזוי האָט אַ בליציקער באַכערם דערקלערט
אַף אַ קעמערל-זיצונג און ס'האָט יאַנקל געהערט.

.13

צו הערשלען זײַן ברודער, האָט יאַנקל געשריבן:
„טײַערער ברודער, ניט האָב קיין פאַראיבל
וואָס כ'האָב ניט געענטפערט, דו וועסט מיך פאַרשטיין,
דער ליכטיקער טאָג וועט ניט קומען אַליין...
און איך בין געוואָרן אַ רינג אין דער קייט,
כ'טראָג אין מײַן האַרץ דעם פּלאַן פון פּאַרטיי.
וואַרט איך אַז דו, און דער טײַערער מייער,
זאָלן קומען אַהער, וואָס גיכער און פרײַער.
„און דיר האָט דײַן קלאַס דאָס בעסטע פאַרטרויט,
ניט וויכטיק איז ווו ס'ווערט די פרײַהײַט געבויט.
בעט איך אײַך ברידער, ניט זעט זיך פאַרזאַמען,
און גרוסן און קושן דעם טאַטן, דער מאַמען".

.14

זיי זײַנען געגאַנגען. די נאַכט האָט געהערט
דעם שמועס דעם שטילן. ס'האָט יאַנקל דערקלערט
ברידער, פאַרשטייט, אַזוי איז די זאַך:
„מייער מוז גיין אינעם נאָדל-פאַך;
דאַרף מייער שוין איצט, אַ מינוט ניט פאַרלירן,
ס'גרייטן זיך שנײַדער אַ שלאַכט צו פאַרפירן
פאַר פרײַהײַט, פאַר ווירדע, פאַר אַרבעט און ברויט
און דיר האָט דײַן קלאַס דאָס בעסטע פאַרטרויט.
און הערשל וועט גיין אין האָלץ-סינדיקאַט,
ס'רויכערט די לופט זיך, און דו ביסט אַ יאַט...
ס'איז וויכטיק, מײַן ברודער, דו זאָלסט עס פאַרשטיין,
דער ליכטיקער טאָג וועט ניט קומען אַליין..."

.15

פון פונקען — אַ פײַער, פון פײַער — אַ פלאַם,
געשוימט האָט די אַרבעט ווי כוואַליעס אין יאַם.
אין ליכטיקן קלוב, האָבן כאַרן געזונגען,
אין צימערן ענגע מען האָט זיך געדונגען:

לייג אַרויף און וואָס מער, האָבן געבעטן זיך יונגען,
און מען האָט זיך פאַרמאָסטן אַף גרעסערע שווינגען.
פון פונקען — אַ פײַער, פון פײַער — אַ פלאַם,
ס'איז ניט דאָס לעבן אַ שפּילעכל סטאַם;
געגאָסן פון שטאָל איז געווען דער פאַרלאַנג,
דער פאַרלאַנג איז געווען געוועבט פון געזאַנג;
פון לענינשן עמעס געשמידט און געטאַקט,
אַ באַשלוס איז געווען — אַ הייליק פאַרזאָג.

.16

ס'איז שאַרפער געוואָרן דער קאַמף אין דער וועלט
און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָבן פאַרשטעלט
פינצטערע וואָלקנס די זון און דעם טאָג,
און גיפטיקע אויגן אַף יעטוועדן ראָג
האָבן געשטאָכן פון קעמפער די טריט,
און ס'האָט זיך דאָס שלעכטס ווי אַ וואָלקן פאַרהילט.
ס'איז שאַרפער געוואָרן דער קאַמף אין דער וועלט,
אין היטלערשן האַס זיך האָבן געקלעמט
פאַרכאַפּער פון מי און באַצווינגער פון נויט.
ס'האָבן קוילעם געדונערט: גיט אַרבעט און ברויט!
פאַרהילכט דאָס געשריי האָבן ביקסן-געקנאַלן
און צענדליקער זײַנען אין קאַמפן געפאַלן.

.17

איז וואָס וואָלט געווען האָט יאַנקל געקלערט:
ווער צו די וואָס באַאַרבעטן געהערט וואָלט די ערד?
ווען ברויט וואָלט געווען און אַ שוך און אַ קלייד
און די שיינקייט פון לאַנד — אַלעמענס פרייד?
איז וואָס וואָלט געווען ווען קינדערלעך קליינע,
וואָלטן אין שולן געוואַקסן איניינעם?
און ס'וואָלט ניט געטריבן די נויט און די פּײַן,
זיי זאָלן צײַטונגס-פאַרקויפער, שוכפּוצער זײַן?
און ס'וואָלט ניט געשטויסן די טעכטער פון לאַנד,
צו זינקען אין אָפּגרונט פון שמוץ און פון שאַנד?
איז וואָס וואָלט געווען, ט'ער אין טפיסע געטראַכט,
ווען ס'אַרבעטער-פאָלק וואָלט געווען בײַ דער מאַכט?...

.18

די נויט איז געוואָקסן אין היימען, אַף וועגן,
אַזויווי אַ טײַך וואָס הויבט זיך פון ברעגן.
כ'האָבן זיך שטרײַקן צעגאָסן אין לאַנד,
נאָר עס האָט זיי דעדריקט אַ גרויזאַמע האַנט.
כ'איז יאַנקל געגאַנגען אין קאַמפן געוואַגט,
און איז פון די קאַמפן געקומען געשטאַרקט.
מיט מערער נאָך גלויבן אינעם טאָג פונעם זיג,
מונטער דער טראָט און קלאָרקייט אין בליק.
פאַרטריבן פון היים און אין גאַסן געיאָגט,
און ווו ניט גענעכטיקט, דאָרט ניט געטאָגט.
נאָר ס'איז אים געווען, ניט שווער און קיין לאַסט —
ווי אַ לאַווע געגליט האָט, צום סוינע זײַן האַס.

.19

ס'זײַנען געשטאַנען כאָרעוו, צעשטערט
די קלובן, די שולן, וואָס האָבן געהערט
צו בויער פון לאַנד, צום אַרבעטער־קלאַס.
און אין אַרבעטער־היימען ז'געוואָקסן דער האַס.
אין שטילקייט, פאַרטאַיעט זיי זײַנען געקומען —
איינציקווײַז, רויִק, נאָר פאַרזאָרגט און פאַכמורעט —
אַרבעטער־פירער און פלענער פאַרקלערט — — —
די נאַכט האָט די דײַגעס די שטילע געהערט.
נאָר אויגן פון שפּיאָנען האָבן דאָרט זיי געטראָפן,
און ס'זײַנען יעדיִעם ווי ווינטן געלאָפן:
מען האָט זיי געכאַפּט, ס'איז קיינער אַנטלאָפן,
און אַ באַפעל האָט געקלאַפּט: שטרענג זיי באַשטראָפן.

.20

די נעמען געלייענט, אַרויס גייט פון קאַמער.
כ'איז ענג דאָ אַצינד? — ס'וועט ווערן באַלד גראַמער...
און ס'האָט איינער דערנאָך מיט אַ גאַליקן פּאָנים,
פאַר שעדלעך דערקלערט זיי, באַטראַכט זיי פאַר סאָנים,

מען דאַרף ניט אַזעלכע, איר ווערט דעפּאָרטירט!
(ס'האָט זײַן אויג זיך פאַרטשעפּעט אין יאַנקלס אַ בליק).
געשוויגן האָט יאַנקל, נאָר אין האַלדז האָט געשטיקט:
ער האָט קיינמאָל אַ טאָג ניט פאַרפעלט אין פאַבריק,
און ערלעך פאַרדינט דאָ, דאָס ברויט און דאָס העמד,
און קיינעם באַליידיקט און קיינעם פאַרשעמט;
ס'האָט יאַנקל געשוויגן, בלויז אין האַרץ האָט גענאָגט:
ר'האָט אַזויפיל געשאַפן און מען יאָגט און מען פּלאָגט.

.21

אין איינצלנע קאַמערס פון אויטאָ, פאַרקלעמט,
פאַרשלאָסן אין ווענט און פאַרקייטלט די הענט,
איז דער אויטאָ געלאָפן גאַס-איַין און גאַס-אויס:
— מען פירט זיי אַרויס, מען וואַרפט זיי אַרויס!
דער שאָפער געהאַט האָט אַ שטרענגן פאַרזאָג:
וואָס גיכער זיי ברענגען אין זאָנע פון פּאָרט.
נאָר פון אויטאָ געטראָגן האָט זיך אַ געזאַנג:
דאָס שלעכטס און דאָס בייז וועט ניט דויערן לאַנג!
ס'האָבן גאַסן געהערט, ס'האָבן מענטשן געהערט,
און לאַזונגען שאַרפע האָבן רו דאָרט צעשטערט;
ס'האָבן גאַסן געזען פון שווערדן דעם בליאַסק,
און רײַטער צערייצטע צו צוימען דעם האַס.

.22

רוישיק געווען איז אין פּאָרט, אַרום שיף,
ס'האָבן פרײַנט זיך געזעגנט, ס'האָבן קינדער געשטיפט.
ס'האָבן אויגן געלויכטן פון פרייד און פון טרערן,
ס'האָט איינער געבעטן ניט איבערצוקלערן.
און צערטלעכע בליקן, זיי האָבן געגלעט,
די וואָס מיט בענקשאַפט געקוקט פונעם דעק.
נאָר אַ שטים ווי אַ דונער האָט געגעבן אַ שמעטער:
די געבראַכטע אַצינד זײַנען ניט קיין פאַרברעכער,
אַרבעטער נאָר, וואָס פאָדערן רעכט,
און קעמפער פאַר שאָלעם, די פרײַהײַט — פאַר קנעכט,
און ווערן דערפאַר פאַרטריבן אַצינד — — — —
אין פּאָרט האָט דער צאָרן געברויזט ווי אַ ווינט...

.23

שפעט אין דער נאַכט, ווען די שיף האָט געשניטן
די שוימיקע כוואַליעס, וואָס זײַנען געשטיגן
ווי בערג, און באַלד זיך צעגאָסן,
געפאַנגען פון כוואַליעס און אין כוואַליעס געפלאָסן.
צו אַ כאַוועך וואָס איז דאָרט געשטאַנען פאַרקלערט,
און האָט איצט זײַן כאַלעם גערזען ווי צעשטערט —
האָט יאַנקל געזאָגט: „ס'שטערט דעם פאַרלאַנג ניט קיין צוימען,
קיין יאַמען, קיין בערג, ס'איז איבעריק טרוימען,
דאַרפסט שמידן דעם טאָג לויט דײַנע באַגערן,
ס'וועט קיינמאָל די ווײַטקייט דײַן ציל ניט צעשטערן".
און עס האָבן געזען די זילבערנע שטערן,
ווי ס'האָט איינער געשלונגען, געשטיקט זיך מיט טרערן . . .

.24

ס'האָט אַ רעגן געגאָסן אין יענעם פרימאָרגן,
און טיף האָט די בענקשאַפט געעקבערט, געוואָרגן.
איבער גאַסן געשפּאַנט, געווען איז אַלץ פרעמד,
ס'איז יאַנקל געגאַנגען צעכראַסטעט דאָס העמד.
צו ענג איז געווען אים די שכײנישע ערד,
דעם אומרו פון צײַט האָט ער שטאַרקער געהערט.
און ער האָט פאַרלאַנגט: דאָרט ווו עס שטורעמט, —
דאָרטן זאָל ווערן זײַן פעסטונג, זײַן טורעם;
און ער האָט פאַרלאַנגט: דאָרט ווו ס'איז שווער, —
צוזאַמען מיט קעמפער אָפן זעלבן שפּאַן ערד;
און ער האָט פאַרלאַנגט: קומען צוריק, —
אַ קעמפער מוז זען אין די קאַמפן דעם זיג.

.25

געפאָרן, געוואַנדערט, איז יאַנקל געקומען,
דאָס בייז האָט ווי וואָלקנס, ווי שוואַרצע געשווומען,
נאָר ער האָט געשטעלט זיך אין פאָדערשטער ריי,
ס'איז פרעמד אים געווען, אי שרעק און אי ווייִ.
ס'האָט יאַנקל באַנומען דעם זין פון די ברויזן,

דעם שטורעם געזען און ווי עס בלִיִען די רויזן...
און ס'האָט אים דער אומרו צו קאַמפן געטראָגן,
ס'וואַקסן די שלאַכטן אַריבער, און יאָגן...
געטאַנצט אין זײַן הארץ האָבן ליכטיקע שטראַלן:
קערנער פאַרזייטע ניט ווערן פאַרפאַלן.
געלויכט האָט דער זיג, פון פאַבריקן און פעלדער,
דער זיג האָט געברויזט ווי עס רוישן די וועלדער.

.26

פון אַ זיצונג זײַנען זיי זײַנען געגאַנגען באַנאַנד,
דערנאָך האָט כאַנע באַם געבן די האַנט,
געשוויגן, מיט אָטעם פאַרהאַקטן, און ער איז געבליבן...
די שווערקייט פון מאָרגן באַטראַכט, ניט געלאָזט זיך פון ספּייקעס באַזיגן,

און גוט איז געווען אין צימער אין קליינעם,
שמידן און גלויבן אין כאַלעם דעם שיינעם.
עס האָבן געשוימט ווי כוואַליעס די טעג,
אַט איז ער געקומען, אַט איז ער אַוועק,
אַ שטרײַק האָט פאַרשטומט אַ ציגל־פאַבריק,
איז וויכטיק דער קאַמף דאָרט און וויכטיק דער זיג;
ער האָט האָפענונג געטראָגן אַף פּלייצעס אַף ברייטע
און ער האָט זי פאַרזייט אַף וועגן צעווייטע.

.27

זיי זײַנען געגאַנגען, זיי האָבן געאײַלט,
אַט הערט מען אַ שאָס און עמעצער שרײַט;
אַט הערט מען אַ רוף און עמעצער פאַלט,
זיי זײַנען געלאָפן, אַט קומען זיי באַלד.
זיי זײַנען געגאַנגען באַוואָפנט אין שלאַכט,
און האָבן געטראָגן לויטער אין נאַכט:
אַ קינדיש געזאַנג — די פרייד פונעם טאַטן,
דעם גלויבן אין זיג און אַ מאָרגן אַ זאַטן;
זיי זײַנען געגאַנגען אין קאַמף, אין גערעכטן,
העלפן דעם מענטשן און באַזיגן דעם שלעכטן;
מיט נאָגאַן אין די הענט און מעכטיק אין גאַנג
האָט יאַנקל געשפּאַנט, האָט יאַנקל געאײַלט.

.28

עס האָט אים געגעבן אַ ברען אינעם האַלדז
און ער איז געפֿאַלן. וועט ער זיך אויפֿשטעלן באַלד,
קעגן סוינע זיך שטעלן, מיט פויסטן אים שלאָגן,
נאָכדעם וועט ער צו די אַרבעטער זאָגן:
דער ליכטיקער טאָג וועט ניט קומען אַליין,
ברענגט אים מיט מאַכט און אַנטקעגן אים גייט.
און ער האָט געזען: ס'שפּאַנען אין רייען,
טויזנטער מענטשן און קינדער זיך פֿרייען.
ס'איז יאָנטעוו אין לאַנד, ס'פֿלאַטערן פֿענער,
און אַלץ איז געוואָרן אי בעסער, אי שענער.
איז וואָס וועט ער ליגן דאָ איצטער אַליין? ... —
די נאַכט האָט געזען ווי אַ לעבן פֿאַרגייט ...

.29

פֿאַרנאַכט האָט כאַנע געוואַרט ער זאָל קומען, —
ס'האָבן וואָלקנס געקוקט אין אַ שווײַגן אַ שטומען;
אין אָוונט האָט כאַנע געמיינט אַז ער שפּאַנט, —
די טיר האָט ניט קיינער באַרירט מיטן האַנט.
און זי האָט געוואַרט און זי האָט געוואַרט, —
און עפּשער איז יאַנקל אין טפֿיסע פֿאַרשפּאַרט? ...
באַנאַכט האָט כאַנע געכליפּעט, געוויינט, —
וועט זי אים דערציילן די באַהאַלטענע פֿרייד? ...
פֿאַרטאָג איז כאַנע אין אומרו געשלאָפֿן,
און זי האָט געזען די שוועל ט'ער באַטראָטן.
נאָר ער איז ניט געקומען, ער איז ניט געקומען,
ס'האָבן וואָלקנס געקוקט אין אַ שווײַגן אַ שטומען.

.30

זיי זײַנען געשטאַנען אין צאַר און אין צאָרן,
ווי אַפּן עקראַן אַדורך זײַנען יאָרן
די ליפּן פֿאַרקלעמט, די אויגן נאָך שטרענגער,
דער קרײַז איז געוואָרן מער נאָענט און ענגער.
זיי זײַנען געשטאַנען אין פֿלאַם פֿון מערידע,

געשוואָרן ,ווי יאַנקל, ניט באַגיין קיין בגידע,
קלעטערן האַסטיק צום שפּיץ־באַרג פון זיג,
אין גאַנג פונעם קאַמף — ניט ווערן מיד ;
זיי זײַנען געשטאַנען באַלאָדן מיט גלויבן :
די פרײַהײַט וועט קיינער באַ אונדז ניט באַרויבן,
זיי האָבן געזונגען מיט מעכטיקע שטימען :
מיר וועלן צום ברעג דערגיין און דערשווימען.

.31

פאַרוים איז געגאַנגען יִיסראָעל און כאנע,
זיי האָבן ביידע געשוויגן און גוט זיך פאַרשטאַנען,
די פאָן האָט געפלאַטערט מוטיק, צעצונדן,
ער האָט שטיל איר געזאָגט : מען דאַרף היילן די וווּנדן.
מען דאַרף היילן די וווּנדן, ניט העלפן וועלן טרערן,
אויך איך וועל איצט גיין דורך אַלע אונטערערדן,
אַז אַ רינג ווערט פאַרלאָרן, אַ צווייטן פאַרשמיד,
מוטיק ווי ער זאָלסט זינגען זײַן ליד.
פאַרוים איז געגאַנגען יִיסראָעל און כאנע,
און אַקסל באַ אַקסל אַ מוטיקע מאַכנע,
זיי האָבן אין גאַנג דעם טרויער געבראָכן,
און הילכיק געזונגען דאָס ליד פון ניצאָכן.

דאָס אַלזשירער מיידל דזשאַמילאַ באַהירעד

מיידל פרעמדע, —
מיט טיף־פאַרברוינטע, גליִענדיקע אויגן,
אָנגעצונדענע פון די שקיִע־פלאַמען,
דײַן נאָמען האָט אויפגעטויכט ווי אַ רעגנבויגן,
דײַן קאָל שרײַט אַריבער איבער יאַמען,
דײַן שטים האָט די טונקלקייט דורכגעלעכערט, געשפּאָלטן —
און דײַן לאַנד האָבן מיט ווונט אויפגעוואַכט מיליאַנען.
דײַן קאָל ווי אַ באַראַבאַן, וועקט און רופט,
און וועט מאָנען;
דײַן קאָל ווי אַ בליץ,
דעם פאַרכמאַרעטן הימל צינדט.

מיידל, מיידל פרעמדע, —
דײַן שטראַלנדיקע לאַנד אַלזשיר,
איז אַרומגעקײַקלט פון הויכע בערג;
אָזערעס און טײַכן שנײַדן דורך דײַן ערד —
שמייכלענדיק און שטיפנדיק ווי קינדער.
האָסט ליב דעם טײַך טשעליף.
וואָס ריזלט און קוועלט,
ווי ער וואָלט פאַרטרויט
דעם גאַנצן אַרום
אַ וויכטיקן סאָד,
און יעדער בוים און ביימעלע שאָקלט צו מיטן קאָפּ...

אין די בערג פון דײַן לאַנד,
לויערן נאָך װען־ניט־װען װעלף,
שאַקאַלן װאָיען דאָרטן אין די נעכט,
נאָר די פיר־פיסיקע האַרדעס
קומען ניט אין די שטעט;
אין די שטעט,
װוּ פײַגן זאַפטיקע, פאַרברױנטע,
פינקלען מיט שעפע און פרייד,
און דאָרט װוּ עס װאַקסט די װאַטע און דער טאַבאַק,
װוּ עס צײַטיקן װײַנטרויבן,
װוּ מאַראַנצן קושן זיך מיט דער זון שטילערהייט
װוּ עס ליגן אין טיפענישן פון דער ערד;
אײַזן, צינק און צין
זאַלץ — פון יעדן מין,
און דאָרט װוּ דער מאַרמאָל װערט געהאַקט,
געזעגן, געטאָקט און געשליפן
דאָרטן גייען אום די באַרבאַראַכאַס,
די פיראַטן פון צװאַנציקסטן יאָרהונדערט —
גענעראַלן און אַדלליט פון די פאַריזער קאַבאַרעטן,
װאָס רויבן דאָס גוטס פונעם פאָלק.
און שטיקן און טרעטן,

דזשאַמילאַ באַהירעד,
מיידל מיט טיף־פאַרברױנטע גליִענדיקע אויגן,
װי אונדזער ניוטע טייטלבוים,
װי די העראָישע זאָיאַ,
האָסטו דײַן יונג לעבן אַנגעצונדן װי אַ פאַקל, —
פאַר די צען מיליאָן מענטשן פון דײַן פאָלק,
פאַר די פעלקער פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט,
פאַר אַלע װאָס װילן מער נישט זײַן קיין קנעכט,
פאַר אַלע װאָס װילן אויפבינדן זייערע הענט
פון קאָלאָניאַלן יאָך,
פאַר אַלע װאָס קעמפן פאַר פרײַהײַט און רעכט,

פאַר אַלע וואָס שפּינען ליכטיקע טעג,
פאַר אַלע וואָס פּלאַסטערן מיט בלוט און שווייס דעם וועג
צו דערלייזונג,
פאַר אַלע וואָס שפּינען פון מי, פון האָפענונג, פון טרערן,
אַז אױף דער ערד זאָל העלן די לויטערקייט פון שטערן.

דזשאַמילאַ באַהירעד, —
אַ פאַרשלאָסענע אין טפיסע־ווענט,
פאַר דײַן בליִענדיקן מוט,
פאַר דײַן גרויסן אויסגעשטאָלטן זאָיאַ־טאַט,
האָבן פראַנצויזישע גענעראַלן און באַנקירן,
זיך פאַרכלינעט פון סינע,
און דורךברילן
פון וועלפישע ציין און אָדלערשע נעגל,
האָבן זיי דײַן קאָפּ געזען
אױף דער גילאָטינע,
דײַן גוף —
אַרײַנגעשליידערט אין אַ גרוב — — —
נאָר דאָס פאָלק פון מאָרים טאָרעז,
דער העלדנמוטיקער אַרבעטער־קלאַס,
האָט מיט קויעך און קוראַזש,
אין געראַנגל אין שווערן,
נישט דערלאָזט די האַק זאָל פאַלן,
דײַן יונג לעבן זאָל ווערן פאַרשניטן.
זינג־זשע דזשאַמילאַ איצט אין טפיסע,
זינג מיט די זין פון פראַנקרייך:
די קאָמונאַרן און די מאַקים
די מאַרסעליעזע:

„צום געווער, ברידער!
פאָרמירט אײַערע באַטאַליאָנען,

לאָמיר מאַרשירן ,מאַרשירן, מאַרשירן!"
זינג דזשאַמילאַ באַהירעד,
ס'איז דײַן מאַרסעליעזע!
פון אַלזשיר ביז כינע,
פון וויעטנאַם
ביז די לענדער פון מיטללענדישן יאַם,
שמידן די שמידער,
האָפענונג און טרייסט, פרײַהײַט און גליק.
זינג דזשאַמילאַ באַהירעד,
אַ פאַרשלאָסענע אין טפיסע־ווענט,
די מאַרסעליעזע;
ס'זינגט מיט דיר,
דאָס פאָלק פון פראַנקרײַך,
די עמעסע ברידער פון אַלזשיר,
וואָס בײַלן און שנײַדן דעם פאַשיזם,
מיט פויסטן, מיט קוילן און מיט לידער
זינג די מאַרסעליעזע,
די סטראָפן פון גרויסן פרײַהײַטס־הימן,
די פעלקער פון אַלזשיר און פראַנקרייך,
שפּאַנען און זינגען באַנאַנד,
געראַנגל פון דוירעם באַפרײַונג גייט אויף מיט רום,
זינג,
זינג:
„מיט אונדז קינדער פון פאַטערלאַנד,
דער טאָג פון גלאָריע קומט!"

דאָס יינגל מיט דער לײדיקער פלאַש

זײַן פּנים װי אַ האַרבסטיקע בלאַט:
אויסגעטריקנט, פאַרגעלט און פאַרלאָשן;
װי אַ זאַנג, אַן אויסגעדראָשנס,
איז זײַן לאַנגער, אײַנגעדאַרטער האַלדז;
פון דער העמד
צעריסן און צעכראַסטעט,
װי אַן אויסגעזעצטע שויב,
קוקט אַרויס,
פאַרשטויבט און פאַרברענט,
פון װינט און פון זון, פון הונגער און פון זאַמד —
אַ ביינערדיקע האַנט.
נאָר די אויגן,
פלאַמען און העלן —
צװיי איינציקע שטערן,
אין דעם הימל דעם גרויען.

דאָס יינגל מיט דער פלאַש אונטערן אָרעם,
שטייט אָנגעצויגן װי אַ סטרונע פון אַ פידל,
װאָס װאַרט אַפן סמיק װאָס װעט זי באַרירן — — — —
ער װיל דעם שװערן טרויער,
אין אַלע טיפענישן פאַרהילן;
ער װיל די איינציקע באַקאַשע פון דער מאַמען דערפילן.

דאָס יינגל מיט דער פלאַש אונטערן אָרעם,
װי אַן אָפּגעבראָכענער צװײַג,
שטייט לעם דער לאַנגער באַן,
װאָס שפּאַלט אין געלויף אַזוי גיבערדיק,
דעם גליװער פון די פעלדער,
װאָס ליגן צעשפּרייט,
פאַרהאַרטעװעט אין שװײַגן
ער קען ניט אַװעקגיין פונדאַנען,
אָן װאַסער, אָן װאַסער פאַר דער מאַמען.

אַ הינטעלע וואָיעט.
עס נאָגט אים דער הונגער אין בויך,
פון דאָרשט דאָס צינגעלע שטעקט עס אַרויס,
קליין און גרויס, פון עס־וואָגאָן, ווערן טיף באַצאַרט:
נעבעך, ווי דאָס הינטעלע זעט אויס.
אַ דאַמע הייבט אויף אירע פאַרזשמורעטע אויגן,
פון ווײַס־געדעקטן, זאַטן טיש,
זי גיט אַן איידעלן זיפץ:
אַ — — — !
ווען זי קען אים צוּוואַרפן אַביינדל,
ווען זי קען אים כאָטש געבן אַ גלעט,
נאָר ס'איז שפּעט,
די באַן גיט איר לעצטן, לאַנגן פײַף,
שטאָל באַרירט שטאָל,
שטיל און שטײַף;
די באַן גיט נאָכאַמאָל אַ הודע,
די רעדער צעלאָזן זיך אין געדודער,
די באַן גייט אַוועק.

דאָס יִנגעלע שטייט אַף דער זאַמדיקער ערד,
פאַרצאַרט און פאַרצערט,
מיטן ליידיקן פלאַש אונטערן אָרעם,
ווי אַ ביימעלע וואָס וויאַנעט,
וואָס טרינקט אינדערפרי ניט קיין טוי,
אַפילע קיין ביסעלע רעגן,
ס'זאָל כאָטש סטײַען אַף טרערן...
דאָס שטילע, נאָכאַנאַנדיקע קלאַפּן,
פון די רעדער אין די רעלסן,
דערטראָגן זיך פון ווײַט,
אָט הערט זיך אַ צעצויגענער פײַף,
די באַן זאָגט אָן אַ נײַעם פונקט,
דערנאָך ווערט שטיל,
עס שווײַגן די ביימלעך,
ווי שטייענדיקע פליגלען פון אַ מיל.

דאָס יִנגעלע קוקט
ווי אַ צעשראָקן פייגעלע אַף אַ צווײַג,
ס'קלאַפּערייַ פון די רעדער אין די רעלסן,

ליגט צעשאָטן,
די האָפענונג צעטראָטן,
דער באַן איז אַנטלאָפן.

גיט וואַסער אַ טראָפּן!
וואַסער!
וואַסער!
זײַן פּאָנעם ווערט בלאַסער,
די מאַמע ליגט אין הײַזקע אָף דער ערד,
פאַרהונגערט, פאַרשמאַכט — — —
האָ?!
באָרוועס, איגעם גאַנג, בלײַבט ער שטיין
לעם אַ הוילן, נאַקעטן שטיין,
ער טראַכט:
פאַרוואָס איז אין דער ערד פון סאַנטיאַגאָ,
קיין וואַסער ניטאָ?
פאַרוואָס רוישן דאָ ניט קיין טײַכן?
פאַרוואָס איז דאָ אויסגעטריקנט אַלץ און פאַרדאַרט?
פאַרוואָס האָבן די מענטשן פון באַן,
פריילעכע, זאַטע,
זײַן געבעט ניט געהערט? —
וואַסער, וואַסער פאַר דער מאַמען!
פאַרוואָס האָט דער גאַלעך מיטן רויטן פּאָנעם
ניט געהאַט קיין פּיצעלע ראַכמאָנעס — — —
וואַסער, וואַסער פאַר דער מאַמען!
פאַרוואָס האָט די דאַמע,
אַ פרוי ווי זײַן מאַמע,
נאָר מיט ליפּן רויטע, פאַרפּוצט און פאַרקעמט,
געשוויגן אַזוי פרעמד,
זיך געמיִעסט פון זײַן העמד — — —
וואַסער, וואַסער פאַר דער מאַמען!
פאַרוואָס?!
פאַרוואָס?!

דאָס יִנגל אַנטלויפט פון דער באַן,
וואָס איז לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
ווי אַ העזל וואָס איז פון אַ יעגער פאַרוווּנדעט,
ער לויפט איבער טאָל און בערג,
מיט אַ ליידיקער פלאַש,

אין זײַנע אויגן ברענט האָס, —
וואַסער, וואַסער פאַר דער מאַמען!

נאָענט פון דער הײַזקע,
ווו די מאַמע ליגט אַף דער ערד,
ווערט אים שווער,
ווערט אים היים,
טרערן פון זײַנע אויגן גיבן ווי אַ שטראָם אַ פלייץ,
טרערן פון אַ טיפן קוואַל — — —
וואַסער, וואַסער פאַר דער מאַמען! ...

דער שוואַרצער כאָלעם
פון מיסטער פאָסטער

וואָלקן־סטאַדעס אויסגעצויגן,
איבער גרויסן, ווײַטן הימל,
ווי קודלאַטע שוואַרצע בערן,
ווי קודלאַטע שוואַרצע הינט;
די לעוואָנע טיף פאַרזונקען,
אויסגעלאָשן אַלע שטערן,
די נאַכט, אַן אײַנגעטונקטע
אין רויך פון רויכערדיקע האָלעוועשקעס,
אַ לאַנגן שוואַרצן כאָלעם
אַ בייזע איצטער שפּינט.

מיסטער פאָסטער שלאָפט.
זײַן פּאָנים ווי די צורע פון אַ וואָלף
איז האַרט און קאַלט ווי שטיין;
באַלויכטן פון אַ האַלב־נאַכטיקן אַבאַזשור
רויט אַף אים די האָזע;
זײַנע ליפּן די פאַרקלעמטע,
דראָען מיט שטעקנס,
מיט מאַוזערס,
מיט דער לופּע
פון אַ שווערן קוילנוואַרפער — — —
פון זײַן שאַרפער, פאַררויטלטער נאָז,
ציִען זיך די כראָפּעס ווי שטריק,
וואָס קומען ערגעץ פון פאַרטונקלטע טיפן,
ער כראָפּעט און ער שימפט פאַרביסן:
אָ, צום טײַוול!

צו וואָס פאַר אַ שטופּע,
האָט זיך אַמעריקע דערקײַקלט!

ער שנאַרכט
די כאַשכעס ווערט אַף שטיקער איצט צעשפּאַלטן,
פון די קאָנטורן שיילט זיך אוים,
דער נאָענטער אָריענט,
זאָל זײַן אַז ער שטייט אין פלאַמען
אָדער פויסטן און פאַקלען
האָבן אויפגעהויבן מיליאָנען הענט.
פון ציטער,
גליווערן זײַנע פינגער,
ווי צווײַגן טרוקענע אין אַ קעלט,
ער עפנט אויף אַ האַלבן אויג:
ערגעץ ווײַט אַ דונער דעם הימל שטורעמט,
פון בליצן ווערן וואָלקנס טיף צעשניטן,
אָ!
סיריע האָט פאַרשאַפט יעסורים,
וואָס טראַכט מען איצטער אין עגיפּטן?...
אַפן ראַנד צווישן וואַר און כאָלעם,
ער זעט ווי ס׳רויכערט זיך אַף טאָל און בערג,
עס ווערט אים שווער — — —
נאָר פון ווײַט דערטראָגט זיך גיך,
אַ ראַשיקער גערויש:
עקבערס בויערן מיט קראַפט,
ד׳עסטילאַרניעס לײַטערן דעם נאַפט,
רערן ציִען זיך פון איראַק,
אָ, ווי געשמאַק!
אַ וווּנדערלעכע סימפאָניע:
די באָיעס טרײַבן די פעלאַכן,
טרײַבט! טרײַבט!
זאָל דער מאַוזער רעדן פון צײַט צו צײַט...!
טרײַבט!
דרײַ טויזנט מיליאָן דאָלער איז דער ווערט
פון אונדזער פאַרמעגן אַף יענער ערד;
יאָגט זיי פלינק!
פעלאַכן — זײַנען אונדזערע שקלאַפן,
איראַק — אונדזערע אַ פּראָווינץ.
נאַפט, נאַפט!
טרײַבט!

מיליאָנען פּעסלעך נאַפט,
ווערן אויסגעצאַפּט,
יעדן טאָג, יעדן טאָג,
זים און ווייניק ווי דער וווּנדערלעכסטער זאַפט...

מיסטער פּאָסטער שלאָפט:
אים כּאָלעמט זיך אַ טיש,
וויין און בלומען,
קעלנער פון אַלע נאַציעס פון דער וועלט,
האָט מען אַהער געבראַכט,
נאָר זיי בוקן זיך ניט,
זיי זאָגן ניט: אָ, האַר!
עס שרעקט זיי ניט די מאַכט,
און אין אויגן זייערע סינע ברענט — — —
פּלוצלונג האָבן טעלעפאָנען זיך צעקלונגען:
„איראַק איז אויפגעשטאַנען!
זי מאָנט איר ערד, איר פרייהייט, איר פאַרמעג״!

דער נעפּל פון די אויגן פאַרשווינדט,
ווי בערג וואַקסט אויס די זאָרג,
זיי בלייבן שטיין,
ווער וועט רירן זיי פון אָרט?...

נאָר ערגעץ אין פענצטערלעך
פון הייזקעס קליינע,
שיינט אַריין אַ נייער טאָג,
סטרונעס ווי שטראַלן בעטן:
שפּיל, באָכער, מיידל, שפּיל,
טאַנצן פינגער, שפּילן פידלען,
און פעלקער־כאָרן הילכן זינגען.

אַ בריוו צו דאָוויד ספּאַרד

(אַן ענטפער אַף זײַן ליד „אַ בריוו צו אַ פרײַנד”)

די שורעס, כ׳שרײַב צו דיר נאָך הײַנט,
באַלד ווי כ׳האָב דײַן בריוו געלייענט;
כ׳פיל, מיר זײַנען טיפע פרײַנד,
די פאָן די זעלבע, איבער אונדז זי ווײַעט
און כאָטש די ווײַטקייט אונדז צעשיידט,
האָט שטענדיק קיינמאָל נישט צעטיילט...

כ׳פיל דײַן צאַר, ער איז מײַנער אויך,
דו פיבערסט אין דײַן גאַנג מיט ציטער;
אַף יעדן שפּאַן זעסט וואָלקנס רויך
זיגן אין דער שלאַכט פאַרביטערט;
זעסט הימלען בלויע ווערן בלאַס,
עס ווערט דיר פרעמד און קאַלט די גאַס.

דיר דאַכט אַז „יענע פרילינגס-צײַט”,
ליגט לעם טיר אין בלוט געקוילעט;
די שטערן קוקן קאַלט און ווײַט,
די זונען-פלעקן ווערן בוילעט;
די פרייד וואָס האָט גערוישט אין גאַנג,
איז ווי אַן אויסגעדראָשן זאַנג.

מען דאַרף דאָס וואָרט וואָס גליט ווי קוילן
איצט צעפלאַקערן נאָך מער;
ניט דער פרילינג בליט מיט גרוילן,
ניט די שווערקייט מאַכט אונדז שווער;
ניט מיר צאַנקען, ניט ס׳איז שקיִע,
ווען אין רוימען ספּוטניקס פליִען!

עס האָט פּאַשיזם — אַ הוראַגאַן,
אונדזער בוים טיף צעריסן;
כוואַליעס האַס און כוואַליעס סאַם,
ווי כּאַיעס האָבן אונדז געביסן;
און כאַטש געפאַר איז שוין אַריבער,
אונדזער צאַר אין פײַנען פיבערט.

פאַראַן אַ וואָרט וואָס באַצויבערט,
אומענדלעך איז ער, ווי דער הימל;
עס האָבן אים געהאַמערט טרוימער,
מיט הערצער הייסע אים באַפליגלט;
פאַראַן אַ וואָרט — סאָציאַליזם,
וואָס וועט שטאַרקן און באַשיצן.

גלויב! מיר דאַרפן אַלע גלויבן!
און ווײַטער גיין אין שלאַכטן נײַע!
עס זוכן סאָנים אונדז פאַרטויבן,
אַז פאַרנאַרט האָט אונדז די פרײַהייט.
גלויב! די שאָ די גרויסע איז אין גאַנג.
ווי מאָרגן־רויט גייט אויף, אונדזער ליכטיקער פאַרלאַנג.

פּערציק יאָר

אַ שניי, אַ ווינט אַזאַ האַרטער און אַ בייזער,
פעלדער ליגן שטומע, פאַרקאָוועטע אין פראָסט;
פאַרלוירן פאַר די שניי־בערג, קוקן אומעטיק די הײַזער,
צי דער וואָס זיצט אין הימל, האָט טאַקע זיי פאַרלאָזט?...
די שרעק, די בלינדע יאָמערט, זי שלײַכט זיך דורך פאַרטאַיעט,
דער שניי פאַרדעקט די שפּורן, אין ערגעץ זי פאַרשווינדט.
דער זיידע זאָגט איצט טילים, קענען ווערטער סטאַיען?
די סרייפע ניט מען לעשט, נאָך מער זי מען צעצינדט...
מיט פראָסט איז ווינט באַלאָדן, ער ווערט איצט שאַרף און האַרבער,
אָט קומט איצט אָן די נאַכט, וואָס וועט ווײַטער זײַן?
לעם רויכיקע האָלעוועשקעס, שטייט אַ טאָפּ מיט וואַסער,
דער האַרטער הונגער קאָכט זיך, קאָכט זיך דאָרט ניט איין...
דער זיידע זאָגט איצט טילים, מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע,
ער בעט באַ גאָט קיין סאַך ניט, „ס׳זאָל ווערן ווי געווען"
ער שאָקלט זיך און פילט,: „די וועלט ליגט אַ צעקראַכטע
ווער ווייס צי זי וועט שוין, אַרויסגיין פון דער קלעם"....

זיי גייען: פויערים, באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס, שמידן,
זיי גייען און זיי זינגען, אָן מוירע און אָן שרעק:
„אַראָפּ דער קייסער —זינגען זיי— גענוג געליטן" — — — —
די קוילעס און געזאַנגען עפענען דעם וועג.
פאַרגאַפטע דורך שפּאַרונעס, קוקן קרעמערלעך דערשראָקן,
צי זײַן וועט ווי ס׳זינגען, די פראָסטע לײַט, האַמוין?...
טויערן פאַרמאַכטע, פאַרן פאָלק ווערן אָפן,
די קראַפט פון באַצווינגער, לייזט אויף זיך ווי אַ רויך.
זיי גייען און זיי זינגען, שטראַלנדיקע לידער,
רויטע פענער קוקן שטאָלץ, אין דעם מעכטיקן גאַנג:
הייבט העכער אונדז, הייבט שטאַרקער, שוועסטער און ברידער,
„פון בלוט און טרערן האָבן מיר, געשלאָסן אַ פאַרבאַנד".

די פרײַהײַט וואָס מיליאָנען האָבן געשמידט און געטאָקט,
אין נויט און אין דאַכקעס, אין טפיסעס און טעראָר,
וועט פאַר פעלקער ווערן, דער אײביק ערשטער פרילינג-טאָג,
דער אויפגײיענדיקער, לויטערער, זינגענדיקער קאַיאָר.

זײ גײען. פויערים, באַלמעלאָכעס, ייִדן-שמידן,
דער שטאָל פון די געזאַנגען ווי שווערדן איצטער קלינגט:
— „אַראָפּ דעם יאָך!", מיר וועלן און מירן זיגן,
טרוימען פון די פרײַהײַט-לידער, ווערן אויסגעשפּינט...
דער טוי פון די געזאַנגען, מאַכט מילד דעם שאַרפן פראָסט,
די פענצטער און די טירן, ווערן ברייט צעעפנט;
„האָסט אַ לעבן אָפּגעלעבט, קוק אום זיך וואָס דו האָסט?
איז קום מיט אַלעמען, פאַר אַ נײַעם לעבן קעמפן".
זײ גײען. די מאַכנע וואַקסט, זי שפּאַנט איבער בערג און איבער גריבער.
זײ גײען, גערעאַנגלען פון דוירעס בינדט זי איצט פאַנאַנדער,
דער טאַטע זינגט די הייסע, די פלאַמעדיקסטע לידער,
די מאַמע, אין מאַכשאָוועס, פון שווערן לעבן וואַנדערט.
זײ גײען אַף די שטאַפּלען צום אויסגעטרוימטן מאָרגן,
מיט לידער — פּאָשעטע, געלײַטערטע אין פּײַן,
צעשאָטן אַפן שניי, פאַרגליווערט ליגן זאָרגן,
וואָס האָבן יעדן טאָג, זיך פאַרמערט און באַנײַט.

אָט איז די טריבונע, דער רעדנער אַף אַ שנײַדער-טיש,
זײַנע ווערטער פלאַמען אויף, ווי ערעוו אַ שטורעם — בליצן:
„כאַווײרים! גענוג געגעבן אונדזער מי און שוויים,
עס זאָל לעבן גליקלעך פאַבריקאַנטן און די פּריצים".
זײַן הייסער קאָל האָט זיך, אין געווירבל געכוואַליעט,
האָט אָנגעקלאַפּט מיט האַסט, מיט שטורעם אין די הערצער,
די ווערטער זײַנע זיך אײַנגעפּעסטיקט ווי שפּאַליעס,
די געדאַנקען — געבליאַסקעט האָבן ווי שטאָלענע רעלצן.
ער האָט גערעדט .וועגט מעכטיקע, פאַלן האָט זיך געדאַכט,
די רישעס האָט געברענט אין פאַלאַצן פון אונטערדריקער,
שלינגענדיק די קלאָרע רייד, האָט דאָס פאָלק געהערט ווי עס קראַכט,
דער צאַריזם ווערט צעברעקלט און צעשמעטערט אַף שטיקער.
מײַן מאַמעס אויגן ווי לאַמטערן האָבן אויפגעבליצט,
די הויכע עסטער די שנײַדערקע, איז געוואָרן נאָך העכער:

„די רעוואָלוציע מיט אונדזער אייגן לעבן וועט מוזן זײַן באַשיצט
ליבע פריינט: לאָמיר איצטער דאָ פון גאַנצן האַרצן שווערן".

ווינטן האָבן זיך צעהוליעט, אין אַ שטורעמדיק געיעג,
מיט שווערע וואָלקנס, אַף די ברײַטע פליגל,
מיט רוגזע האָט דער פראָסט, זיי באַגעגנט אַף ברעג און וועג,
מיט שנײַדיקער קעלט, זיך פאַרנומען זיי באַזיגן.
די שלאַכט האָט זיך צעשפּילט, אַף יאַמען און אַף ערד
די שלאַכט האָט זיך צעצונדן, אין פאַרגליווערטע הימלען,
ביז פרילינג האָט מיט קראַפט, זיך פאַראַנקערט אַף בערג,
אַף יאַמען און קאַנאַלן, צעכוואַליעט ט'ער געשוווּמען.
דערנאָך האָט זיך די ערד, אַ פריידיקע צעגרינט,
אין הימלען געבליאַסקעט האָבן מיליאָנען שטערן,
פון שטראַלן לויטערע, האָט זון אַ מילדע אויסגעשפּינט,
אַ טאָג אַ נײַעם, פון די ליכטיקסטע באַגערן.
די פענצטער פון די הײַזקעס, האָבן געקושט זיך מיט דער זון,
ס'האָבן צווײַגן זיך געשושקעט, מיט טײַוועדיקע בליקן,
ס'האָט די יוגנט געזונגען: „דער פרילינג קומט אָן!"
געענטפערט האָבן עכאָס: אַף לעבן און אַף זיגן.

דער פרילינג פון די פעלקער, אין צעוויכערטן פאַרמעסט,
איז געקומען אַף דער ערד, מיט לויטערקייט באַלאָדן,
וואָס יאָרהונדערטער דוירעס האָבן געשמידט און געהעפט,
אין פּײַן און אין לײַדן, די האָפענונג געטראָגן.
ס'האָט לענינס בסורעדיקער קאָל, זיך צעטראָגן איבער וועלט,
מיט כאָכמע און מיט קראַפט, מיט קלאָרקייט און מיט שטורעם,
ווו פינצטערניש ט'געוואָרגן — האָט אויפגעבליצט, צעהעלט,
ס'האָט יעדער טאָג אַ טרוים אַ ליכטיקן געפורעמט.
דער פרילינג פון די פעלקער, איז געקומען אַף דער ערד,
מיט וווּלקאַנישער קראַפט, צעשטערן אונטערדריקער;
דער געוויסן, דער לויטערער, וואָס האָט געבלוטיקט און געיערט,
זאָל אַף אייביק ווערן, די פאָן און דער זיגער.
ס'האָט דאָס פאָלק פון טכום, דערהערט לענינס קאָל:
„די שאָ פון דערלייזונג, שמידט איצטער אָדער קיינמאָל!"
האָבן פלאַמיקע לעקערטס, ווי פליסיקער שטאָל
געשטראָמט פון די בערג און געשטראָמט פון דעם טאָל.

נאָר די פרייד און דעם זיג, וואָס געשמידט האָט דאָס פאָלק
אַף אַלע לעשווינעס, פון גרויסן פאַרבאַנד,
האָבן הערן רויבער, פאַרטראָגן ניט געקאָנט,
פאַרטאַיעט ווי וועלף, זיי האָבן די סינע געשאַרפט.
פאַרכלינעט פון האַס, האָט דאָס פּריצישע פּוילן,
מיט רעציכע באַפאַלן די סאָוועטישע ערד,
ס׳האָבן שטעטלשע כאַטקעס, געקוקט מיט שטוינונג:
די באַפרייטע פּוילן — די פרייהייט צעשטערט.
אין דינסט פון מאַגנאַטן, האָבן פּריצישע לומפּן,
מיט פייער געשפּיגן, אַף דער הייליקער פאָן,
באַלמעלאָכעס, דורך פענצטער,, געפּלעפּט און פאַרשטומטע,
האָבן געזען זייער צוקונפט, זיך וויגן אין קאָן,
ווייסרוסישע פעלדער און שטעטלעך און שטעט,
זיינען געוואָרן, פון פּריצים צעטראָטן,
איז נאָכאַמאָל הונגער און נאָכאַמאָל שרעק,
אַף יעטווערן שפּאַן, האָט די סינע געזאָדן.

נאָכאַמאָל זיינען די גאַסן פאַרשנייטע,
נאָכאַמאָל גרינען די פעלדער און ס׳בליט.
ס׳הערשן ווי שטענדיק, דער גוויר און דער שויטע,
איבעריק זיינען, אַרבעטער און ייִד.
ס׳וויגן זיך טעג ווי גרויע זקיינים,
די שטערן פון הימל קוקן און שווייגן;
דו ביסט אין דיין היים און האָסט דאָ ניט קיינעם,
אַן איינזאַמער בוים, אָפּגעבראָכענע צווייגן.
ס׳האָבן די שפּיאָנען, אַ שאַרפן פאַרזאָג:
די ווייסרוסישע יוגנט, דאַרף גייען אין די טפיסעס;
אין וואָלקנס אין גרויע, איז פאַרוויקלט דער טאָג,
ווי קראָפּיווע וואַקסן, סינע און רישעס.
ס׳דאַרפן זיך ייִדן, פאַרנעמען פון דאַנען,
דעם פעקל אַף פּלייצע און היידאַ, אַוועק!
מען האָט אונדז ייִדן, געוואָרפן פון באַנען,
אַף רוסן, געהאָגלט, מיט טעראָר און שרעק.

מיט זאָרג אַף די אַקסלען, אַף שטיינערנע וועגן,
אין לענדער אין פרעמדע — פאַרלוירענער טרוים,

אַ זעג האָט דעם בוים, אַף שטיקלעך צעזעגט,
איז נאָך ווײַטער געוואָרן די ערד פונעם רוים...
דער טוי האָט געוואַשן, די אויגן, פאַרבענקטע,
ניגונים נײַע, האָבן אין האַרץ זיך פאַרוועבט,
עס זײַנען געוואָרן, ברייטער מײַנע פּלייצעס,
צו מײַן נײַער היים, איך האָב זיך באַהעפט.
נאָר דאָס פאַקל אינעם גאַנג, איז געווען און פאַרבליבן,
ס'לאַנד פון מײַנע טרוימען, די לענינ'שע ערד,
אויב ניט געקענט האָב איך ווערן, אַ בויער פון סאָציאַליזם,
איז זײַן איר באַשיצער פון ווײַטנס מיר באַשערט.
מיט אַ זינגנדיק האַרץ, מיט פאַספאַר אין די אויגן,
איך קוק צו מײַן היימלאַנד, אַ פאַרליבטער וועכטער;
כ'בין שטענדיק גרייט, זי צו היטן, פאַרטיידיקן, —
פון איר גייט אויף, די וועלט, די גערעכטע.

ווינטער צי זומער, אין אַרבעטער־קליידער,
פון פאַבריק אין סינדיקאַט, פון סינדיקאַט אין קלוב;
די גווורע ווי צעמענט, האָב איך געגאָסן קעסיידער,
אַ גרייטער געשטאַנען, אַף פּאַרטייאישן רוף.
נאָך זיצונגען הייסע, ביז שפּעט אין דער נאַכט,
מיט ביכער באַהעפט, מיט ליכטיקע געדאַנקען,
כ'האָב מיט קלאָרקייט באַנומען 'קאַפּיטאַל" פון מאַרקס,
אין טיפעניש פון לענינען, ווי אַ טויכער דערגאַנגען.
כ'האָב קיינמאָל געהאַט, קיין טאָג פון ניסאָיען,
ווו איך זאָל דאַרפן, דעם צווייפל צעקלאַפּן,
כ'האָב געטאַנצט פון פרייד, פון יעדער בויונג,
האָס דערגרייכט מיט זיג, האָט ראַטנפאַרבאַנד.
ווינטער צי זומער, האַרבסט צי פרילינג,
אין די שפּעטע נעכט אין אַ בוידעם־שטיבל,
כ'האָב מײַן האַרץ אײַנגעוועבט, אין לאַנד פון סאָציאַליזם,
גערופן זי פאַרטיידיקן, דורך באַגײַסטערטע לידער.

ט'איז ניט געווען קיין ווידערקאָל, פון סטאָס אַ כאַלעם,
נאָר די פעסטע שטים, פון פּרעזידענט קאַלינין — — —
אין וואָלקנס פאַרשווונדן, זײַנען טכום און גאָלעס,
אין העלקייט איז אויפגעגאַנגען, אַ יידישע רעפּובליק.
אַ וואָרט וואָס איז געווען, אי אומבאַקאַנט, אי פרעמד,

איז געוואָרן אַזוי היימלעך, אַזוי מונטער, אַזוי טײַער,
פאַרפאַנצערט איז ער געקומען מיט יאַם, מיט בערג, מיט ערד,
וואָס צוגעזאָגט האָט, דער נאָוועמבער פון באַפרייונג.
צום ערשטן מאָל, נאָך יאָרטויזנטער אין וואָגל,
האָט אויפגעבליצט פון כאַשבעס, אַ באַצויבערטע די ערד,
קיינער וועט ניט קענען מער, טרײַבן אונדז און יאָגן,
ברענען אונדז און מאָרדן אונדז, דורך גזיירעס און דורך שווערד.
כ׳האָב געזונגען האָפּשטיינס הימן, צו בירא בידזשאַן,
כ׳האָב געטאַנצט אַף דער „כאַסענע” וואָס פעפער האָט באַזונגען;
דעם נעפל פון טכום, האָט לענין פאַרוואַנדלט אין טוי און אין מאַן,
ראַטנפאַרבאַנד, האָט די קויכעס אונדזערע, אויפגעבונדן.

אַף זוניקע בריקן, פון לענינשע געדאַנקען,
מיר זײַנען געגאַנגען, שטאָלן די טרוימען,
מיר האָבן אין בירא געזען שיפן פאַראַנקערט,
עראָפּלאַנען פליִען, אין בידזשאַנער רוימען.
מיר האָבן געהערט, דעם טיפן וויקועך,
פון יידישע טראַקטאָריסטן, וועגן מאָטאָרן — — —
אַט איז דער נײַער, דער סאָוועטישער נוסעך —
אַ פאָלק פונדאַסניי, איז געבוירן געוואָרן.
מיר האָבן געהערט דאָס ערשטע געוויין,
פון אַ נײַ-געבוירן קינד, אין אַ יידישן דאָרף;
ס׳וועט וואַקסן אַ דאָר, אין דעם ראַכוועס פון פליין,
וואָס וועט באַנײַען דאָס פאָלק, מיט גוורע און וואָרט...
מיר האָבן געזען, די דערלייזונג שפּאַנען,
דורך אַלע פאַרצאַמטע און אָפענע וועגן,
דער אויפגאַנג האָט געפלייצט ווי וואַסער פון קראַנען,
די שקיִע — זיך דערוויײַטערט, ווי אַ פרעמדע שיף, פון אייגענע ברעגן.

דער בלויער הימל, פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
האָט זיך אין שפּיציקער בייזקייט פאַרוואָלקנט.
הומאַניזם איז געלעגן, ווי אַ שטרויספויגל פאַרטוליעט,
די גערעכטיקייט האָט זיך, געקרישלט, געשפּאָלטן.
מיט שאַרף פון דער שווערד, אַף דער שפּאַנישער ערד,
האָט פאַשיזם געפרווט, די קויכעס זײַנע,
צו וועלן סאָציאַליסטן, לאָזן אומגעשטערט,

דער נאַצישער אָנפֿאַל, האָט ווי אַ צוואַנג געדריקט;
באַרויבטע פֿון רעכט, מיט געבונדענע הענט,
מען האָט אונדזער פֿאָלק, געמיימעסט, געשטיקט.
די קינדער מע האָט, אַף די שײַטערס פֿאַרניכטעט,
די מאַמעס, די טאַטעס, פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט,
מען האָט אונדז באַשולדיקט אין קערעווען די געשיכטע —
שאָלעם און פֿרײַהײַט זאָל הערשן אַף דער וועלט.

מיט הילכיקן פֿאַרמעסט, מיט ליבשאַפֿט און גוורע,
האָט ראַטנפֿאַרבאַנד געשפּאַנט, אַף דער ערד און אין רוימען,
אָנצינדן אין מענטש, דעם פֿלאַם פֿון ווירדע,
אויפֿברעכן פֿאַר אים פֿאַרגליווערטע צוימען.
נאָר פֿאַשיסטישע וועלף, פֿאַרטאַיעטע אין טאָלן,
אין ווילדן שיגאָען, האָבן געיאָגט זיך נאָך רויב;
ס'האָבן עראָפּלאַנען, ווי ווינטמילן געמאָלן,
אַף פֿרידלעכער ערד, זיי האָבן געזייט מיט טויט.
די גרויזאַמע טעווטאָנען, האָבן זיך געיאָגט נאָכאַנאַנד,
די פּלוצלונגדיקע טויט-כוואַליעס, איז שווער געווען פֿאַרהאַלטן,
אין וווּנדן, אין טיפֿע, איז געלעגן דאָס לאַנד,
אָפּשטעלן דעם מאַבל, האָט זי זיך געראַנגלט.
פֿאַרטרײַבן די כאַיע, ניט נאָר פֿון איר ערד,
נאָר אויך פֿון אייראָפּע, די פֿאַרצוקטע אין קלעם;
זיי האָבן זיך געשלאָגן, זיי האָבן זיך געווערט.
אין גרויזאַמע געפֿאַרן, האָט געזונקען די וועלט.

מיר זײַנען געלאָפֿן אָן אָטעם איבער גאַסן,
נאָר ס'איז ניט געווען, קיין געלויף פֿון שיגאָען,
אין אַ שאָ אַזאַ שווערער, פֿון טעראָר און פֿאַראַטן,
ווען געפֿאַרן פֿון אומקום, אַף ראַטנפֿאַרבאַנד לויערט.
נאָר עס האָבן געשמידט די סאָוועטישע פֿעלקער,
דעם גורל פֿון דער וועלט ווי שמידער און קריגער,
דער טיפֿער זין, פֿון לעגענדאַרן „אויב ניט נאָך העכער",
פֿאַרבלאַסט איז געוואָרן, פֿון די רעאַלע מאַרטירער,
וואָס האָבן, ווי צעמענט, געגאָסן זייער בלוט,
צו פֿלאַסטערן דעם וועג, פֿון געגאַרטן ניצאָכן,
און האָבן פֿאַרפֿלאַנצט, ביישפּילן פֿון מוט,

ווי כוואַליעס זאָלן פּלייצן, טעראָר און פּײַנען?...
עס זײַנען געלאָפן, מיט נאַקעטע הענט,
די זין פון די פעלקער די פרײַהייט באַשיצן;
מיר, די געברענטע, פון אויטאָ־דאַ־פעס — — — —
מיט הערצער אַנטבלויזטע, קעגן אינקוויזיציעס.
מיט בליציקע אויגן, מונטערע געזאַנגען,
מיר זײַנען געגאַנגען, די פינצטערניש שפּאַלטן;
ס'האָבן באַטווינס געבראָכן שטאָלענע צוואַנגען,
ס'האָבן לעקערטס געקלעטערט די וואָלקנס פאַרהאַלטן.

עס האָט דער פאַשיזם — דאָס געשווּיר פון טויט
פון ראַצכישן קלאַס, זיך פאַרהאַרטעוועט, געוואַקסן,
אַלץ וואָס מיר האָבן מיט מי דאָ געבויט,
זיי האָבן צעשטערט און זיי האָבן צעבראָכן.
דער נאַצישער גיפט, האָט מיט שטורעם געפּלייצט,
איז אַריבער די ברעגן פון לענדער, קאָנטינענטן,
דער מעכאַבל האָט די סינע, מיט נאַפט געהייצט,
ס'זאָל ביזן גרונט, דערגרייכן די צעשטערונג.
ווי אַ כאַיע האָט היטלער געריטשעט, געשריגן,
עס האָבן געריטשעט די היטלערס אין כאָר;
ווי ווילדגראַז געבליט, האָבן שעקער און ליגן,
פאַכדאָנים האָבן ליגנס, פאַרוואַנדלט אין וואָר.
די זין פונעם פאָלק אין טפיסעס פאַרקלעמט,
אין גרויליקע פּײַנען, אין ווילדן טעראָר,
מען האָט אונדז געשטיקט, מיט שטעכיקע הענט,
מיט סמאָלע פאַרגאָסן, מען האָט דעם קאַיאָר.

די צייט איז אַרײַן אין אַ פינצטערן טונעל,
וואָס האָט זיך געשלענגלט צום אָפּגרונט, צום טיפן,
די מילכאָמע געקלאַפּט האָט באַ יעטוועדן שוועל,
אין הימלען געפלויגן, געשווּומען אַף שיפן.
באַפעלן פון טויט, דורך מיסע־מעשונעס,
האָבן געקריצט, מיט וועלפישן האַס,
פאַרגרייטע געוועזן, גאַזן און טליִעס,
קוילן און הינט, קלאַלעס און סאַם.
עס האָט די מילכאָמע, זיך צעפלאַקערט, צעברענט,

אַז פֿעלקער זאָלן קענען, זיך באַפֿרייען פֿון יאָך.
דאָס לאַנד פֿון סאָציאַליזם צו קענען פֿאַרטיידיקן!
מיר זײַנען געלאָפֿן, אַליין און צוזאַמען,
מיט שטורעם אין הערצער, מיט בליציקע אויגן,
ווי נעמט מען פֿליגל, צו פֿליִען איבער יאַמען?

אַף דינסטע סטרונעס פֿון הערצער מיליאָנען,
האָבן בסורעס ליכטיקע, זיך צעזונגען און צעהעלט; —
די נאַצישע בעסטיע — אין זומפּ פֿון מאַפּאָלע,
באַפֿרײַט און באַנײַט, וועט ווערן די וועלט!
דערנאָך האָבן זיגן, ווי קאַיאָר געשפּאַנט,
די וואָלקנס פֿאַרטריבן, פֿון פֿאַרטונקלטן רוים;
דערנאָך האָבן זיגן, געהאַמערט, געקלאַפּט,
ווי כוואַליעס אין שטורעם, גערוישט און געשוימט;
דערנאָך האָבן זיגן, ווי זונען געהעלט,
דערנאָך האָבן זיגן, צום טאַקט געשפּאַנט;
דערנאָך האָבן זיגן אומגעקערט:
דעם אַרבעטער זײַן מאַשין, דעם פּויער זײַן לאַנד;
דערנאָך האָבן זיגן, געהיילט און באַשיצט,
אויך אונדזער פֿאַרפּײַניקט, ייִדיש פֿאָלק,
דערנאָך האָבן זיגן, מיט גוטסקייט געטריפֿט,
זיי האָבן געשטאַרקט, און זיי האָבן געשטאָלט.

אין דער שטאָט וואָס איז, דאָס האַרץ פֿון דער וועלט,
איז דער טײַוול געלעגן, אין טיפֿעניש פֿאַרבאָרגן,
ער האָט זיך אין טויזנטער מאַסקעס פֿאַרשטעלט,
געוווען זײַן באַגער — אויסלעשן דעם מאָרגן.
מיט רעציכע פֿאַרטושט, דאָס ליכט פֿון די הערצער,
די לויטערסטע געדאַנקען, האָט ער דערשטיקט;
די הייליקע ווערטער: „אַלע פֿעלקער זײַנען ברידער",
צעטראָטן האָט ער און דערנידעריקט.
אינעם שווערן גאַנג, צום ליכטיקן טאָג,
האָט זיך פּלוצלונג אַ פֿינצטערער וואָלקן פֿאַרשפּרייט,
דער לויטערער קוואַל, האָט מוטנע געשטראָמט,
דער גלײַכער וועג — אין זיג־זאַגן פֿאַרדרייט.
אין דער שטאָט וואָס איז, דאָס האַרץ פֿון דער וועלט,

די פונדאַמענט שפּאַלטן האָט אַ פאַרברעכער געוואַלט,
זאָל דער אָנדענק פון מאַרטירער, אױף אײביק זײַן צעהעלט!
זאָלן שטערער פון סאָציאַליזם, אַף אײביק זײַן פאַרשאָלטן!

„טרייסט מײַן פאָלק, דו דאַרפסט די טרייסט",
דער פאַרברעכן האָט אונדז, ניט צעשמעטערט;
די פאָן פון לענין, הויך און הײס,
מירן טראָגן זי, ווי מאַרקיש און פעפער.
„טרייסט מײַן פאָלק, דו דאַרפסט די טרייסט",
דעם ליכטיקסטן טרוים, האָט ריש עם ניט פאַרלענדט;
אין הײסער שלאַכט, קעגן שלעכטס און בייז,
מיר האָבן הערצער אויסגעשטעלט.
„טרייסט מײַן פאָלק, דו דאַרפסט די טרייסט",
מען האָט אונדז צעשטויבט, אין שלאַכט פאַר פרײַהײַט;
טיף־פאַרוווּנדעטע, מיר קוקן איצט פאָרויס,
מיט מענטשן — אַ מיליאַרד, צו אַ לעבן אַ נײַעם.
„טרייסט מײַן פאָלק, דו דאַרפסט די טרייסט",
אונדזער פאָן, איז סאָציאַליזם;
מיט מיליאָנען שטימען אין איין־איינציק קאָל
שרײַ איך אויס: מיר וועלן זיגן!

מיט אַ מויל אַ צעקרימטן, פון ווייטיק פאַרקלעמט,
מיט אָפענע אויגן, צום ליכטיקן מאָרגן:
כאַווײרים שרײַבער, פאַרשטײט און באַנעמט —
די שאָ פון דערלײזונג, קומט אָן, זי איז נאָענט.
ניט מיר זײַנען איצט, אַ צעלאָזענע מאַכנע,
וואָס וואַנדערט ציללאָז אום איבער וועגן;
מיר האָבן געזיגט אין די גרויזאַמסטע שלאַכטן,
מיט פאַרוווּנדעטע הענט, געבויט דאָס לעבן.
ס'איז נויטיק אַצינד, אַ וואָרט, אַ פילפאַרביקס,
וואָס זאָל דער מאַסע, באַגײַסטערן, שטאַרקן,
כ'שטרעק אויס מײַנע הענט צו בעלענקין און האַלקין,
ווי פערעצעס װעכטער, כ'רוף נאַוויקן און בער מאַרקן.
מיר וועלן מיט טרויער, די פאַרלוסטן ניט דעקן,
מיט געווײן, מיר וועלן ניט פלאַסטערן דעם וועג,
„בידאַמאַיך כאַי!" — און צו נײַע פאַרמעסטן, —
זיג פון סאָציאַליזם, אַף דער גאַנצער וועלט!

אינהאַלט:

זייט

דער דיכטער פון קאַמף — אַרײַנפיר פון מ. זאַקין — — 7
אַנקום — — — — — — — — — — — — — — — 14

ערשטע טריט

אונדזער טאָג — — — — — — — — — — — — — — 17
מײַן זוניק לאַנד — — — — — — — — — — — 21
אַ טאַטע — — — — — — — — — — — — — — — 22
בעריסאָ — — — — — — — — — — — — — — — 23
זײ — — — — — — — — — — — — — — — — — 32
איז געקומען אַ מענטש — — — — — — — — — — 33
דעמאָנסטראַציע — — — — — — — — — — — — 34
טיפער ווערט די נאַכט — — — — — — — — — — 36
עס ווערן ברייטער מײַנע פּלייצעס — — — — — — 37

אין רויש פון טעג

אַספּאַלט, ליכט און אויסגעקרימטע שיך — — — — 41
צו אַלעמען — — — — — — — — — — — — — — 44
אין די טשאַקאַ־זומפּן — — — — — — — — — — 45
אַ רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — 46
וואָס וועט זײַן? — — — — — — — — — — — — 47
צו אַ כאַווער — — — — — — — — — — — — — 48
* * * — — — — — — — — — — — — — — — — 49
מײַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 52
אין גאַסן אָרעמע — — — — — — — — — — — — 54
אַ בריוו צו דער מאַמען — — — — — — — — — — 55
מייער ליסט — — — — — — — — — — — — — — 57
ראַמאָן בראַווא — — — — — — — — — — — — 58
מען פירט אונדז אין טפיסע — — — — — — — — 59
מיטן פּאַנעם צום וואַנט — — — — — — — — — — 60

זייט

אין „סעקסיאָן עספּעסיאַל" — 61
פון טפּיסע — 62
דעפּאָרטאַציע — 64
אַן ענטפער אַ פריינט — 66
* * * — 68
כודע — 69
צום זוניקן מאָרגן — 73

צאַר און צאָרן

מיר גייען — 77
די נעקאָמע פון לעצטן ייִד — 78
מיין מאַמע — 81
באָם יאָם — 86
מיין ברודער — 88
ווען ער וואָלט אַ ביראָ־בידזשאַנער געווען — 89
אין כוידעש אַפּריל — 91
דער לערער — 97
לייענענדיק פערעצן — 103
צו מיין זון — 105
לאָמיר זינגען ווי קריגער — 106

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן

אין גאַנג — 111
ווי שטאָל, ווי שטיין, ווי זייד — 112
לייענענדיק לעניגען — 114
ייִדיש — 117
עס רירט זיך — 122
שטאַטישער רעפלעקס — 124
צו מיין היימלאַנד — 126
מיין אָרעם וואָרט — 127
דאָס ניי־יאָר — 128
אין אָוונטיקע שאָען — 129
פרילינג — 130
פ. ס. ס. ר. — 131

זײַט

אױף די דרײַסיקסטע טרעפּ 132
באַם שװעל 133
סאַן מאַרטין 134
דער יאַנטעװ פֿון שניט 135
זון מײַנער 136
איך לעב אין אַ צײַט 137
די איטאַליענישע מױערער אין דער שטאַט בוענאָס־אײרעס 140
צו די יונגע לאַמפּן־צינדער 142
צו די ליבע פּרײַנט אין דער טפּיסע פֿון סינג־סינג 144
אין אונדזערע טעג 145
דער יאַנטעװ פֿון שניט 146
אױף די נאַקעטע אַרגענטינער פֿעלדער 147
איך טראַג אױף מײַנע אַקסלען 150
די שעליכים פֿון דער אױפֿגײיענדיקער זון 151
אין האַלבן יאַרהונדערט 152
מײַ 1955 אין פֿיר פּונקטן פֿון דער װעלט 155
צו מײַן אומבאַקאַנטן ברודער פֿון גװאַטעמאַלאַ 159
אונדזער בױענדיקער גאַנג 161
אױף די נאַקעטע פֿעלדזן 162
אונדזער װאָרט 163
אין אַן אױפֿגעטױכטן קאַיאָר 164
איך האָב דערקענט די שטאָט בוענאָס־אײרעס 166
מױשע אַלגין 173
עלעגיע אױפֿן טױט פֿון כואַן אינגאַלינעלאַ 174
מײַן האַרץ 176
פֿעלקער, פֿרײַהײַט, פֿרידן 177
עס גײט אױף, עס גײט אױף דער ליכטיקער מאָרגן 178
אונדזער אַנקומענדיקער פֿרילינג 179
דער זיבעטער נאָװעמבער 180
דײַן פּאַנים װאָס ליכטיקט 181
פֿעלקער ברעכן קײטן 182
צום סאַלדאַט װאַסקעז סאַנטשעז 184
אַ בריװ צו כאַנע סענעש 185

זייט

אונגארן — — — — — — — — — — — — — — 188
דער פעלקער־פרילינג — — — — — — — — — — 189
אין אַט דער שווערער, פּיינלעכער שאַ — — — — — — 190
דאָס געזאַנג צו דער קינסטלעכער לעוואָנע — — — — — 191
שפּעט באַנאַכט — — — — — — — — — — — — — 196
„און עפּשער" — — — — — — — — — — — — — — 197
איך שווער — — — — — — — — — — — — — — 198
דאָס געזאַנג וועגן אַ פּאַשעטן מענטש — — — — — — 199
דאָס אַלזשירער מיידל דזשאַמילאַ באַהירעד — — — — 212
דאָס יינגל מיט דער ליידיקער פלאַש — — — — — — 216
דער שוואַרצער כאַלעם פון מיסטער פּאַסטער — — — — 210
אַ בריוו צו דאַוויד ספּאַרד — — — — — — — — — — 223
פּערציק יאָר — — — — — — — — — — — — — — 225

Este libro se terminó
de imprimir el día 25 de
Setiembre de 1958 en los
Talleres
G.O.G.T.A.L
Rivadavia 767

"IMPRESIONES TRIBUNA"